STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01556

DER VEG

Permanent preservation of this book was made possible
by Edward, Jill & Julie Kutchin
in honor of
Sandy & Herb Pollack's generosity

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם ליבן ציוניסטישן
ארבעטער טוער און
פֿיינעם מענטש
אַבֿרהם טורעם

מיט פֿרײַנדשאַפֿט
מ. מענאַכאָווסקי

אויגוסט 1967

דער וועג / זאַמלבוך
לכבוד
משה מענאַכאָווסקי

נ. מאַנאַכאָווסקי

דער וועג

זאמלבוך

לכבוד דעם זיבעציקסטן געבוירנטאג פון

משה מענאַכאָווסקי

ארויסגעגעבן פון טאָראָנטער יובל־קאמיטעט

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
1964

DER VEG / ZAMLBUCH
To the Seventieth anniversary of M. Menachovsky
Published by the Toronto Jubillee Commitee

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby str., Tel Aviv

דער וועג / זאַמלבוך
לכבוד משה מענאַכאָווסקי
אַרויסגעגעבן פון טאָראָנטער יובל־קאָמיטעט
פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח' אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשכ"ד
Printed in Israel 1964

דפוס „אורלי", תל־אביב

אינהאַלט

משה מענאַכאָווסקי 7
י. זרבבל — דער דערציער 10
משה מענאַכאָווסקי — דער גליקלעכער פסיכיאַטאָר 13
אפרים אויערבאַך — חומש־סטעפ 55
יעקב גלאַטשטיין — נאַציאָנאַל אָדער אוניווערסאַל 56
משה שטאַרקמאַן — די יידישע וועלט־ליטעראַטור 62
מלך ראַוויטש — חלום און וואָר — נאָך 43 יאָר 73
אברהם סוצקעווער — שפּילצייג 79
יעקב זיפּער — און ס׳איז געווען אוונט, און ס׳איז געווען פרימאָרגן . 80
חיים גראַדע — קץ הימים 87
משה רובינשטיין — ביי לייוויקס שטול 88
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — צינד אָן דיין ליכט 95
ב. שלעווין — די אָרעמע יידישע שול 97
פּרץ מיראַנסקי — צו יידן פשוטע 103
פעסיע הערשפעלד־פּאָמעראַנץ — אייביקע ווערטן 106
ש. שמחוביץ — המרטירולוגיה היהדות בשנת תתנ״ו 110
משה מענאַכאָווסקי — געמישטע חתונות ביי יידן 120
מ. סטעריאַן — ברוך שפּינאָזאַ 135
משה מענאַכאָווסקי — בורוכוב האדם והעסקן הציבורי 161
באַגריסונגען 167

משה מענאַכאָווסקי

משה מענאַכאָווסקי, געבוירן דעם 15טן נאָוועמבער 1893 אין פּינסק, האָט שוין באַלד פון זיינע פריסטע יאָרן מיטגעמאַכט די שטורעמצייט פון סוף 19טן יאָרהונדערט, ווען די לופט איז פול געווען מיט נייע אידעען פון נאַציאָנאַלער גאולה, ציוניזם און סאָציאַליזם.

דער פאָטער, זייער אַ פרומער ייד, האָט געהאָפט, אַז דער זון וועט אויסוואַקסן אַ רב, אָבער דער זון איז גאָר אָוועק אויף אַנדערע וועגן. אַ גרויסע ווירקונג האָט אויף אים געהאַט זיין עלטערע שוועסטער רישקע (אומגעקומען אין בריסקער געטאָ), און זיין עלטערער ברודער יעקב (אַן אַקטיווער טוער פון אחדות העבודה פּ. צ. אין שיקאַגאָ). פון זיין ברודער האָט ער געלערנט די אידעען פון פּועלי־ציון. די אומלעגאַלע פאַרזאַמ־לונגען, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין הויף פון זייער הויז (אין הויף איז געווען אַ גרויסע צאָל וווינונגען), האָבן אים פאַראינטערעסירט. דער יונגער משהלע פלעגט שטיין אין הויף און אָנווייזן וווהין מען זאָל גיין צו דער אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג.

פּינסק האָט דעמאָלט געהאַט עטלעכע זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציעס, זיין ברודער יעקב האָט געהאַט פאַרשטעקט אויף זייער הויף רעוואָלווערן, שטעקנס מיט גומענע שפּיצן, אייזערנע הענטשקעס אד״גל.

צו 18 יאָר טרעט אַריין מענאַכאָווסקי אין דער פּ.צ.־פּאַרטיי און ווערט גלייך אַ פירנדיקער מיטגליד פון דער באַוועגונג. ער באַטייליקט זיך אין דער פּאַרטיי־פּרעסע („דאָס וואָרט״, פּעטערבורג), טרעט אַרויס מיט רעדעס אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. די פּאָליציי הייבט אים אָן אַרומזוכן, ער אַנטלויפט דאַן קיין ווילנע, וווּ ער איז זייער אַקטיוו אונטערן נאָמען בן ציון שוואַרצמאַן. אויך דאָ פאַרפאָלגט אים די פּאָליציי און ער פאָרט אַריבער קיין בריסק. אין יענער צייט איז ער דעלעגאַט צום 4טן

אַלוועלטלעכן פּ.צ.־קאָנגרעס, ווו ער באַקאַנט זיך מיט בער באָראָכאָוון, וועלכער מאַכט אויף אים אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַזעצט ער זיך אין בריסק, ווערט צוזאַמען מיט זיין פרוי, סטערע, לערער אין דער באָראָכאָוו־שול, נאָך דעם ווי ער פאַרענדיקט דעם לערער־סעמינאַר פון ציש״אָ און זיין פרוי — די באַוווּסטע פרעבל־קורסן פון ד״ר יצחק שווייגער.

ביי דער גרינדונג פון ציש״אָ ווערט ער פון דער באָראָכאָוו־פראַקציע אויסגעוויילט אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, ווו ער איז זייער אַקטיוו און פאַרנעמט אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע. אין בריסק צייכנט ער זיך אויס אַלס ראַטמאַן און איז אַ שטיקל צייט לאַווניק אין שטאָטראָט. זיינע אויפטריטן אין שטאָטראָט אין יידיש האָבן אַן אָפּקלאַנג איבער פּוילן. ער פירט דורך אין בריסקער שטאָטראָט אַ ריי רעזאָלוציעס און באַשלוסן: שטיצן דעם ייוואָ און דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע מיט יערלעכע סובסידיעס, אָנרופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ. זיינע אַרויסטרעטונגען אויף מיטינגען אין שטאָטראָט אַלס קאַנדידאַט, זיין קאַנדידירן צום פּוילישן סיים, איז ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון דער בריסקער שול־מאַכט, און עס ווערט ביי אים צוגענומען דאָס רעכט פון זיין פאַרוואַלטער פון דער באָראָכאָוו־שול. די פּוילישע מאַכט אין יענער שטאָט הייבט אים אָן צו פאַרפאָלגן.

אין יענער צייט וויל מענאַכאָווסקי עולה־זיין מיט זיין משפחה קיין ארץ־ישראל, אָבער ער באַקומט נישט קיין סערטיפיקאַט. ער פאָרט אַוועק קיין קאַנאַדע, קומט־אָן אין וויניפּעגער י. ל. פרץ־שול. נאָך צוויי יאָר זיין אין וויניפּעג פאָרט ער אַריבער קיין טאָראָנטאָ, ווו ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי גרינדן די באָראָכאָוו־שול.

אין אַמעריקע (קאַנאַדע) איז ער אַקטיוו אויף אַ ריי געביטן פון אָרטיקן לעבן: קאָנגרעס, שול־ און קולטור־אַרבעט, לעקציעס אד״גל.

מענאַכאָווסקי איז באַקאַנט אין די יידישע קולטור־קרייזן פון צפון־ און דרום־אַמעריקע, אייראָפּע און מדינת ישראל, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן מיט רעפעראַטן און זיך מיטבאַטייליקט אין דער פּרעסע. ער האָט באַזוכט אַ ריי אייראָפּעישע לענדער, רוסלאַנד און ארץ־ישראל אין 1936.

אין 1948 האָט ער באַזוכט בראַזיל, אורוגוויי און אַרגענטינע, אין 1954 — מדינת ישראל, אין 1963 — מעקסיקע.

ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „אונדזער וועג" און במשך גאַנצע יאָר געווען רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטשריפט. ער איז דער מחבר פונעם בוך „בער באָראָכאָוו, זיין לעבן און שאַפן" און פון „די יידישע יוגנט אויפן שיידוועג", האָט גרייט צום דרוק אַ באַנד עסייען און אַ זאַמלונג דערציילונגען. קאַפּיטלעך פון די דערציילונגען ווערן געבראַכט אין אָט דעם זאַמלהעפט.

י. זרבבל

דער דערציער

מ׳האָט אים, אַפּנים, אין די גאָר יונגע יאָרן גערופן אין דער היים משהל, און אַזוי איז געבליבן זיין אייגנטלעכער נאָמען צווישן חברים, עד היום, ווען ער איז דערגאַנגען צו די זיבעציק, ווען זיינע אייניקלעך זענען שוין אויך אין העכערן יוגנט־עלטער.

וואָס איז אַ נאָמען? האָט אַ מאָל געפרעגט אַ גרויסער שרייבער. דער אמת איז, אַז אַ נאָמען מיינט זייער אַ סך, אויב דער מענטש, וואָס טראָגט אים, שאַפט פאַר אים אינהאַלט. זאָגט דער נאָמען אויס דעם תוכן, נאָך איידער מען האָט באַוויזן צו דערקענען נענטער דעם מענטש און באַנעמען זיין עצם מהות, דער נאָמען זאָגט אָפט מאָל אויס דעם עיקר.

משהל מענאַכאָווסקי — דער נאָמען האָט מרמז געווען אויף אינטימקייט, רואיקייט, באַשיידנקייט, ס׳האָט געמיינט: געלאַסענער טאָן, אויפריכטיקייט. די אַלע שטריכן האָבן זיך פאַראייניקט אין אים און ער איז נאַטירלעכערהייט געוואָרן אַ לערער, אַ דערציער. דערציעריי איז אין זיין כאַראַקטער. שפּעטער, אין זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט ער אויפגעהיט אָט דעם גרונט־טאָן: די נטיה אַרומצונעמען פּראָבלעמען אין זייער פולן היקף און פּרובירן דערגיין צו זייער שורש, כדי דער אויספיר זאָל זיך „לייגן אויפן שכל“.

אין זיין ווינשטאָט בריסק, אין פּוילן, האָט ער פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. נישט נאָר אַלס לערער און דירעקטאָר פון דער באַראָכאָוו־שול; ער איז געווען פאַרפלאָכטן אין אַלע טעטיקייטן צווישן יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ. בריסק האָט גראָד פאַרמאָגט אַ היפּשע גרופּע טוער אין דער פאַרטיי פּועלי־ציון. מענאַכאָווסקי איז

באַטראַכט געוואָרן ווי זייער קאָפּ און פירער. דאָס מערקווירדיקע דערביי איז, וואָס ער איז געווען באַליבט און געאַכט נישט בלויז פון חברים, נאָר פון די אַלע, וואָס זענען געקומען אין באַרירונג מיט אים.

ער האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ צוליב זיין פיינער באַנעמונג און עניוותדיקער אויפפירונג.

די פּאַרטיי האָט אים געשעצט און אָנפאַרטרויט ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן און שליחותן.

מענאַכאָווסקי האָט פאַרטראָטן די פּאַרטיי אין אַ ריי אָרגאַניזאַציעס און קולטור־אַנשטאַלטן. אַלס פּעדאַגאָג איז ער געווען אָנגעזען אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ).

אין קאַנאַדע — וויניפּעג און טאָראָנטאָ — האָט מענאַכאָווסקי ממשיך געווען זיין קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. דאָ האָט ער זיך אָפּגעגעבן אויך מיט שרייבן. גאַנץ אָפט האָט ער באַהאַנדלט פראַגן פון שול און דערציונג. אין טאָראָנטאָ האָט ער בראש פון חברים אויפגעשטעלט די באָראָכאָוו־שול, וואָס האָט אַ שם און אַלגעמיינע אָנערקענונג. די אַרויסלאָזן פון דער באָראָכאָוו־שול האָבן געבראַכט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט יוגנט מיט וויסן, דער עיקר — מיט באַציונג צו יידישער קולטור און פאַרשטענדעניש פאַר פּראָבלעמען און נויטן פון יידישן לעבן. מענאַכאָווסקי צוזאַמען מיט זיינע חברים־לערער האָבן נישט געשפּייזט קיין שום פּאַרטיי־פּאָליטיק אין דער שול־אַרבעט. אָבער אָפּגעזען דערפון האָבן זיי געוועקט ביי די תלמידים, ביי דער יוגנט אינטערעס צו פּאָליטישע פראַגן, באַמיט זיך גלייך אין דער פריסטער יוגנט אויסוואָרצלען פּאַסיווקייט און ניהיליזם צום געזעלשאַפטלעכן געראַנגל. די דערציונג איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם באָראָכאָוויזם אַלס לעבנס־באַנעמונג, וואָס האָט געזען דעם מענטש, ווי אַן אַקטיוון שותף אין דעם אַלעם, וואָס עס שאַפט די מענטשלעכע געזעלשאַפט, כדי צו קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט דער שליטה פון דער סטיכיע, פון בלינדע נאַטור־כוחות אויפן מענטש.

מענאַכאָווסקי האָט זיך באַטייליקט גאַנץ אינטענסיוו אין דער פּאַרטיי־פּרעסע, אַ לענגערע צייט געווען רעדאַקטאָר פונעם פּאַרטיי־אָרגאַן „דער

פּראָלעטאַרישער געדאַנק", ספּעציעל ווען די צייטשריפט איז צוליב געוויסע סיבות דערשינען אין טאָראָנטאָ.

משהל מענאַכאָווסקי האָט אין פּוילן אין צייט אויפגעשטעלט אַ דרוקעריי — און אַ דאַנק זיין אינטערעס איז טאָקע ביי אים אין דרוקעריי דערשינען דער ערשטער באַנד פון מיין באָראָכאָוו־מאָנאָגראַפּיע. לײדער איז מיר נישט געלונגען צו פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, און זי איז אין יענעם צושטאַנד געבליבן עד היום, די איינציקע באָראָכאָוו־מאָנאָגראַפּיע אין אַזאַ היקף.

שוין גאָר די לעצטע יאָרן האָט מענאַכאָווסקי אַליין אַרויסגעגעבן זיינע אַ פּאָפּולערע בראָשור וועגן באָראָכאָווס לעבן און שאַפן, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן באָראָכאָווס לעבנס־אויפטו. און דאָס איז אָן ספק שטאַרק צו באַגריסן.

צענדליקער יאָרן איז משהל מענאַכאָווסקי געגאַנגען מיט זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן גאַנג און אויפגעצויגן דורות יידישע יוגנט אויף יסודות פון געזונטער יידישער קולטור.

ער האָט אַרויסגערופן צו זיך אַכטונג און אָנערקענונג מצד ברייטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

תלמידים, חברים און פריינט, וועלכע האָבן זיך מיט אים געטראָפן פון דער נאָענט, ווען אים איצט פון אומעטום שיקן אויפריכטיקע ברכות און ווונטשן צו ווייטערדיקע שעפערישע יאָרן.

משה מענאַכאָווסקי

דער גליקלעכער פסיכיאַטאָר

זרח אייזנבערג איז געזעסן אין וואַרט־צימער פון דעם פסיכיאַטאָר לעווין און געוואַרט ביז דער דאָקטאָר וועט אים אַריינרופן צו זיך אין קאַבינעט. ער גייט שוין צו אים אַזוי צוויי יאָר. אין דער ערשטער צייט פון זיין קראַנקהייט פלעגט ער צו אים קומען יעדע צוויי וואָכן; שפּעטער צו איז ער צו אים געקומען יעדע 4־5 וואָכן, דעם לעצטן מאָל איז ער ביי אים געווען מיט זעקס וואָכן צוריק. דער דאָקטאָר לעווין האָט אים דאַן געזאָגט, אַז די קראַנקהייט דויערט ווי געוויינלעך צוויי אַ האַלב יאָר, אויב אָבער ס׳וועט אין אַ האַלב יאָר אַרום נישט קומען קיין וועזנטלעכע פאַרבעסערונג, וועט מען אים מוזן אָפּערירן; אַזעלכע מאַרך־אָפּעראַציעס זענען אינעם רוב דערפאָלגרייך. אייזנבערג האָט אים געפרעגט, צי ער וויסט פון נאָך אַזעלכע פאַלן. דער דאָקטאָר האָט אים געענטפערט, אַז נישט לאַנג צוריק האָט מען אויף אַ פּראָפעסאָר פון אַ היגן אוניווערסיטעט דורכגעפירט אַזאַ אָפּעראַציע, און ער לערנט און אַרבעט ווייטער מיט גרויס דערפאָלג. זרח אייזנבערג איז דעמאָלט אַוועק פון דאָקטאָר לעווין אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. וואָס וועט זיין, אַז ער וועט מוזן דורכגיין אַ מאַרך־אָפּעראַציע? און טאָמער גיט זיך נישט איין? ער האָט נאָך אָבער צו וואַרטן אַ האַלב יאָר, אַלדאָס גוטס קאָן נאָך געשען, בדרך כלל האָט ער אַלץ אויסגעלייגט אויף שלעכטס, דאָס מאָל איז טאַקע אַלדאָס גוטס מקוים געוואָרן, ער איז געזעסן איצט אין וואַרט־צימער אַ מונטערער, אַן אויפגעהייטערטער, ער האָט זיך געפילט גוט, אַ פולקאָם געזונטער מענטש. די נייע מעדיצין, וואָס דער דאָקטאָר לעווין האָט אים געגעבן, האָט אויף אים גוט געווירקט.

דער דאָקטאָר האָט אים ביים לעצטן באַזוך פאַרשריבן נייע פּילן. ער

האָט געדאַרפט יעדן טאָג נעמען צוויי פּילן, אויב די צוויי פּילן וועלן נישט ווירקן, זאָל ער פאַרגרעסערן צו דריי אַ טאָג.

אייזנבערג האָט די נייע פּילן גענומען דריי וואָכן און אָנגעהויבן זיך פּילן בעסער. ער האָט געוואָלט אַליין עקספּערימענטירן און אָנגעהויבן צו נעמען נאָר איין פּיל אַ מעת לעת, און נאָך אַ וואָך צייט פון נעמען נאָר איין פּיל, האָט ער אין גאַנצן אויפגעהערט צו נעמען די פּילן און האָט מיט יעדן טאָג געפילט זיך בעסער.

זיין שטימונג האָט זיך ווי איבערגערופן מיטן דרויסן. עס איז געקו־מען דער סוף פון ווינטער, עס האָט געשמעקט מיט פרילינג, אויפגעהערט האָבן די ווינטן מיט די שנייען. דער שניי פון די זייטיקע געסלעך, וואָס מען האָט אין משך פון גאַנצן ווינטער נישט געראַמט, האָט גענומען צעגיין. אין די שטאָטישע פּאַרקן האָבן זיך באַוויזן גרינע פלעקן, ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן די ערשטע בלעטלעך פון די טוליפּאַנען, די קנאָספּן פון דיביימער זענען געוואָרן אָנגעקוואָלן, ס׳האָבן זיך באַוויזן די ראָבינס, די ערשטע אָנזאָגערס, אַז די פייגעלעך קערן זיך אום פון די וואַרעמע דרום־לענדער. פאַרטאָג פלעגט מען שוין הערן זייער טשיריקען, אָן אָנזאָג, אַז זיי קומען אָן און ברענגען די בשורה פון פרילינג, פון אויפלעב פון דער נאַטור. אַז מען איז געזעסןביים פענצטער, ווו די זון האָט אַריינ־געשיינט, האָט זיך געדאַכט, אַז אין דרויסן איז וואַרעם, אָבער, אַרויס־גייענדיק פון הויז, האָט מען דערפילט אַ קילבלעכע לופט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך פרישקייט פון פרילינג.

מענטשן זענען געווען פאַרשידן אָנגעטאָן: איינער אין אַ ווינטער־דיקן מאַנטל און אַ צווייטער אין אַ לייכטן פרילינג־מאַנטל. קינדער זענען אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן זומערדיק אָנגעטאָן, די מאַמעס האָבן מיט זיי געקעמפט: „ס׳איז נאָך נישט זומער, ס׳איז נאָך קאַלט אין דרויסן״, ס׳האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפן, דער לוח האָט געזאָגט, אַז ס׳איז שוין דער פרילינג־סעזאָן און די קינדער האָבן געהאַלטן דעם לוח ביים וואָרט. זיי איז טאַקע נישט געווען קאַלט, פאַר זיי איז געווען אַ לעבעדיקע וועלט. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואַרעמע מאַנטעלעך און געלאָפן איבערן גאַס, ווי ס׳וואָלט טאַקע שוין געווען זומער. זיי האָבן

געשפּילט אין די גאַסן בייס־באָל, בעסקעט־באָל און אַנדערע שפּילערייען; נישט איינער פון זיי האָט אָבער אַריינגעכאַפּט אַ פּרילינגדיקע פאַרקילונג.

ווען זרח אייזנבערג איז דאָס מאָל אַריינגעקומען אין דאָקטאָרס קאַבינעט, האָט דער דאָקטאָר, ווי געוויינלעך, אים געפרעגט:

— ווי פילט איר זיך, מיסטער אייזנבערג?

— זייער גוט, זייער גוט, דאָקטאָר לעווין, מיר שיינט, אַז איך ווער פולקאָם געזונט, איך פיל מיך ווי אַ נייער מענטש.

דאָקטאָר לעווין האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, די קאָלירן פון זיין פּנים האָבן זיך ביי אים געביטן, ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין ווייסן כאַלאַט, געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער, נישט געוווסט וואָס צו טאָן און ווידער אָנגעטאָן דעם כאַלאַט. דאָס שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער צונויפגעקוועטשט, געוואָרפן עס שפּילעווודיק אין דער הייך:

— דערציילט, דערציילט מיר, ווי איר פילט זיך. איך גלייב נישט די ווערטער, וואָס איר זאָגט, זיי זענען פאַר מיר ווי אַ היילונג, איך וואַרט זייער לאַנג אויף אַזעלכע ידיעות פון פּאַציענטן, דערציילט געניו.

זרח אייזנבערג האָט געשוויגן און זיך איינגעקוקט אין פּנים און אין די באַוועגונגען פון דאָקטאָר לעווין. ער האָט געזען ווי דער דאָקטאָר איז מבולבל געוואָרן פון דער נייעס, וואָס ער האָט אים דערציילט. דער דאָקטאָר האָט, אַפּנים, אויף דעם זיך נישט געריכט, ער האָט מן הסתם דערוואַרט, אַז ווי געוויינלעך וועט אייזנבערג אים דערציילן, אַז ער איז מיד פון זיין קראַנקייט, וואָס ציט זיך שוין באַלד צוויי יאָר און אַז ער האָט פאַרלוירן די האָפענונג געזונט צו ווערן. און דאָ הערט ער גאָר, אַז ער האָט באַקומען אַן אַפּעטיט צום עסן; די קאָפּ־ווייטיקן זענען ביי אים פאַרשוווּנדן, ער פילט, אַז ער קומט צו זיך. ער האָט מער נישט קיין מורא אַרויסצוגיין פון הויז, ווען דער הימל איז פאַרוואָלקנט און עס קלייבט זיך אויף אַ רעגן, ער איז אַפילו איין מאָל אַרויס אין דרויסן, ווען עס האָט גערעגנט, איז אַליין געגאַנגען דאַון־טאַון ווו ער איז שוין נישט געוועזן די לעצטע צוויי יאָר, זינט ער איז קראַנק געוואָרן, און האָט נישט קיין מורא, אַז ער וועט פאַרבלאָנדזשען.

נאָך מער, עס ווילט זיך אים איצט אומעטום גיין, באַזוכן פריינט, וואָס פריער איז דאָס ביי אים געווען אַן אָפּקומעניש, עס ווילט זיך אים גיין אין אַ טעאַטער און אויף אַ קאָנצערט. די וועלט האָט אים אָנגעהויבן אויסצוזען אין גאַנצן אַנדערש, ס'האָט אָנגעהויבן אין אים אינעווייניק צו זינגען.

אַן אָנגעשטרענגטער האָט דער דאָקטאָר זיך צוגעהערט צו אייזנבערגס רייד, ער איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרמאַכט מיט די הענט זיינע אויגן, ווי ער איז געוווינט צו טאָן, ווען ער פאַרטראַכט עפּעס, ווען ער דאַרף עפּעס דעצידירן, און צום סוף אַ זאָג געטאָן:

— איך בין זייער גליקלעך, איבערגליקלעך. די פּסיכיאַטרישע מעדיצין איז נאָך זייער יונג, מיר עקספּערימענטירן זייער פיל, אָפט ווייסן מיר נישט, צי מיר באַהאַנדלען ריכטיק דעם קראַנקן, צי מיר גיבן אים די געהעריקע מעדיצין; מיר טאַפּן, ווי מען זאָגט, אין דער פינצטער, מיר באַטרעטן אָפט אַ נישט זיכערן וועג, מיר מוזן טאָן פיל פאָרשאַרבעט. דערצו מוז מען האָבן פיל געלט און אונדזער רעגירונג העלפט אונדז ווייניק, אין פאַרגלייך מיט אונדזערע נויטן. צו די דאָזיקע פילן ווערט דער קראַנקער אָפט צוגעוווינט און ער דאַרף זיי נעמען דאָס גאַנצע לעבן. אמת, מיר פאַרלייכטערן דעם קראַנקן, אָבער מיר היילן אים נישט אויס. פאַרשטייט איר דאָך אַליין, ווי אַזוי אַ דאָקטאָר פילט זיך, ווען ער היילט כסדר אַ קראַנקן און די רעזולטאַטן זענען נישט קיין באַפרידיקנדיקע. איר זענט נישט געווען פון די ערגסטע קראַנקע, מיר האָבן פיל ערנסטערע און געפערלעכערע פאַלן, וואָס מיר מוזן האַלטן אין שפּיטאָל. אַנדערע, ווידער, מוזן מיר היטן זיי זאָלן נישט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד — דאָס קראַנק־זיין ווערט זיי דערעסן.

ס'טרעפט, אַז אַ פּאַציענט ווערט בעסער, אָבער ער איז ווייט פון געזונט ווערן, שרייבן מיר אים אויס פון שפּיטאָל, ווייל ס'וואַרטן צענדליקער קראַנקע, וועלכע מען דאַרף אויפנעמען אין שפּיטאָל. טרעפט אָבער גאָר אָפט, אַז דער אויסגעשריבענער פּאַציענט קומט צוריק אין שפּיטאָל — זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. מיר האָבן פּאַציענטן אין

אונדזער שפּיטאָל, וואָס זענען אויסגעשריבן געוואָרן און ווידער אַריינ־גענומען אַן ערך 5—6 מאָל. מיר האָבן יונגע מענטשן, וואָס מיר היילן שוין יאָרן לאַנג. אָט, אָט, דאַכט זיך, אַז זיי ווערן שוין געזונט, אָבער עס איז נישט אַזוי. בין איך דעריבער גליקלעך מיט אייך. איר זענט עס איבערגעקומען שנעל, די סימנים פון אייער געזונט־צושטאַנד זענען זייער גוטע. יאָ, איר זענט פולשטענדיק געזונט און די קראַנקייט וועט זיך צו אייך מער נישט אומקערן. איך וויל אייך זען אין אַ האַלב יאָר אַרום און דאַן וועט איר מיר דערציילן, ווי אַזוי איר האָט פאַרבראַכט די צייט. איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך גוט פילן און איר וועט זיך אָפּגע־מען כּאַר דער צייט, וואָס איר זענט געווען אַזוי אַפּאַטיש און אָן לעבנס־לוסט.

זרח אייזנבערג איז געווען אַ מאַן אין די אָנהייב זעכציקער, ער איז געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער פירמע. פאַר זיין קראַנק־ווערן זענען די געשעפטן פון זיין פירמע געגאַנגען שלעכט. אַ ריי קליענטן, מיט וועלכע די פירמע האָט געהאַנדלט, האָבן אָפּגעשטעלט די צאָלונגען, טייל האָבן באַנקראָטירט, וואָס האָט געשטעלט אין געפאַר די עצם־עקזיסטענץ פון דער אונטערנעמונג. אייזנבערג האָט זיך דאָס זייער גענומען צום האַרצן.

די פירמע, ווו ער האָט געאַרבעט, איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע. זי האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין אַ ריי לענדער און ער, זרח, איז געווען דער הויפּט פון גאַנץ קאַנאַדע. זיין פּאָסטן איז געשטאַנען אין געפאַר.

עס זענען געקומען שווערע טעג. איין מאָל איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און שטאַרקע ווייטיקן אין בויך. די לעצטע צייט האָט ער זיך בכלל נישט גוט געפילט. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס טויג נישט. עס איז אים שווער אָנגעקומען אָנצונעמען וועלכן עס איז באַשלוס. דאָס האָט שרעקלעך געווירקט אויף אים. גאַנץ אָפט האָט ער פאַרלאָזט דעם אָפיס און געגאַנגען אַהיים; ער האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן. די פרוי און קינדער זענען צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל גיין צו אַ דאָקטאָר. ער האָט עס יעדעס מאָל

אָפּגעלייגט; עס וועט פאַרבייגיין, מאַלע, וואָס אַ מענטש פילט זיך אַ מאָל נישט גוט, זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך אָבער נישט פאַרבעסערט און ער איז אַוועק צו אַ מאָגן־ספּעציאַליסט. דער דאָקטאָר האָט אים געגעבן פּילן און געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום. די פּילן האָבן גאָרנישט אויפגעטאָן, פאַרקערט, מיט יעדן טאָג איז אים געוואָרן ערגער: בויך־שמערצן, שלאָפלאָזע נעכט. ער איז ווידער אַוועק צום דאָקטאָר, וואָס האָט אים אויסגעהערט, עקזאַמינירט און אים געראָטן גיין צו אַ פּסיכיאַטער.

— בין איך דען גייסטיק קראַנק — האָט זרח געפרעגט, — כ׳וועל נישט גיין.

— איך קען פאַר אייך גאָרנישט טאָן, — האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, — איר האָט נישט קיין מאָגן־קראַנקייט. אייערע בויך־ווייטיקן און קאָפּ־ווייטיקן זענען אַ רעזולטאַט פון אייער פּסיכישן צושטאַנד. איך ראָט אייך צו גיין צו אַ פּסיכיאַטער, און וואָס פריער, אַלץ בעסער.

זרח אייזנבערג האָט ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו גיין צו אַ פּסיכיאַטער. ווי אַ היינטוועלטיקער, האָט ער דאָך געלעבט מיט דער איינשטעלונג, אַז גיין צו אַ פּסיכיאַטער איז עפּעס נישט גוט. אויב זיינע באַקאַנטע וועלן זיך וועגן דעם דערוויסן, וועלן זיי אויף אים קוקן ווי אויף אַן אומנאָרמאַלן מענטש. ער ווייסט, אַז מענטשן באַהאַלטן אויס, ווען זיי באַקומען פּסיכיאַטרישע באַהאַנדלונג, זיי דערציילן קיינעם נישט וועגן דעם, האַלטן עס בסוד.

אייזנבערג האָט געהאָפט, אַז ס׳וועט אים בעסער ווערן, אָבער קיין פאַרלייכטערונג איז נישט געקומען. ער האָט אָנגעהויבן פאַר אַלץ זיך צו שרעקן; אין אָוונט האָט ער מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון שטוב. די פרוי פלעגט דאַרפן מיט אים מיטגיין. ביי טאָג איז נאָך געוועזן צו דערליידן, ער פלעגט גיין אין אָפיס. דאָרט האָט ער אָבער זייער ווייניק געקאָנט טאָן.

אַ געוויסן אָוונט, נאָך אַ טאָג פון אויפרעגונג אין אָפיס, גייענדיק צו זיין אויטאָ בכדי אהיימצופאָרן, האָט ער דערפילט אַ קאָפּ־שווינדל און אַ שוואַכקייט אין גאַנצן קערפּער. אַן אָנגעשטעלטער פון זיין פירמע, וועלכער האָט געוווינט נישט ווייט פון אים און וועמען ער האָט יעדן אָוונט גענומען מיט זיין מאַשין אַהיים, האָט דערזען ווי ער לאָזט זיך

אַרונטער אויף דער ערד. ער האָט אים גלייך אונטערגעכאַפּט און אַריינ־געטראָגן צוריק אין אָפיס. דער דאָקטאָר, וועמען מ׳האָט אַרויסגערופן, האָט פעסטגעשטעלט אַז עס איז נישט קיין האַרץ־אַטאַק, ער האָט אָבער געהייסן אים אָפּפירן מיט אַן אַמבולאַנס אין שפּיטאָל.

דער דאָקטאָר האָט געמאַכט די געהעריקע פאַרבינדונגען. מען האָט אים גלייך אַריינגענומען אין שפּיטאָל און פעסטגעשטעלט, אַז עס איז אַ נערוון־צוזאַמענברוך.

מען האָט געלאָזט וויסן דער משפּחה. גלייך זענען אַהין אָנגעקומען די פרוי און טאָכטער. אייזנבערג איז געווען פאַרטראָגן. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים: — איך פיל זיך זייער שלעכט, ס׳גייען מיר אויס די כוחות, איך פיל, אַז דאָס זענען די לעצטע שעהען, געדענקט מיך צום גוטן. כ׳האָב מיין גאַנץ לעבן געזאָרגט פאַר מיין משפּחה.

די פרוי, די טאָכטער און דער שפּיטאָל־דאָקטאָר האָבן אים געטרייסט, אַז עס איז מיט אים נישט געשען קיין שום ערנסטע זאַך, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער קאָנען גיין אַהיים און זיין גלייך מיט אַלע מענטשן.

אייזנבערג איז געלעגן ווי אין אַ נעפּל. זיין פרוי איז געזעסן לעבן אים, געהאַלטן זיין האַנט און אים געגלעט.

די קראַנקן־שוועסטער האָט אים אַריינגעטראָגן אַ גלאָז טיי, די פרוי האָט אים דערלאַנגט עטלעכע לעפעלעך טיי. ער האָט געפילט, אַז די וואַרעמע טיי מאַכט אים פרישער און שטאַרקער. שפּעט ביי נאַכט זענען די פרוי און טאָכטער אַוועק. די קראַנקן־שוועסטער איז צו אים אַריינגעקומען, אים געגעבן עטלעכע פּילן און ער איז איינגעשלאָפן.

צו מאָרגנס אין דער פרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פון בעט נישט געקאָנט אַרונטער, ער איז געווען ווי פאַרטשאַדעט פון די פּילן, וואָס ער האָט באַקומען.

אַ קראַנקן־שוועסטער איז אַריין צו אים אין צימער. זי האָט אים אַרומגעוואַשן, געמאָסטן די טעמפּעראַטור, דעם בלוט־דרוק, און אַוועק.

אייזנבערג איז געווען אומרויק, נישט געקאָנט איינליגן, ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. אַ דאָקטאָר האָט אים

באַטראַכט און אים געגעבן אַן איינשפּריצונג, ער זאָל זיך באַרויקן און איינשלאָפן. ער איז טאַקע באַלד איינגעשלאָפן.

ער איז אָפּגעשלאָפן עטלעכע שעה. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער געזען זיין פרוי און טאָכטער זיצן ביי זיין בעט, ער האָט זיך דערפילט גוט.

— וואָס איז געשען מיט מיר? האָב איך געהאַט אַ האַרץ־אַטאַק?

— ניין, — האָט אים זיין פרוי באַרויקט, — ס'איז דיר גאָרנישט, מען וועט דיר דאָ מאַכן עקס־רייס און טעסטן. זיי ווילן זען וואָס עס איז מיט דיין אַלגעמיינעם געזונט־צושטאַנד.

די פרוי מיט דער טאָכטער זענען ביי אים אָפּגעזעסן עטלעכע שעה. זיי האָבן אים געגלעט און געטרייסט.

ווען זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, האָט זיי אייזנבערג נישט געוואָלט אַוועקלאָזן: — כ'האָב מורא אַליין צו בלייבן, גייט נישט אַוועק פון מיר, זייט נאָך אַ ביסל, איך בין דאָך אַ געפערלעך־קראַנקער. בעט די קראַנקן־שוועסטער, וועט זיך איך דערלויבן. גייט און בעט זי.

די פרוי איז אַוועק צו דער הויפּט־קראַנקן־שוועסטער. זי איז געקומען מיט אַ תשובה, אַז זיי מוזן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל.

נאָך זייער אַוועקגיין האָט אייזנבערג זיך אַרומגעקוקט, ווו ער געפינט זיך און ווער עס איז זיין שכן. ער האָט דערזען, אַז אין צווייטן בעט ליגט זייער אַן אַלטער מאַן, אפשר פון אַ יאָר 85—90, אַ בלאַסער, אַ דאַרער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן. אַז מען האָט געקוקט אויף אים, האָט זיך געדאַכט, אַז דער מענטש לעבט נישט מער. דער שכן האָט געמאַכט אויף אייזנבערגן אַ שרעקלעכן איינדרוק.

„ווו האָט מען עס מיך אַריינגעלייגט? — וועט ער דאַרפן דאָ ליגן מיט אַ נוטה למות? און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט אויסגיין אין מיטן דער נאַכט? נאָך דאָס פעלט מיר!"

ער האָט אַ דריק געטאָן אין גלעקל און באַלד איז אַריינגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער.

— ווו האָט איר מיך אַריינגעלייגט? דאַרף איך, אַזאַ ערנסטער

קראַנקער, וואָס יעדע זאַך דענערווירט מיך, ליגן צוזאַמען מיט אַזאַ חולה?

— וואָס זאָלן מיר טאָן, — האָט די קראַנקן־שוועסטער ווייך געענט־פערט. — מיר האָבן נישט קיין פרייע בעטלעך, קיין פרייע צימערן. ביי אונדז ליגן קראַנקע אין קאָרידאָר, אויף פשוטע בעטלעך און איר ליגט אין אַ צימער אויף אַ באַקוועם בעט. זייט צופרידן, וואָס איר ליגט נישט אין קאָרידאָר.

אייזנבערג איז געבליבן ליגן אָפּהענטיק, ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט, ער זאָל נישט דאַרפן קוקן אויף דעם אַלטן, קראַנקן מאַן. ער איז געלעגן און געטראַכט: ווי לאַנג נאָך וועט ער דאָ ליגן מיטן אַלטן? וואָס וועט בכלל זיין מיט אים?

ער איז געווען אַ לייענער פון דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור און געהאַט אַ באַזונדערע פאַרערונג פאַרן יידישן דיכטער ה. לייוויק. ער האָט געוווסט, אַז לייוויק ליגט אין שפּיטאָל אַ פּאַראַליזירטער אוןליידט. „מיט וואָס בין איך דאָס מער יחסן פון לייוויקן — האָט ער געטראַכט — מיר איז דאָך אַ סך בעסער פון אים, איך קאָן דאָך רירן מיט מיינע הענט און פיס, איך קען רעדן, באַוועגן זיך, ער קען דאָך דאָס אויך נישט, איז וואָס זשע בין איך אַזוי אומגליקלעך?“

„פון דער צווייטער זייט, — האָט ער געטראַכט, — יעדער איינער איז אַ מענטש פאַר זיך. יענעמסליידן, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין, מאַכן נישט גרינגער דיינע ליידן. דיינע ליידן זענען דיינע און יענעמס ליידן זענען יענעמס“.

פאַר נאַכט האָט מען אים געבראַכט עסן. ער האָט זיך אויפגעזעצט, האָט אָבער נישט געקאָנט עסן. ער האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט. עס האָט אים אויך דענערווירט דער שכן אין צימער.

קיינער וויל פון דער וועלט נישט אַוועקגיין, ווי אַלט ער זאָל נישט זיין, און זיכער וויל נאָך דער אַלטיטשקער אויך לעבן. פאַר וואָס אָבער דאַרף ער, אייזנבערג, ליידן דערפון? ער קאָן דעם אַלטיטשקן נישט העלפן, ער קאָן אַפילו קיין וואָרט צו אים נישט אויסרעדן.

מיט אַ מאָל האָט דער אַלטיטשקער גענומען זיך פילן זייער שלעכט,

ער האָט געררופֿן נאָך הילף און אַ קראַנקן־שוועסטער איז צו אים אַריין. ער האָט מיט זיינע פינגער געוויזן, אַז ער האָט בויך־שמערצן. ווייזט אויס, אַז אַזעלכע אָנפֿאַלן זענען שוין דעם אַלטן מאַן נישט געווען קיין נייעס.

ס'איז געקומען דער דאָקטאָר און נאָך אַ שוועסטער — און אַלע האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן אַלטן.

נאָך אַ פּאָר שעה אַרבעט אַרום דעם אַלטיטשקן האָט ער זיך באַרויקט און איז געבליבן ליגן אַ האַלב־טויטער, מען האָט נאָר פֿון אים געהערט דאָס אומאויפֿהערלעכע קרעכצן.

אין אָוונט האָט מען אייזנבערגן ווידער געגעבן עטלעכע מעדיצינען און אַ לייכטן אָוונטברויט.

ער איז גוט געשלאָפֿן. אין דער פֿרי האָט מען אים גענומען, צו מאַכן עקס־רייען און נעמען טעסטן.

די אַלע עקס־רייען און טעסטן האָבן באַוויזן, אַז ער איז אַ געזונטער מענטש.

פֿאַר די דאָקטוירים איז געוואָרן קלאָר, אַז אייזנבערגס חולאתן נעמען זיך פֿון זיינע נערוון און אַז ער נייטיקט זיך אין פּסיכיאַטרישער הילף.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען דעם אַלטיטשקן אַרויסגענומען, ווייזט אויס, אַז זיינע טעג זענען שוין געווען געציילטע.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַריין אין צימער אַ קרוב פֿונעם אַלטיטשקן און צוגענומען די זאַכן, וואָס זענען געהאָנגען אין שאַפֿע. געווען זענען דאָס אַלטע טראַנטעס, עס האָט געפֿעלט דעם אַלטנס רעקל. דער קרוב האָט געפֿרעגט אייזנבערגן, צי ער האָט נישט געזען דאָס רעקל. אייזנבערג האָט געענטפֿערט, אַז ער ווייסט נישט פֿון קיין זאַך, אַז ער ליגט די גאַנצע צייט אין זיינע פּידזשאַמעס. דער קרוב איז אַוועק און אייזנבערג איז געוואָרן זייער אומרויק און נערוועז. וועט מען אים באַשולדיקן אין גנבה? ניין, אים וועט מען נישט באַשולדיקן, ער ליגט דאָך אין זיין בעטל די גאַנצע צייט און ער איז אין ערגעץ נישט אַרויס, אָבער זיין פֿרוי קאָן מען דאָך באַשולדיקן. מיט אומגעדולד איז ער געלעגן און געוואַרט אויף זיין פֿרויס קומען.

די פֿרוי האָט אים שוין געטראָפֿן אַ צעטראָגענעם.

— איז עפּעס געשען דאָ מיט דיר, וואָס האָט פּאַסירט?

— יאָ, עס רוקט זיך אָן אויף אונדז אַ שוואַרצע כמאַרע, מען קאָן דיך באַשולדיקן אין גנבה און פּאָליציי קאָן קומען צו אונדז אַהיים מאַכן אַ רעוויזיע.

— וואָס האָב איך געגנבעט און ביי וועמען?

— עס פעלט דאָס רעקל פון אַלטיטשקן, ס׳איז געהאָנגען דאָ אין שאַפע, זיין קרוב איז געקומען צונעמען זיינע זאַכן און דאָס רעקל האָט ער נישט געפונען.

— וואָס איז מיט דיר, זרחקע? זיינע זאַכן זענען דאָך הוילע טראַנטעס, וועמען וועט עס איינפאַלן, אַז איך האָב עס גענומען, צו וואָס דאַרף איך עס?

אַ פּאָר טעג איז אייזנבערג געווען אומרויק און פול מיט פחד. דאָס בעט פון אַלטיטשקן האָט באַלד פאַרנומען אַ יידישער יונגערמאַן, זייער אַ דיקער, זעט אויס ער ליידט פון אַ דריזן־קראַנקייט. ער איז געווען אַ פריילעכער, אַ יונגער און האָט דעם גאַנצן טאָג דערציילט פאַרשידענע מעשיות. מען האָט אים פאַראָרדנט אַ שטרענגע דיעטע, ער מוז פאַרלירן פון דער וואָג. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. וועט ער נישט פאַרלירן קיין וואָג, איז ער אין געפאַר, זיין בלוטדרוק איז געווען זייער אַ הויכער.

אייזנבערג האָט ממש אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. איצט איז זיין שכן אַ יונגערמאַן, דערצו נאָך אַ גרויסער וויצלער.

די פּאָר טעג, זינט דעם יונגנמאַנס זיין דאָ אין שפּיטאָל, איז קיינער אים נישט געקומען באַזוכן. אייזנבערג האָט אים געפרעגט, צי ער האָט קרובים. ער האָט געענטפערט, אַז זיין פאָטער איז אויך געווען אַ דיקער, דאָס איז ביי זיי אַ ירושה־זאַך, דער פאָטער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק, דערפאַר טאַקע האָבן די דאָקטוירים אַזוי מורא פאַר אים. זיין מוטער איז אַן עלטערע האַרץ־ליידנדיקע פרוי און קאָן צו אים נישט קומען, זיינע ברידער און שוועסטער זענען פאַרנומען מיט זייערע משפחות און מיט זייערע ביזנעס און האָבן קיין צייט נישט. זונטיק וועלן זיי קומען צו אים.

אייזנבערגן האָט געעקבערט די פראַגע: „וועמען איז בעסער, אים

צי זיין שכן?״ זיכער אים, ער איז נישט קיין געפערלעך קראַנקער, פאַר וואָס זשע איז ער אַזוי אומרויִק, דערשלאָגן, און זיין שכן אַזוי פריילעך? ער האָט זיך עס נישט געקאָנט פאַרענטפערן.

דעם לעצטן טאָג פון אייזנבערגס ליגן אין שפּיטאָל האָט זיין פרוי זיך פאַרשפּעטיקט. געוויינלעך פלעגט זי קומען צו דער צייט, נאָך מיטאָג, דאָס מאָל האָט זי זיך פאַרשפּעטיקט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, אַרויסגענומען אַ זעמל מיט אַ פּרוכט און גענומען עסן, זי איז געווען צעטראָגן.

— וואָס איז געשען? פאַר וואָס עסטו נאָר אַ טרוקן שטיקל זעמל מיט אַ פלוים, איז דאָס אַן עסן? דו דאַרפסט פון מייַנעטוועגן זיך היטן, אַכטונג געבן אויף זיך, דאַרפסט דאָך מיר העלפן געזונט ווערן, פאַר וואָס טוסטו עס אַזוי?

— ס׳האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, כ׳האָב נישט באַוויזן אָפּצועסן אין דער היים, האָב עס געקויפט אויפן וועג.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך אייזנבערג דערוווּסט, אַז זיין פרוי האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש און איר איז נישט געלעגן אין זינען דאָס עסן. און מאָדנע, אָט דעם, אין פלוג אומבאַדייטנדיקן עפּיזאָד, האָט אייזנבערג לאַנג, לאַנג געדענקט.

נאָך אַ קורצער צייט האָט אייזנבערג פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל. מען האָט אים געבראַכט אַהיים, די משפחה האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ באַוווּסטן פּסיכיאַטער, ער זאָל אים באַזוכן.

פאַר דער וואָך צייט, וואָס ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָט ער זיך אָנגעזען אַזוי פיל צרות, אַז דאָס קומען אַהיים, שלאָפן אין דעם אייגענעם בעט, עסן היימישע מאכלים, האָט אים אויפגעהייטערט, אָבער דאָס געפיל, אַז ער איז נערוועז־קראַנק, האָט אים נישט צו רו געלאָזט.

זיין קוראַציע דאַרף זיך ערשט אָנהייבן. אים האָבן פאַרפאָלגט די געשטאַלטן פון די קראַנקע און באַזונדערס דאָס אויסזען פון זיין שכן. אייניקע פון זיי זענען אים געבליבן אין זכרון.

ווען ער איז געלעגן אויפן שפּיטאָל־בעטל, פלעגט פאַרביי זיין צימער

דורכגיין אַ יונגער מולאַט, שטענדיק אַן אויפגעלייגטער, אַ פריילעכער. ער פלעגט אונטערבאַמקען נעגערישע לידלעך. אייזנבערג האָט אים ממש מקנא געווען: וואָס טוט ער דאָ אין שפּיטאָל, אויף וואָס איז ער קראַנק? מען זעט גאָרנישט אויף אים, ער גייט אַרום אַזאַ לוסטיקער, אַ פריילעכער, פלירטעוועט מיט די שיינע יונגע קראַנקן־שוועסטערס.

איין מאָל, ווען אייזנבערג האָט שוין געקאָנט אַראָפּ פון בעט, איז ער אַריין אין יענעמס צימער און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס.

דער מולאַט האָט אים דערציילט, אַז ער ליידט אויף אלסערס, ער איז אויף אַ שטרענגער דיעטע, ער מעג טרינקען נאָר מילך, מערסטנטייל האָט ער נישט קיין ווייטיקן, ווען ער איז אין שפּיטאָל. אָבער יעדע נאַכט וועקן אים אויף ווייטיקן, דאַן גיט מען אים אַן איינשפּריצונג, וואָס באַרויקט אים. די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט, אַז זיי וועלן נאָך וואַרטן עטלעכע טעג און אויב די ווייטיקן וועלן זיך נישט איינשטילן, וועט מען אים מוזן אָפּערירן.

ער האָט עס דערציילט אין זייער אַ רויקן טאָן, די אָפּעראַציע האָט אים נישט געשראָקן.

פונעם שמועס האָט אייזנבערג זיך דערוווּסט, אַז ער וווינט צוזאַמען מיט זיין מוטער, ער איז שוין אַ בחור נאָענט צו די 30, די מאַמע איז זיך צעגאַנגען מיטן פאָטער, דער טאַטע איז געווען אַ שיכור און פלעגט שלאָגן סיי דער מאַמען, סיי די קינדער.

ער גייט אַרום מיט מיידלעך, אָבער זיין מאַמע וויל נישט, אַז ער זאָל חתונה־האָבן. ער איז דער הויפּט־פאַרזאָרגער פון דער משפּחה, ער האָט נאָך אַ ייִנגערן ברודער פון אַ יאָר 18 און אַ שוועסטער פון אַ יאָר 20. זיי פאַרדינען ווייניק און אָן זיין שטיצע וואָלט די משפּחה נישט געקאָנט אויסקומען. קעמפן אין אים צוויי געפילן: דאָס געפיל פון פירן אַן אייגן משפּחה־לעבן און, פון דער צווייטער זייט, דאָס געפיל לגבי זיין מאַמע, וועלכע איז אַ קרענקלעכע פרוי און קאָן נישט גיין פאַרדינען.

נאָך אַ קראַנקער איז אים געבליבן אין זכרון.

איין מאָל האָט מען אים אַריינגעטראָגן זיין מיטאָג, עס איז געווען גאַנץ געשמאַק, אַ זעלטענע זאַך אין שפּיטאָל. ווי נאָר ער האָט גענומען

עסן האָט דער אַלטיטשקער געגומען אַזוי קרעכצן, אַז עס איז אוממעג־לעך געווען איינצוזיצן אין צימער. אייזנבערג איז אַריין אין דערבייאיקן צימער, ווו עס זענען געלעגן צוויי קראַנקע, איינער פון זיי איז שוין געווען כמעט געזונט און דער צווייטער איז געלעגן אויף אַ בעטל זייער הויך אויפגעהויבן.

אייזנבערג האָט זיי דערציילט וועגן זיין שכן און געפרעגט, צי ער מעג אַריינגעמען זיין עסן צו זיי אין צימער. זיי האָבן אים פאַרבעטן צו זיך. בשעתן עסן האָט ער זיך מיט זיי פונאַנדערגערעדט.

דער וואָס איז געלעגן אויפן הויכן בעטל איז געווען נאָך אַ האַרץ־אַטאַק. ער איז שוין געלעגן אין שפּיטאָל העכער פיר וואָכן. דאָס ליגן צו בעט איז אים נמאס געוואָרן. ער איז געווען זייער אַ פריילעכער, אַ לע־בעדיקער און שיינער יונגער־מאַן. זיין בעטל איז געווען הויך אויפגע־הויבן, ער זאָל נישט קאָנען אַראָפּגיין.

די דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל בשום אופן נישט אַרונטער פון בעט, ער זאָל אין בעט האָבן אַלע זיינע נאַטירלעכע באַדער־פעניש, אָבער אים איז עס געווען זייער שווער. אַזוי גיך ווי ער האָט אָנגעהויבן זיך פילן בעסער, פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן פון בעט און אַריינגיין אין וואַש־צימער.

ווען די דאָקטוירים האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן זיי אָנגענומען קעגן אים אַ דאָס דאָזיקע מיטל — ער זאָל ליגן אויף אַ הויך אויפגעהויבן בעט. ער האָט אָבער די דאָקטוירים אָפּגענאַרט און פלעגט בעטן דעם שכן זיינעם, ער זאָל אים צושטעלן אַ שטול און פלעגט אַזוי אַרום אַרונטערגיין פון בעט.

די דאָזיקע געשיכטע האָט ער דערציילט אייזנבערגן גלייך דעם ערשטן טאָג, ווען ער, אייזנבערג, איז אַריין צו אים אין צימער מיט זיין מיטאָג־עסן.

פון יענעם טאָג אָן פלעגט אייזנבערג זיין מער אין דעם שכנס צימער, ווי אין זיין אייגענעם. דער דאָזיקער קראַנקער איז געווען אַ גרויסער וויצלער און אייזנבערג פלעגט אין זיין אָנוועזנהייט פאַרגעסן זיינע אייגענע צרות.

עטלעכע טעג נאָכן צוריקקומען פון שפּיטאָל איז אייזנבערג אַוועק צום דאָקטאָר לעווין. דער פּסיכיאַטער לעווין האָט אים זייער פיין אויפ־גענומען און געבעטן אים צו דערציילן אין קורצן זיין ביאָגראַפיע.

אייזנבערג האָט אים דערציילט, אַז ער קומט פון וואַרשע. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ קינד פון זייער פרומע עלטערן, האָט דער פאָטער געוואָלט, אַז זרח זאָל ווערן אַ ישיבה־בחור. אָבער אַנשטאָט צו לערנען אין אַ ישיבה, האָט זרח זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים, געענדיקט אַ מיטלשול, אַריין אין אוניווערסיטעט און אויפגענומען געוואָרן אויף אַ העכערן האַנדלס־קורס, וואָס ער האָט, אגב, פאַרענדיקט זייער דערפאָלגרייך. אים איז אָבער שווער געווען צו באַקומען אַ פּאַסיקן פּאָסטן. אין פּוילן האָט גע־בושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם, די רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט פיל יונגע מענטשן פאַרשיקט קיין קאַרטוז־בערעזע, ווו עס איז געווען אַ לאַגער פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אייזנבערג האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע. עס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו קריגן אַ וויזע. אַ דאַנק זיינע קרובים אין אַמע־ריקע, וועלכע זענען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן, איז זיי געלונגען צו באַקומען פאַר אים אַן אַריינפאָר־וויזע.

אין אַמעריקע האָט ער זיך אויסגעלערנט די ענגלישע שפּראַך און נאָך דעם ווי ער האָט געאַרבעט אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען, האָט ער באַקומען זיין איצטיקן פּאָסטן מיט זייער אַ פיינעם געהאַלט.

אייזנבערגן איז געווען זייער שווער זיך אַריינצופּאַסן אין דעם אַמע־ריקאַנער יידישן לעבן. זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער געלעבט מיט וואַרשע און וואַרשעווער יידישקייט. אַלץ איז אים דאָ געווען פרעמד. ס'איז אים אַפילו פרעמד און פריקרע געווען דאָס יידישע לשון מיט די אַנגליציזמען. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון דער אַמעריקאַנער שטאָט, ווי אַ פרעמדער. די ערד איז נישט געווען זיינע. ווי גוט וואָלט אים געווען איצט, האָט זיך אים געדאַכט, ווען ער קאָן אַרומגיין איבער די נאַלעווקעס, דזשיקע־גאַס, אָדער טלאָמאַצקע. דאָס יידישע לעבן פון פּוילן איז געווען איינגעבאַקן אין זיין האַרצן. דאָ,

אין אַמעריקע, איז אַלץ אַזוי מאָדנע, אַזוי אַנדערש, אַלץ איז דאָ אויפגעבלאָזן, נישטאָ קיין עכטקייט, איינער וויל איבערשטייגן דעם צווייטן מיט זיין כלומרשטע רייכקייט. יעדער איינער, דאַכט זיך אים, בלאָזט פון זיך, יעדער איינער טראָגט דאָ אַ מאַסקע. דעם אויבנאָן אין יידישן לעבן פאַרנעמען דאָ באַלעבאַטים — עם־הארצים. וואָס רייכער איינער איז, אַלץ העכער איז ער אויפן שטאַפל פון קהלישן לעבן און יעדער איינער שטרעבט צו זיין אויף וואָס אַ העכערן שטאַפל. דער וואָס האָט די מאה, האָט די דעה. אַ פּאָזיציע אין לעבן דערגרייכט מען דאָ מיט די עלנבויגנס. אין פּוילן האָט מען אָפּגעגעבן כבוד דעם געלערנטן, דאָ חנפהט מען דעם רייכן און דער געלערנטער שפּילט קיין שום ראָל נישט.

ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער צוריק אַנטלאָפן קיין וואַרשע, אָבער דער היטלעריזם בושעוועט אין אייראָפּע. היטלער האָט שוין פאַרנומען עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי. די מלחמה־וואָלקנס הענגען איבער די אייראָפּעישע הימלען. טאָ ווי האָט ער געקאָנט טראַכטן וועגן פאָרן צוריק!

ער האָט געאַרבעט מיט פיל קריסטן, זיי זענען געווען גאָר פיינע מענטשן, קיין שום אַנטיסעמיטיזם האָט ער נישט געפילט, דאָך האָבן זיי נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט אים נאָך דער אַרבעט. זיך אויסלעבן גייסטיק איז אים געווען זייער שווער. אין אַ יידישן טעאַטער איז אים למוקצה מחמת מיאוס אַריינצוגיין. דאָס לשון, די לידער, די „געזאַנגע און טענצע" האָבן בלויז פאַרשאַפט חרפּה. ער האָט זיך געפילט איינזאַם. די צרות פון פּוילן, דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם זענען מיט דער צייט אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, געדענקט האָט ער נאָר די שיינע זייטן, דאָס שפּרודלדיקע לעבן פון יענער זייט ים, און אַ טיפע בענקשאַפט האָט אים באַהערשט.

אַהיים האָט ער געשריבן בריוו פול מיט וואַרעמקייט און גוטער דערמאָנונג. יידן לעבן טאַקע דאָ, אין אַמעריקע, אין רייכע, באַקוועמע דירות, האָבן נישט קיין דאגות פּרנסה, נישטאָ כמעט קיין איין משפּחה, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אויטאָמאָביל, און אַנדערע משפּחות האָבן אַפילו צו צוויי אויטאָמאָבילן. אָבער דאָס גייסטיקע לעבן? ווי קומט עס צום יידישן פּוילן.

אייזנבערג איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ בר־מצוה. אין דער אַלטער היים האָט ער געוווּסט, אַז ווען אַ יידיש יינגל ווערט בר־מצוה, רופט מען אים צו דער תורה און נאָכן דאַווענען מאַכט מען אַ „קידוש״. דאָ באַגנוגנט מען זיך נישט מיט אַ „קידוש״ נאָכן דאַווענען. פריינט און באַקאַנטע פון דער משפחה פון בר־מצוה־בחור, אַפילו אַזעלכע, וואָס אַ גאַנץ יאָר, אַחוץ ראש־השנה און יום־כיפור, שמעקן זיי נישט אַריין אין אַ שול, קומען איצט צו גיין צו קריאת־התורה און דער בר־מצוה־בחור ווייזט אַרויס זיין גרויס קענטשאַפט ; דאָס זאָגן די „ברכות״, דאָס לייענען די הפטורה, קומט נישט פון יינגלס לערנען, פון זיין דערציונג אין אַ שול, נאָר ס׳איז אויסגעלערנט אויף אַ מעכאַנישן אופן. בר־מצוה־מלמדים מאַכן דאָ, אין אַמעריקע, אַ פיין לעבן...

די עיקר־שמחה הייבט זיך ערשט אָן אויף צו מאָרגנס. נאָך דעם שבת — דער זונטיק־אָוונט ; אַ גרויסער זאַל מיט הונדערטער מענטשן, אויף דער בינע זיצט אַן אָרקעסטער, וואָס שפילט טאַנץ־מוזיק, אָפט איז נאָך דאָ אַן „ענטערטיינער״, וועלכער דערציילט שמוציקע וויצן אין דער אַנוועזנהייט פון דעם בר־מצוה־בחור און זיינע חברים.

עס ווערט סערווירט אַ מאָלצייט כיד המלך, פון די בעסטע פיש, פליישן, פרוכט, קוכנס און זיסוואַרג. וויין און בראָנפן גיסט זיך ווי וואַסער. פאָטאָגראַפיסטן מיט ספּעציעלע מוּווי־קאַמערעס האַלטן אין איין נעמען בילדער, מען פאַראייביקט די שמחה.

צווישן איין מאכל און צווייטן טאַנצט מען אונטער די קלאַנגען פון דער גרילצנדיקער מוזיק און דער „ענטערטיינער״ איז משמח די געסט ביים עסן מיט זיינע וויצן, פון וועלכע אַ קאָזאַק קאָן רויט ווערן.

יעדער איינער וויל איבערשטייגן דעם צווייטן ביים מאַכן אַ בר־מצוה. אָרעמע משפחות גיבן אויס דעם לעצטן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן און פאַרבאָרגן זיך איבערן קאָפּ, כדי מיטצוהאַלטן מיט די „צשאַנסעס״. די משפחה וויל נישט מען זאָל זי באַדויערן : „אָרעמע מענטשן, נעבעך, קאָנען קיין „געהעריקע״ בר־מצוה נישט מאַכן זייער זון״.

אויף צו מאָרגנס — אַזוי אַ גאַנץ יאָר — ליגן שוין די תפילין

ערגעץ פאַרלייגט, די „ברכות״ צו עלית־התורה פאַרגעסט דער בר־מצוה־בחור, אָבער די וויצן פון „ענטערטיינער״ געדענקט ער גוט.

אָבער ס׳איז נישט געווען קיין צוריק. פאַרקערט, ער האָט זיך ביס־לעכווייז צוגעפּאַסט צום אַמעריקאַנער יידישן לעבן, און אַמעריקע איז געוואָרן זיין היים.

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל, אַ געבוירענע אין קאַנאַ־דע. זיי האָבן צוויי זייער געראָטענע קינדער; אַ טאָכטער, וועלכע האָט שוין אַליין צוויי קינדער, און אַ זון, וועלכער האָט אויך חתונה געהאַט און נישט לאַנג איז ביים אים געבוירן אַ מיידעלע.

אייזנבערג האָט אויך דערציילט דעם דאָקטאָר וועגן דער שווערער לאַגע פון דער פירמע, וווּ ער אַרבעט, און ווי אַזוי עס איז געשען זיין נערוועזער צוזאַמענברוך.

דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשריבן פּילן און געהייסן קומען אין צוויי וואָכן אַרום. זיין לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. די פּילן האָבן אים פאַראורזאַכט פאַרשידענע קוועלענישן, ער האָט געליטן פון שרעק־לעכע קאָפּ־ווייטיקן. צו עסן האָט ער זיך געדאַרפט צווינגען. ער האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר יעדע קלייניקייט, אַלץ האָט ער אויסגעע־לייגט צום שלעכטן. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסגיין אין דרויסן, גאַנצע טעג געזעסן אויף איין אָרט און געקוקט אין איין פּינטל און געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „גאַטעניו, העלף מיר, גאַטעניו, העלף מיר!״ צום טעלעפאָן האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט צוגיין און נישט געוואָלט מיט קיינעם רעדן. ווען עמעצער האָט געוואָלט קומען אים באַזוכן, האָט די פרוי געבעטן עס אָפּצולייגן. גאַנצע טעג איז די פרוי מיט אים געזעסן. אַ מאָל פלעגט די טאָכטער אָדער שנור קומען פאַרבייטן די פרוי זיינע, זי זאָל קאָנען ערגעץ־ווּ אַרויסגיין.

אַליין אין הויז האָט אייזנבערג בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן. פון צייט צו צייט האָבן די קינדער אים גענומען צו זיך אויף עטלעכע שעה, צו באַפרייען די מאַמע פון דעם שווערן עול.

דעם פּסיכיאַטער האָט ער מער נישט געוואָלט זען: „נאָך וואָס זאָל איך גיין צום דאָקטאָר, ער האָט מיר סיי ווי נישט געהאָלפן״. נאָך אַ סך

איינטענהן מיט אים, אַז מען קאָן נישט דערוואַרטן, אַז די פּילן זאָלן באַלד ווירקן און מען מוז האָבן געדולד, האָט ער אָנגעהויבן ווידער צו באַזוכן דעם פּסיכיאַטער.

געפירט צום דאָקטאָר האָט אים אַ מאָל זיין טאָכטער, אַ מאָל די שנור אין זייערע אויטאָמאָבילן. געפאָרן זענען זיי שטענדיק מיט די זעלבע גאַסן, זיי האָבן געדאַרפט פאַרבייפאָרן אַן אַלטן בית־עלמין, ווו עס זענען געווען באַערדיקט זיינע צוויי גוטע פריינד, אַ מאַן און אַ פרוי. זינט ער און זיין פרוי זענען געקומען קיין קאַנאַדע האָבן זיי זיך מיט זיי געחברט. דאָס זענען טאַקע געווען זייערע אינטימע פריינט. יעדע וואָך האָבן זיי זיך געטראָפן, פלעגן איינע צו די אַנדערע קומען עסן אָונטברויט, אַרויסגיין אין מוּוויס, דיסקוטירן וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען.

זי, די פאַרשטאָרבענע חברטע, האָט געהאַט אַ וווּנדערבאַרע שטימע, פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען מיט נאָך פריינט און פאַרברענגען, אַלע מאָל אין אַן אַנדער הויז און שמועסן און זינגען יידישע, העברעיִשע און ענגלישע לידער. די אייזנבערגס האָבן זיך געהאַלטן מיט זיי זייער נאָענט.

פאַרבייפאָרנדיק דעם בית־עלמין, פלעגן אים שטענדיק אויפקומען דערמאָנונגען פון די ווונדערלעכע שטימונגספולע אָוונטן. עס איז אים געווען פיינלעך פאַרבייצופאָרן דעם בית־עלמין און נישט איין מאָל האָט ער געשטיקט די טרערן אין זיך.

אַ סך מאָל האָט ער געקלערט: „ווען עס גיט זיך אַזוי אַן עפן אויף די טיר פון קאַר און ער פאַלט אַרויס און אַ סוף זאָל עס נעמען, צו וואָס די שטענדיקע מאַטערניש, קיין גוטס האָט ער נישט צו דערוואַרטן. אויב עס וועט קומען אַן ענדערונג אין זיין געזונט־צושטאַנד, וועט עס זיין צום שלעכטן און נישט צום גוטן“.

ווען ער פלעגט זיך דערנענטערן צום שפּיטאָל, פלעגט אים באַפאַלן אַן אומרו. ער האָט געהאַט אַ ווידערווילן צום שפּיטאָל. די פרוי אָדער די טאָכטער פלעגט גיין פאָרויס און ער, האַלטנדיק זיי אונטערן אָרעם, פלעגט זיך נאָכשלעפּן. ווען ער פלעגט אַרויס פון דאָקטאָרס קאַבינעט, פלעגט ער נישט וועלן גיין אַהיים, ער פלעגט ווידער שלעפּן די פיס, בפרט ווען די טאָכטער זיינע איז מיט אים געווען. די פרוי וועט אים, אין דער

היים, געוויס פרעגן: „וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?" „גאָרנישט" — פלעגט זיין אייזנבערגס תשובה, — „וואָס קאָן ער מיר זאָגן? מען מוז האָבן געדולד, ס׳איז אַן ענין, וואָס עס ווערט נישט בעסער פון היינט אויף מאָרגן, די קראַנקייט מוז זיך אויסשטיין".

„וועגן וואָס זשע האָט איר גערעדט צווישן זיך?" — וועט ווייטער פרעגן די פרוי. „מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, צו ערשט האָב איך אים דערציילט ווי איך פיל זיך, אַז מיר איז שוין דערעסן געוואָרן עס איבערצוחזרן אפשר דעם צענטן מאָל, און אים, דעם דאָקטאָר, צו הערן עס. ווידער קאָפּ־ווייטיקן, ווידער בויך־שמערצן, נאָך אַ מאָל, אַז איך האָב נישט קיין אַפּעטיט. וואָס נאָך? — דער עיקר האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, ווי פינצטער עס איז אויף דער וועלט, אַז אָט אָט ברעכט אויס אַ מלחמה. איר פירט מיך צו דער עקידה, לאָזט מיך רויק זיצן אין דער היים, איך האָב מיטן דאָקטאָר נישט וואָס צו רעדן. אַלע מאָל, ווען איך קום צו אים חזר איך איבער די זעלבע רייד", — וועט זיין דער ענטפער.

דער פסיכיאַטער האָט באַשלאָסן צו געבן אייזנבערגן „שאָק־טריט־מענטס". אין משך פון חדשים האָט ער כמעט יעדע וואָך און שפּעטער יעדע צוויי וואָכן באַקומען אַזאַ טריטמענט. פון אָט די שאָקס האָט ער פאַרלאָרן זיין זכרון. ער האָט פאַרגעסן די נעמען פון זיינע נאָענטע. האָט ער עפּעס געהאַלטן אין האַנט און עס אַוועקגעלייגט, האָט ער נישט געוווּסט ווו עס ליגט.

היינט, ווען ער איז פולקאָם געזונט און עס טרעפט אַ מאָל אַזאַ זאַך, ווייסט ער, אַז דאָס קאָן טרעפן אויך ביי אַ פולקאָם געזונטן מענטש. אויך אַ געזונטער מענטש פאַרגעסט אַ מאָל אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן. דאַן האָט ער אַלץ צוגעשריבן זיין קראַנקייט און דאָס האָט אים געמאַטערט: „איך ווער אַן עובר־בטל און וועל שוין צו גאָרנישט טויגן". איין מאָל, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַזאַ „שאָק־טריטמענט", האָט ער געטראָפן אינעם קאַבינעט אַ יונג ייִנגל פון אַ יאָר 15. דאָס ייִנגל האָט אים דערציילט, אַז זיינע פיס זענען פאַראַליזירט, ער קאָן מיט זיי נישט באַוועגן און ליגט שוין אַ פּאָר חדשים אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן געוואָלט

אויף אים ווירקן, ער זאָל זיך אַריינזעצן אין אַ שטופּ־וועגעלע, אָבער ער האָט עס נישט געוואָלט. ער קאָן זיך נישט באַוועגן, און ווי נאָר ער גיט זיך אַ ריר, קריגט ער ווייטיקן אין די פּיס.

סוף־סוף האָבן אים די דאָקטוירים באַווירקט, ער זאָל זיך באַנוצן מיט אַ שטופּ־וועגעלע.

ווען אייזנבערג איז אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער געקומען אין שפּיטאָל צום פּסיכיאַטער, האָט ער געטראָפן דעם יונגן בחורל, פּירנדיק אַליין זיין שטופּ־וועגעלע. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אים געזען גייענדיק אויף זיינע פּיס, בלויז זיך אָנהאַלטנדיק אינעם וועגעלע.

ווען די גאַר נאָענטע פון דער משפּחה האָבן צו אים גערעדט, אַז ער זאָל אַרויסגיין אַ ביסל שפּאַצירן, פּלעגט ער אויף זיי קוקן און שווייגן, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט באַנעמען זייער ווענדונג.

— איך רעד צו דיר און דו פינטלסט מיט די אויגן! ענטפער מיר, פאַר וואָס שרעקסטו זיך אַרויסצוגיין אויף אַ פּאָר מינוט אין דרויסן? זע, ווי שיין עס איז, די זון שיינט, עס איז גרין, עס איז דאָך אַ פאַרגעניגן צו שפּאַצירן איצט, וועסט זיך דאָך פילן בעסער! דו ווערסט דאָך פאַר־בודיעט, זיצנדיק אַזוי גאַנצע טעג אויף איין אָרט. אַז לייענען, זאָגסטו, קענסטו נישט, איז גיי אַ ביסל אַרויס פון הויז, גיי אַרויס אַ ביסל, זרחקע, קיינער וועט דיר קיין שלעכטס נישט טאָן — האָט די פרוי זיינע נישט איין מאָל צו אים גערעדט.

— כ׳האָב מורא, כ׳האָב פאַר אַלעמען מורא, כ׳וויס, אַז קיינער וועט מיר קיין שלעכטס נישט טאָן, אָבער שטענדיק קלאַפּט מיר דאָס האַרץ. כ׳בין אָן אויפהער אין אַ געשפּאַנטער שטימונג. ווען איך זיץ אין הויז ווייס איך, אַז דאָ בין איך זיכער — פלעגט ער ענטפערן.

נאָך דריי חדשים אָפּזיצן אין שטוב האָט מען אים דאָך באַווירקט ער זאָל אַרויסגיין זיך דורכשפּאַצירן. אַליין האָט ער אָבער בשום אופן נישט געוואָלט גיין, עמעצער פון דער פאַמיליע איז מיט אים מיטגעגאַנגען.

די פרוי, וועלנדיק אַז ער זאָל אַליין אַרויסגיין, האָט אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל איר העלפן אַרום הויז.

דער פּסיכיאַטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער מוז שפּאַצירן, דאָס

וועט פאַרלייכטערן זיין שפּאַנונג און עס וועט אים בכלל טאָן פּיל גוטס, דער קערפּער וועט אָנהייבן בעסער צו פונקציאָנירן, עס איז גוט פאַר דער בלוט־צירקולאַציע, גוט פאַרן האַרץ און פאַרן מאָגן.

מיט מאַטערניש האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין דרויסן אויך אָן באַגלייטערס. ער האָט אָבער מורא געהאַט ווייט אַוועקצוגיין, ווייל אַפּט האָט ער נישט געוווסט ווי צוריקצוגיין. ער פלעגט דאַרפן זוכן דעם וועג צוריק אַהיים. ער האָט איינגעשטעלט אַ באַשטימטן מאַרשרוט און איז יעדן טאָג געגאַנגען דורך די זעלבע גאַסן, ווו עס גייען ווייניק מענטשן — ער האָט אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט באַקאַנטע פּנימער. האָט ער פון דער ווייטנס דערזען, אַז אַ קינד פאָרט אויף אַ בייסיקל, איז ער אַראָפּ אין דער זייט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים איבערפאָרן; האָט ער דערזען אַ הינטל, האָט ער זיך אומגעקערט. ער האָט שוין געוווסט אויף וועלכע גאַסן עס זענען דאָ הינט און האָט די גאַסן אויס־געמיטן.

די וועלט איז אים בכלל ווייניק אָנגעגאַנגען, זי האָט מיט אים גאָר־נישט געהאַט צו טאָן. ער האָט נאָר מקנא געווען די, וועלכע גייען אַרום, רעדן, לאַכן און האָבן הנאה פון זייער לעבן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע זענען צופרידן מיטן לעבן, אויסער אים. — ווייל אַלע לאַכן, שפּאַסן, וויצלען זיך, האָבן אַן אינטערעס צו רעדן איינער צום צווייטן. וועט ער אַ מאָל נאָך לאַכן, שמועסן מיט פריינט? — קיין מאָל נישט!

איין מאָל זענען זייערע באַקאַנטע געקומען מיט אַ קאַר זיי נעמען אין אַ מויווי. ס'איז געווען אַ קאַלטער, כמורנער האַרבסט־טאָג, אין דרויסן האָט געזשמיזשעט אַ דריבנע רעגנדל, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל ליגט אויף דער ערד.

— מען טאָר דאָך אַפילו קיין משוגענעם הונט אין דרויסן איצט נישט אַרויסלאָזן, וואָלט נישט געווען בעסער צו זיצן אין שטוב און קוקן טעלעוויזיע? — האָט געזאָגט אייזנבערג.

— ס'איז אָבער גוט זיך צו טרעפן מיט מענטשן, עס פרישט אָפּ, דו פילסט זיך נישט אַזוי אומעטיק אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג, עס טרייבט אַוועק די מרה־שחורה.

אייזנבערג האָט עס פאַרשטאַנען מיטן שכל, די געפילן זענען אָבער געווען אַנדערש. ער וואָלט איצט געזעסן אין שטוב, ער האָט אָבער פריער געהאַט איינגעשטימט צו פאָרן צוליב זיין פרוי, זי ווערט פאַרנודיעט צו זיצן מיט אים שטענדיק אין הויז.

אין אַ שיינעם זומערדיקן פאַרנאַכט איז דאָס זעלבע באַקאַנטע פּאָרל געקומען זיי נעמען אויף אַ שפּאַציר. דער הימל אין מערב איז געווען רויטלעך און די זון איז געווען ווי אַ גרויס און קיילעכדיק שטיק פייער. די קאַר איז געפאָרן מערב־צו און אַלע אין קאַר האָבן געזשמורעט די אויגן, ווייל די זון האָט אַלעמען פאַרבלענדט.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ נייער געגנט אין צפון־טייל פון שטאָט — ערשט אויסגעבויטע, נייע גרויסע הייזער, די הייזער זענען געשטאַנען ווייט פאַררוקט פון שאָסיי, אַרום אייניקע הייזער זענען געווען פאָנטאַנען, דאָס ברויזנדיקע וואַסער פון די פאָנטאַנען האָט אויסגעזען ווי אַ רעגנבויגן, די קאָלירן האָבן זיך געמיניעט.

— ווייסט איר וויפל עס איז ווערט אַזאַ הויז? — האָט געפרעגט דער פריינד וואָס האָט געפירט די קאַר, — ער האָט געוואָרט אַז אייזנבערג זאָל ענטפערן, ער האָט אים געוואָלט אַ ביסל אויפהייטערן, אַרויספירן אים פון זיין גלייכגילטיקייט. אייזנבערג איז געזעסן די גאַנצע צייט און עס איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען, ער האָט געשוויגן.

— וואָס זאָגט איר מר. אייזנבערג? וויפל וואָלט איר געשאַצט אַזאַ הויז.

— וואָס איז דער אונטערשייד, 50 טויזנט אָדער 60 טויזנט, ליגט דען דאָס גליק פון מענטשן אין אַ גרויס הויז? קאָנען נישט אין אַ גרויס באַקוועם הויז אַרומגיין קראַנקע מענטשן מיט אָלסערס, מיט האַרץ־פעלערן, מיט קענסערס און אַנדערע קראַנקייטן? איר ווייסט דאָך דאָס מעשהלע פון קראַנקן קעניג, וואָס האָט געקאָנט געזונט ווערן, אויב ער וועט אָנטאָן אַ העמד פון אַ גליקלעכן מענטש. האָט מען אַזאַ גליקלעכן מענטש געזוכט און מען האָט געפונען אַן אָרעמען פאַסטעך, ער האָט אָבער אויף זיך קיין העמד נישט געהאַט...

— גליק — האָט אייזנבערג פאָרגעזעצט — גליק באַשטייט נישט

אין רייכקייט, דאָס ביסעלע גליק איז — געזונט. מען דאַרף טאַקע וווינען אין אַ באַקוועמער דירה, אָבער די לוקסוסדיקע הייזער מיט דינסטן און באַדינער ברענגען נאָך נישט קיין גליק. די מענטשן, איבערהויפּט די פרויען, אין די הייזער נודזשען זיך, זיי ווערן משוגע פון פוסט־און־פּאַסע־ווען, זוכט מען זיך אַ צייט־פאַרטרייב, גייט מען שפּילן גאָלף, געהערט מען צו פאַרשידענע קאָרטן־קלובן און די קינדער לאָזט מען איבער אונטער דער אויפזיכט פון די דינסטן. אין אַזעלכע הייזער וואַקסן אָפט אויס די גרעסטע פאַרברעכער. קינדער צו 16 יאָר האָבן שוין אייגענע קאַרס און זוכן אַזעלכע פאַרוויילונגען, וואָס זאָלן פאַרבייטן די משפּחהדיקע היימלעכקייט. איך שענק אייך אַוועק די אַלע לוקסוסדיקע הייזער פאַר אַ פּשוטן באַקוועמען הויז, וווּ עס וווינען געזונטע מענטשן און עס הערשט היימלעכקייט, פריילעכקייט.

— יאָ, איר זענט טאַקע גערעכט — האָט געענטפערט דער פריינד — איך ווייס פון פיל מענטשן, וואָס פאַרבאָרגן זיך איבערן קאָפּ און פאַר פרעמדע געלטער קויפט מען זיך לוקסוס־הייזער, דער סוף פון די דאָזיקע מענטשן איז, אַז זיי קאָנען די רייכע הייזער נישט אויפהאַלטן און מען באַנקראָטירט.

אייזנבערג האָט זיך געשראָקן. וואָס וועט זיין, אַז ער וועט יאָרן לאַנג קרענקען און זיין אָפּגעשפּאָרט ביסל געלט וועט זיך אויסלאָזן? ער וועט נאָך, חלילה, דאַרפן אָנקומען צו צדקה?! דאָס האָט אים געמאַ־טערט און דערשלאָגן.

אַז ס׳פלעגן אָנקומען רעכענונגען — הוצאותן פאַרן הויז — פלעגט ער מיט גרויס מאַטערניש אויסשרייבן די טשעקן. „מען מוז זיין שפּאָר־זאַם״, פלעגט ער טענהן צו זיין משפּחה. פון די הוצאות פאַרן דאָקטאָר און רעצעפּטן קאָן מען נישט שפּאָרן, און זיי באַטרעפן אין די צענדליקער דאָלאַרן יעדן חודש.

אַז עמעצער האָט איבערגעלאָזן ברענען דאָס עלעקטרישע ליכט אין אַ צימער, ווו קיינער איז נישט געווען, פלעגט אייזנבערג עס אויסלעשן, ער האָט אויסגענוצט אַלע זיינע אַלטע מלבושים און קיין נייע נישט געוואָלט קויפן; וועט ער לעבן לענגער, מוז מען שפּאָרן; וועט ער

בקרוב שטאַרבן, איז צו וואָס קויפן נייע מלבושים, אַז ער וועט זיי סיי ווי נישט נוצן.

ער האָט געוואָלט אַנהאַלטן אַזוי, ווי ער האָט זיך פריער געפירט, געבן צדקה. ער האָט אָבער געשניטן די סומעס. „אויפהערן געבן צדקה טאָר מען נישט", האָט ער שטענדיק צו זיך גערעדט. דער פּסיכיאַטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט זיצן אין שטוב, ער זאָל גיין אויף אַ מוויווי, גיין צו גאַסט, זיך טרעפן מיט מענטשן, זיך באַמיען צו לייענען — מיט איין וואָרט: דער מוח זאָל זיין פאַרנומען מיט עפּעס, כדי ער זאָל נישט טראַכטן וועגן זיין קראַנקייט, וואָס קאָן ברענגען צו שלעכטע רעזולטאַטן.

אין אַ קינאָ האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט גיין, סיידן עס איז געווען עפּעס אַ קאָמעדיע אָדער אַ מוזיקאַלישע פאַרשטעלונג. ער האָט גענוג זיינע אייגענע צרות, דאַרף ער זיך נישט אָננעמען מיט פרעמדע עגמת־נפשן.

ער האָט אויך אויסגעמיטן טראַגישע סצענעס, וואָס זענען געוויזן געוואָרן אין טעלעוויזיע. ער פלעגט דאַן אַרויס פון צימער, ווו דער טעלע־וויזאָר איז געשטאַנען. באַזונדערס האָט ער פיינט געהאַט זיך צוצוקוקן, ווען עס איז געווען אַ בילד פון אַ שפּיטאָל, קראַנקן־שוועסטער, דאָק־טוירים, דאָס האָט אים דערמאָנט אין זיין קראַנקייט, און ער האָט גע־וואָלט עס פאַרגעסן, נישט קלערן וועגן דעם.

ווען ער איז געוואָרן אַ ביסל געזינטער און מענטשן פלעגן אים איינ־לאַדן צו זיך, האָט ער די איינלאַדונגען זייער נישט גערן אָנגענומען:

„איך האָב נישט וואָס צו רעדן מיט מענטשן, ציימונגען לייען איך זייער ווייניק, איך קאָן נישט נעמען קיין צייטונג אין האַנט — זיי זענען פול מיט טרויעריקע נייעס און ישראל־צרות פון די אַראַבער. זיי האַלטן אין איין פּראָקלאַמירן, אַז זיי גרייטן זיך אָנצופאַלן אויף אונדז. אַמעריקע און רוסלאַנד קלערן נאָר, ווי איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן מיט כלערליי פאַרניכטונגס־מיטלען. עס זעט אָפּט מאָל אויס, אַז אָט אָט נעמט אַ סוף צו דער וועלט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן קומען פאָר ביטערע קאַמפן, ווייל די נעגערס פאָדערן זייערע רעכט".

איז ער אָבער געקומען צו גאַסט צו עמעצן, איז ער געווען צופרידן. ער איז טאַקע געווען צוריקגעהאַלטן, האָט אָבער, ווי ווייט מעגלעך, באַטייליקט זיך אין די שמועסן. מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט פון פריער, וואָלטן נישט געזאָגט, אַז ער איז קראַנק. פונעם פּנים בלויז האָט אַראָפּגעקוקט אַ טיפער אומעט.

ער פלעגט עס דערציילן דעם פּסיכיאַטער.

— מיר איז דערווידער דאָס גיין צו גאַסט. מיר דאַכט זיך, אַז יעדער איינער באַמערקט, אַז כ׳בין נישט מיט אַלעמען, אַז כ׳בין קראַנק.

דאָס קומען אָבער צו באַקאַנטע איז געווען פאַר אים אַ פּראָבלעם: פירן זיין אויטאָ האָט ער נישט געוואָלט, נעמען אַ טעקסי האָט ער געזשאַלעוועט געלט. „מען דאַרף זיין שפּאָרזאַם". פאָרן מיט די שטאָטישע אויטאָבוסן איז אים געווען שווער. איז נאָר געווען דער הימל אַ ביסל פאַרכמאַרעט, האָט ער זיך שוין געשראָקן אַרויסצוגיין, טאָמער וועט רעגענען, און פאַרן רעגן האָט ער מורא געהאַט אימת מוות.

דאָס מורא האָבן פאַרן רעגן האָט זיך ביי אים גענומען פון אַ צופאַל. איין מאָל איז ער אַרויס פון הויז און געגאַנגען עפּעס איינקויפן פאַר זיין פרוי. עס איז געווען אַ מהלך פון 15 מינוט גאַנג. גוט וואָס ער גייט איצט, ער האָט ליב צו שפּאַצירן, ס׳איז שיין אין דרויסן, די זון איז אין פולן גלאַנץ, דאָ און דאָרט שווימען אַרום אויפן הימל קליינע וואָלקנדלעך.

מיט אַ מאָל האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציען מיט שוואַרצע וואָלקנס, ס׳האָט אָנגעהויבן דונערן. צו ערשט האָבן זיך דערטראָגן ווייטע אָפּהילכן, בליצן האָבן וואָס אָפּטער איבערגעריסן די חשכות, פריער לאַנגזאַם, דערנאָך שטאַרקער און שטאַרקער. מיט אַ מאָל האָט אַ גאָס געגעבן אַ פליוך — ער האָט זיך דערשראָקן, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער ווערט מיט יעדע מינוט וואָס מער און מער דורכגענעצט, אָט פילט ער שוין די נאַסקייט אויפן לייב, די מלבושים הייבן זיך אָן צו קלעפּן צום קערפּער.

זאָל ער אַריינגיין אין אַ הויז און איבערוואַרטן? אָבער ער קען

קיינעם נישט אין דער גאַס, ווו ער געפינט זיך איצט, און ווי קאָן מען אַריינגיין אין אַ פרעמדן הויז?

ער איז געלאָפן שנעלער אַהיים. ער האָט זיך געפונען צען מינוט גאַנג פון זיין הויז. אויב ער זאָל לויפן, וועט ער קומען אין 5 מינוט. ער האָט גענומען לויפן מיט אַלע זיינע כוחות. אַ הינטל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ וועראַנדע, דערזעענדיק אים לויפן, האָט אים נאָכגעיאָגט מיט אַ בילעריי, אָנגעפאַלן און געשפרונגען אויף אים. אייזנבערג איז נאָך שנע־לער געלאָפן און איז געפאַלן. ס׳האָט אים פאַרפעלט אָטעם. דער הונט האָט אויפגעהערט צו בילן און איז פון אים אָפּגעטראָטן.

מיט די לעצטע כוחות האָט זיך אייזנבערג אויפגעהויבן און איז צוגעלאָפן צו זיין הויז. די פרוי זיינע איז געשטאַנען אין טיר און האָט אים אויסגעקוקט:

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס, טו זיך איבער, איך וועל דיר געבן טרו־קענע זאַכן.

אייזנבערג האָט זיך איבערגעטאָן און זיך אַריינגעלייגט אין בעט, ער האָט שווער געאָטעמט.

— גיב מיר אַ צוויי אַספּירין־פּילן, איך ציטער פון קעלט, איך וועל אפשר איינשלאָפן?

די פרוי זיינע האָט אים געבראַכט אַספּירין־פּילן און ער איז באַלד איינגעשלאָפן.

זי האָט פאַרמאַכט די טיר פון שלאָפצימער. מיט אַ מאָל האָט זי דער־הערט געשרייען — זיי זענען געקומען פון צימער ווו איר מאַן איז גע־שלאָפן. זי האָט שנעל אויפגעעפנט די טיר און דערזען, ווי ער וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, שרייענדיק אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. זי האָט אים שטילערהייט געוועקט: „זרחקע, זרחקע, וואָס איז מיט דיר? וואָס שרייסטו?"

אייזנבערג האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ צעטומלטער, אַ דערשראָקענער: „אַ הונט, אַ גרויסער שוואַרצער הונט האָט זיך געוואָרפן אויף מיר און מיך געוואָלט בייסן. דער הונט איז געווען גרויס ווי אַ בער, איך האָב אים געיאָגט פון זיך, אָבער ער האָט מיך נישט געוואָלט אָפּלאָזן".

— דאָס איז געווען אַ חלום, זרחקע, אַ וויסטער חלום, שפּיי אויס דריי מאָל און באַרויק זיך, עס איז גאָרנישט, דיינע שונאים ווילן דיר שלעכטס טאָן, מיין טייערער, זיי זענען ווי הינט.

— איך האָב נישט קיין שונאים, כ׳האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

ווי אייזנבערג האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט, האָט ער דאָך געוואָלט לעבן. וואָס וואָלט געווען, ווי וואָלט ער זיך געפילט, ווען ער האָט, למשל, אַ קאַנסער און ער ווייסט, אַז איבער אַ יאָר אין דער צייט וועט ער מער נישט זיין צווישן די לעבעדיקע? ווי וואָלט ער זיך געפילט, ווען ער וואָלט געוווסט, אַז איבער אַ יאָר וועט ער שוין מער נישט זען זיין ליבע פרוי, וואָס איז זיך ממש מוסר־נפש פאַר אים און ווייזט אַרויס אַזוי פיל געדולד צו אים. אין וואָס פאַר אַ שטימונג וואָלט ער איצט געווען, ווען ער וואָלט געוווסט, אַז אין אַ צייט אַרום וועט ער שוין מער נישט זען זיינע קינדער און קינדס־קינדער?

דאָס לעבן איז אים טאַקע נישט געווען ניחא, אָבער דאָך האָט ער זיך נישט געוואָלט שיידן דערמיט.

אַ מאָל פלעגט ער טראַכטן, בפרט, ווען ער פלעגט זען אַן אַלטן מאַן, וואָס גייט קוים, אָדער אַ מענטש, וועמענס הענט עס ציטערן: „צו וואָס דאַרף ער בעטן אויף לאַנגע יאָרן, ער וויל נישט ווערן אַלט און אויסזען ווי אָט די אַלטע". ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיינער, אין וואָס פאַר אַ מצב ער זאָל נישט זיין, וויל זיך נישט שיידן מיט דער וועלט.

אין דריי חדשים נאָך דעם נערוון־צוזאַמענבראָך, האָט ער שוין גע־קאָנט איינשלאָפן אָן אַ שלאָף־מיטל. אַז ער פלעגט זיך אויפכאַפּן אין דער פרי אָן אויסגעשלאָפענער, האָט ער געמיינט, אַז ער איז אַ געזונטער מענטש, ער קאָן בערג איבערקערן. ווי נאָר אָבער ער האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, האָט אים אָנגעהויבן נאָגן ביים האַרצן און ער איז געוואָרן זייער געשפּאַנט. דער טאָג האָט זיך געצויגן ווי פון סמאָלע. לייענען איז אים געווען שווער, ער פלעגט אַוועקגעטראָגן ווערן אין אַן אַנדער וועלט, אין דער וועלט פון זיין קראַנקייט און נישט וויסן וואָס ער לייענט, ער לייענט ווערטער, אָבער ער ווייסט נישט זייער באַטייט, זייער אינהאַלט.

ווען ער פלעגט ווערן מיד פון סתם זיצן און געוואָלט פאַרקלענערן זיין אָנגעשטרענגטקייט, איז ער געגאַנגען שפּאַצירן. אים איז אָבער דערעסן געוואָרן שטענדיק צו גיין איבער די זעלבע שטילע גאַסן, ווו עס פאָרן וויניק אויטאָמאָבילן און ווו מען טרעפט וויניק מענטשן. מענטשן זענען אָבער פאַרט דאָ אויף יעדער גאַס און די אַ מענטשן קענען אים שוין און קוקן אויף אים מיט חשד: וואָס גייט ער דאָס שטענדיק אויף אָט דער גאַס? גיין אָבער אויף נייע גאַסן האָט ער נישט געוואַגט; אפשר זענען דאָרט פאַראַן הינט, אפשר וועט ער דערנאָך נישט געפינען דעם וועג אַהיים.

וועגן אָט דעם אַלעם האָט ער דערציילט דעם ד״ר לעווין. דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן אין איין פרעגן אים, ווי אַזוי זענען זיינע באַציונגען מיט דער משפחה, צי האָבן זיי צו אים גענוג געדולד, צי פאַרלאַנגט ער נישט צו פיל פון זיי; ער האָט דערציילט, אַז ווען נישט די גוטע באַציונג צו אים פון דער משפחה, פון די נאָענטע, וואָלט ער זיין קראַנקייט נישט איבערגעטראָגן. זיין פרוי און זיינע צוויי קינדער האָבן פיל געדולד צו אים.

— קאָנט איר אַרגומענטירן, קאָנט איר פאַרטיידיקן אייערס אַ מיינונג, אָדער איר גיט זיך לייכט אונטער, — האָט אים דער דאָקטאָר אַ פּאָר מאָל געפרעגט.

— ניין, — פלעגט אייזנבערג ענטפערן, — עפּעס בין איך נישט זיכער מיט מיין מיינונג, כ׳האָב מורא, אַז איך וועל נישט ווי געהעריק באַשטיין אויף מיין געדאַנק, מייד אויס אַרגומענטאַציע, אַפילו ווען כ׳גלייב, אַז איך האָב וואָס צו זאָגן און כ׳בין איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון מיין געדאַנק.

אַז אייזנבערג האָט אָנגעהויבן מער אַרויסגיין, קומען אויף לעקציעס, זיך אָנגעהויבן מער צו טרעפן מיט מענטשן, האָט אים הנאה־געטאָן, וואָס ער קאָן פירן אַ לייכטן געשפּרעך, דאָס האָט אים דערמוטיקט, געמאַכט אים זיכערער. מענטשן האָבן געשטעלט פראַגן דעם לעקטאָר, אָדער אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, ער אָבער האָט נישט געוואַגט עס צו טאָן,

ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט נישט קאָנען ווי געהעריק אויסדריקן זיינע געדאַנקען.

ד"ר לעווין האָט אייזנבערגן נישט איין מאָל געזאָגט, אַז קיינער פון זיינע פּאַציענטן גיט אים נישט אַזאַ קלאָר בילד וועגן זיינע געפילן און איבערלעבונגען, ווי ער טוט עס. האָט דער דאָקטאָר טאַקע ליב געהאַט מיט אים צו זיצן לענגער ווי מיט אַנדערע פּאַציענטן:

— איך האָב פאַרגעניגן מיט אייך צו רעדן, איר זענט אַן אינטעלי־גענטער מענטש און כ'קאָן מיט אייך באַרירן אַ סך פראַגן, וואָס מיט אַנדערע פּאַציענטן קאָן איך עס נישט.

דער דאָקטאָר האָט ליב געהאַט צו רעדן מיט אים וועגן דעם לעבן פון יידן אין מזרח־איראָפּע. דער דאָקטאָר, אַ געבוירענער אין קאַנאַדע, האָט געהאַט אַן אינטערעס צום לעבן פון די יידן אין די אַמאָליקע היימען, זיי פלעגן לאַנג שמועסן סיי וועגן פאַרגאַנגענעם, סיי וועגן פאַרשידענע טאָג־געשעענישן. קאָן זיין, אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס געטאָן מיט אַ כוונה, כדי אים צו שטאַרקן און דערמוטיקן.

אייזנבערג האָט זיך געפילט שלעכט סיי אין אַ זוניקן טאָג, סיי אין אַ כמורנעם אָדער רעגנדיקן. אין אַ זוניקן טאָג האָט אים דענערווירט די ליכטיקייט פונעם טאָג, די פריילעכקייט און אויפגעלייגטקייט פון די מענ־טשן. אין אַ רעגנדיקן טאָג איז אים געווען זייער קאַלאַמוטנע און גרוי־אויפן געמיט.

הגם ער האָט נישט ליב געהאַט די מאָנאָטאָנקייט פון די טעג, האָט ער נאָך מער פיינט געהאַט אַ שינוי: גיין אַ גאַנג, וואָס זיין פרוי האָט אים געבעטן, גיין ערגעץ צו גאַסט — דאָס איז אים קיין מאָל נישט געווען ניחא. געזאָרגט האָט ער זייער שטאַרק פאַר ריינקייט. אַ צענדליק מאָל אין טאָג האָט ער געוואַשן זיינע הענט. האָט ער געהאַלטן עפּעס אין האַנט: אַ צייטונג, אַ בוך, האָט ער גלייך נאָכן אַוועקלייגן די צייטונג אָדער בוך, געוואַשן די הענט.

ביי יעדער קלייניקייט האָט ער זיך צעוויינט. איידער ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער זעלטן־וועגן געוויינט. און איצט וויינט ער ביי יעדער

קלייניקייט. ער האָט אָפּט געשטיקט די טרערן אין זיך, מען זאָל עס נישט זען.

ווען ער איז אַרויס אין דרויסן אויף עטלעכע מינוט, האָט ער געקושט זיין פרוי אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט פאַר איר איבערגעגעבנקייט צו אים.

ער האָט עס אויך געהאַלטן פאַר אַ סגולה, אַז קיין שלעכטס וועט אים נישט טרעפן אין וועג. דאָך איז ער קיין מאָל נישט געווען זיכער, אַז ער וועט זיך בשלום צוריקקערן. אפשר וועט ער זי שוין מער נישט זען? זאָל ער זי כאָטש צום לעצטן מאָל קושן. ער האָט אויך שטענדיק מיטגענומען מיט זיך אַן אידענטיפיקאַציע־קאַרטע; זאָל מען וויסן, ווער ער איז און ווו ער וווינט. מען דאַרף שטענדיק זיין גרייט.

*

ס'איז געווען אַ פרייטיק פאַר נאַכט, אין יאַנואַר.

זרח אייזנבערג איז געזעסן און געהערט ראַדיאָ. דער ספּיקער האָט אָנגעזאָגט, אַז עס קלייבט זיך אַ שניי־שטורעם. און ווירקלעך, צען אַ זייגער אין אָוונט האָט אָנגעהויבן שנייען. צו ערשט איז דער שניי געווען אַ דריבנער; קליינטשיקע שנייעלעך זענען פויל געפאַלן פון די פּאַרוואָלקנטע הימלען. מיט יעדער שעה איז אָבער דער שניי געוואָרן גרעסער, געדיכער. ווי קליינע שטערנדלעך האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און באַדעקט אַלע דעכער,ביימער און די גאַנצע ערד מיט אַ קלאָר־ווייסן דעקטוך.

אייזנבערג איז געווען שטאַרק פאַרטראַכט און באַזאָרגט: מאָרגן, שבת, 10 פרי, דאַרף ער גיין צום דאָקטאָר. אָפּגערעדט האָט מען, אַז די טאָכטער וועט אים נעמען. איז וואָס וועט זיין, אויב עס וועט טאַקע זיין אַ שניי־שטורעם? ווי וועט ער דערגרייכן דעם דאָקטאָר, אויב עס וועט זיין אַ טיפער שניי?

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען אייזנבערג איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט עפענען די טיר פון דרויסן, האָט ער נישט געקאָנט. מיט גרויס

מי האָט ער ביסלעכווייז אָפּגעשטופּט די טיר און זי האַלב געעפֿנט, אַראָפּגיין אָבער פֿון די טרעפּ איז געווען אוממעגלעך, מען איז ממש געזונקען אין שניי. ער האָט גענומען אַ שופֿל און לאַנגזאַם געשאַרט דעם שניי פֿון די טרעפּ, ער האָט אָנגעטאָן טיפֿע קאַלאָשן, אָבער דער שניי איז דערגאַנגען ווייט איבער די קני.

ער האָט טעלעפֿאָנירט צו זיין טאָכטער און איר געזאָגט, אַז אפֿשר וואָלט מען אָפּגעלייגט דעם וויזיט צום דאָקטער, ער האָט נאָך אַ צאָל פּילן, וואָס קאָן קלעקן אויף אַ וואָך צייט, און ער דערוואַרט נישט אַז אָט דער דאָזיקער וויזיט זאָל אים ברענגען די ישועה. די טאָכטער איז געווען קעגן. אַ ביסל שפּעטער איז זי אָנגעקומען מיט איר קאַר צו זיין הויז. די רייזע צו אים, וואָס דויערט געוויינלעך 5 מינוט, האָט טאַקע געדויערט גאַנצע 25 מינוט, אָבער זי איז דאָך געקומען.

אַרבעטער מיט שופֿלען אין די הענט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט אָפּצוראַמען דעם שניי און אָפּרייניקן די צוגענג צו די פּריוואַטע הייזער. צוליב דעם אָבער וואָס דער שניי איז געוואָרן וואָס אַ מאָל אַלץ טיפֿער און טיפֿער, האָט געדויערט זייער לאַנג צו מאַכן אַ וועג צו אַן אַריינגאַנג אין אַ הויז. עס איז דעריבער געווען זייער שווער צו קריגן אַ שניי־ראַמער, די ראַם־מאַשינען פֿון דער שטאָט האָבן געראַמט די גאַסן און אָנגעהאָרבעט נאָך מער שניי ביי די ראַנדן פֿון גאַס, וואָס האָט דערגרייכט כמעט ביזן קאָפּ פֿון מענטשן.

אייזנבערג האָט נישט געקאָנט צוקומען צו דער טאָכטערס קאַר, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פֿון גאַס, לעבן זיין הויז. דאָס גלייכן איז געווען שווער זיין טאָכטער צוצוגיין אים נעמען, קיין שניי־שופֿל האָט זי נישט געהאַט. צו איר גליק איז דער שכן פֿון קעגנאיבער אייזנבערגס הויז געשטאַנען און אָפּגעשאַרט דעם שניי.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים און געבעטן באָרגן דעם שופֿל. ער האָט איר גערן געגעבן און זי האָט אָנגעהויבן שאַרן דעם שניי. עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט פֿאַר אַ געזונטן מאַן, בפֿרט פֿאַר אַ פֿרוי, זי האָט אָבער שנעל געוואָרפֿן די שופֿלעס שניי. אַ שווייס איז גערונען פֿון איר פּנים.

אײַזנבערג איז געשטאַנען הילפֿלאָז אויף זײַן בריקל און געקוקט ווי זײַן געטרײַע טאָכטער איז זיך ממש מוסר־נפש פֿאַר אים.

ווען זי איז שוין געווען אין מיטן וועג צום בריקל פֿון זײַן הויז, האָט ער מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אַ געשרײַ געטאָן צו דער טאָכ־טער: „הער אויף, ס'איז נישט פֿאַר דיר אַזאַ אַרבעט". ער איז אַראָפּגעּ־שפּרונגען פֿון בריקל אין שניי אַרײַן, וואָס האָט דערגרייכט איבער זײַן גאַרטל, טראַכטנדיק: „טויט אָדער רויט, וועט ער אומקומען, איז אים באַשערט אַזוי, זײַן טאָכטער איז ייִנגער פֿאַר אים, ער האָט קיין שום ר'עכט נישט צו ריזיקירן מיט איר לעבן".

מיט גרויס מאַטערניש איז ער צו איר דערגאַנגען, פֿאַלנדיק עטלעכע מאָל אין שניי. ער האָט זיך אָבער אויפֿגעהויבן און ווײַטער געטאָפּטשעט, ביז ער איז צו איר צוגעקומען. ער האָט זי אַרומגענומען, שטאַרק גע־דריקט צום האַרצן און געגעבן איר אַ פּאָר הייסע קושן. זיי זענען אַרײַן אין קאַר און אַוועקגעפֿאָרן צום דאָקטאָר.

איין מאָל, בעת אַ וויזיט, האָט ד"ר לעווין געזאָגט צו אײַזנבערגן, אַז ער וועט אים געבן אַ רפֿואה. ער האָט אים דערקלערט, אַז ער דאַרף אַרויסבאַקומען פֿון אים אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין זײַן אונטער־באַוווּסטזײַן פֿון זײַן קינדהייט אָן, פֿון זײַנע יוגנט־יאָרן, זײַנע באַציונגען מיט די עלטערן, זײַנע פֿאַרשידענע איבערלעבונגען אד"גל.

— דעם מענטשנס כאַראַקטער ווערט פֿאָרמירט פֿון דער מינוט, ווען ער ווערט געבוירן. אַ נישט פּאַסיקע אויפֿפֿירונג און נישט געהעריקע באַציונג פֿון עלטערן צום קינד רופֿט זיך אָפּ ביים מענטש אין זײַנע שפּע־טערדיקע יאָרן. ס'קאָן זײַן, אַז דער איצטיקער צושטאַנד איז אַ רעזולטאַט פֿון איבערלעבענישן אין אײַערע יוגנט־יאָרן, די רפֿואה וועט עס אַרויסברענגען.

דער דאָקטאָר האָט באַשטימט אַ טאָג, ווען אײַזנבערג דאַרף קומען צו אים גאָר פֿרי — אַרום 8 אַ זייגער. ער דאַרף יענעם פֿרימאָרגן נישט עסן און נישט טרינקען, מען וועט אים אַוועקלייגן אויף אַ בעטל, אים געבן אַ געטראַנק און אין אַ קורצער צייט נאָך דעם וועט ער ווערן אַריבער־געטראָגן אין זײַנע גאָר יונגע יאָרן. דער דאָקטאָר לעווין און אַ קראַנקן־

שוועסטער וועלן זיין מיט אים. דער דאָקטאָר וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין זיין פאָטער און די קראַנקן־שוועסטער אין זיין מוטער.

צו דער באַשטימטער צייט איז אייזנבערג געקומען צום דאָקטאָר, מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער, אַוועק־געלייגט אים אויף אַ בעטל, צוגעבונדן אים, ער זאָל פון בעטל נישט קאָנען אַראָפפאַלן און געגעבן אַ האַלבע גלאָז פליסיקייט. דער געטראַנק האָט קיין ספּעציעלן טעם נישט געהאַט. אין אַ 15 מינוט אַרום האָט ער דערפילט, אַז דער קאָפּ שווינדלט אים און ער האָט פּאַר זיך דערזען דאָס בילד פון זיין פאָטער מיט דער לאַנגער באָרד און יאַרמלקע אויפן קאָפּ.

אייזנבערג האָט אָנגעהויבן וויינען און אויפן קול גענומען רעדן: „טאַטע, טאַטע, כ'האָב געזינדיקט קעגן דיר, כ'ווייס, אַז דו ביסט געווען נישט צופרידן מיט מיר. ווען דו האָסט מיך געשיקט אין חדר צו פינף יאָר, האָב איך נישט געוואָלט גיין, דו פלעגסט מיר דערציילן, ווי אַזוי דו האָסט מיך געשלעפּט פאַרן הענטל און געשריגן אויף מיר, אַז אויב איך וועל נישט גיין אין חדר וועל איך אויסוואַקסן אַ גוי, כ'וועל נישט קענען דאַווענען און מאַכן אַ ברכה. בין איך געצוווּנגענערהייט אין חדר געגאַנגען. ווען איך בין אונטערגעוואַקסן און האָב שוין געלערנט חומש מיט רש״י, האָסטו מיך גענומען מיט זיך אין בית־מדרש אַריין, צו לערנען משניות. אין די ווינטערדיקע פריע פרימאָרגנס, ווען ס'האָט זיך נישט געוואָלט אַרויס פון אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע, האָב איך געמוזט אויפשטיין און גיין מיט דיר אין בית־מדרש. די לבנה איז נאָך געשטאַנען אין הימל און די שטערן האָבן שוין גענומען טונקלען, אין די גאַסן זענען געווען ווייניק מענטשן. די לאָדנס פון די הייזער זענען נאָך געווען פאַרמאַכט, פון איינצלנע הייזער האָבן זיך באַוויזן מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען דעם זעלבן וועג — אין בית־מדרש. אונטער די פיס האָט געסקריפּעט דער פראָסט. דיין לאַנגע באָרד, די וואָנצעס, פלעגן זיך באַדעקן מיט פראָסט, איך פלעג רייבן מיינע אויערן און דעם נאָז, זיי צו דערוואַרעמען. אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צום בית־מדרש, ווו עס זענען שוין געווען ביי אַ מנין יידן און אייניקע פון זיי זענען געשטאַנען

ביים אויוון און זיך געוואַרעמט, זיי האָבן דערציילט איינער דעם צווייטן אויסטערלישע מעשיות. דער רב האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען דעם פּרק משניות — איך האָב זייער ווייניק פאַרשטאַנען פון רבס לערנען — בין אָבער געזעסן שטיל אין זיך...

„מיין טאַטע איז געווען זייער אַ פרומער. ווען איך האָב שוין געקענט דאַווענען, האָב איך געמוזט יעדן טאָג דאַווענען און דער טאַטע האָט מיך קאָנטראָלירט, צי איך האָב ריכטיק געזאָגט דעם יום. איך פלעג עס מאַכן בקיצור און איבערהיפּן אַ סך.

„טייל מאָל האָט מיר דער טאַטע גענומען אין אַ וואָכעדיקן טאָג אין בית־מדרש אַריין, צו דאַווענען מנחה־מעריב; צווישן מנחה און מעריב האָט געדרשנט אַ מגיד — אַ ייד מיט אַ לאַנגער רויטער באָרד און מיט אַ קלינגענדיקער שטים“.

— דערציילט, דערציילט, — האָט דער דאָקטאָר דערמוטיקט איינזנבערגן.

און ער האָט פאָרגעזעצט דעם מגידס ווערטער:

„מען דאַרף זיך דעם גאַנצן לעבן גרייטן צום עולם האמת, דאָ איז נאָר דער עולם־השקר, וואָס מען דאַרף איבערקומען, עס איז אַ פּרוזדור, וואָס מען דאַרף נאָר דורכגיין, כדי אָנצוקומען אויף דער אמתדיקער וועלט; דאָרטן איז פאַראַן אַ גן־עדן פאַר די צדיקים, די אָרנטלעכע מענטשן און אַ גהינום פאַר די זינדיקע, פאַר רשעים; אין גן־עדן איז דאָ פון אַלדאָס גוטס; די יידן זיצן אויף די בעסטע שטולן און לערנען, זיי זיצן אָנגעטאָן אין קיטלען און טליתים, זיי עסן פון דאָס בעסטע: פלייש פון שור הבר, פיש, קאָמפּאָטן, די בעסטע געטראַנקען; די נישט־פרומע, די רשעים, די וואָס גייען נישט ביי זייער לעבן אין די דרכים פון דער הייליקער תורה, זיצן אין גיהנום, מען שמייסט זיי דאָרט מיט אייזערנע ריטער און מען בראָט זיי אין פעסער ברענענדיקער סמאָלע; זייט זשע, יידן, פרום, גיט אָפּ כבוד דעם רבונו של עולם און העלפט דעם אָרעמאַן, בעט ג׳ מחילה פאַר די זינד, וואָס איר טוט — און יעדער איינער איז זינדיק — דאַוונט מיט כוונה און היפּערט גאָרנישט איבער. ווען איר שטייט אויף אין דער פרי, וואַשט זיך, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, וואָס איר גרייט אָן פאַרן שלאָפן

ביי אייער בעט, טוט זיך דערנאָך אָן, וואַשט אייך, טוט וואָס יעדער איינער דאַרף טאָן אין דער פרי, גייט אין שול דאַווענען און דאַן גייט אַהיים אָפּעסן און נעמט זיך צו אייער פרנסה.

„ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך געוויינט, כ׳האָב צוגעזאָגט דעם טאַטן, מער נישט איבערהיפּערן קיין וואָרט ביים דאַווענען. „גוט" — האָט מיר מיין טאַטע געזאָגט, — „גאָט וועט דיר די ביז איצטיקע זינד מוחל־זיין, אָבער געדענק, זרחקע, געדענק, וואָס דער מגיד האָט אָנגעזאָגט.

„אַזוי זענען אַריבער עטלעכע יאָר, כ׳בין געוואָרן בר־מצוה, דער טאַטע האָט מיר געקויפט אַ פּאָר תפילין און איין מאָל, אין אַ דאָנערשטיק, בין איך געגאַנגען מיטן טאַטן אין בית־מדרש אַריין און מען האָט מיך אויפגערופן צו דער תורה. איך האָב געקענט גוט די ברכות און דער טאַטע האָט אָנגעקוואָלן פון מיין לייענען תורה. דער טאַטע האָט מ׳יר געזאָגט, אַז פון היינט אָן בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין, פאַר מיינע עבירות און מצוות.

„איך בין אָבער לאַנג נישט געגאַנגען אין די וועגן פון גאָטס תורה; כ׳פלעג נישט יעדן טאָג דאַווענען און נישט זאָגן שטענדיק פאַרן שלאָפן קריאת־שמע, דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז שבת זאָל איך מיט אים גיין דאַווענען אין זיין בית־מדרש. איך פלעג אָבער אַוועקגיין צו מיינע חברים און זאָגן דעם טאַטן, אַז איך בין געגאַנגען אין דער גרויסער שול, ווו עס דאַוונט אַ חזן מיט משוררים.

„דער טאַטע האָט געוואָלט איך זאָל גיין אין אַ ישיבה און ווערן אַ רב. אין ישיבה בין איך אָנגעקומען, אָבער לאַנג בין איך דאָרטן נישט געווען. שווער איז מיר געווען דער עול פון מיין טאַטנס יידישקייט, כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אויף ווילדקייטן פון די פאַנאַטישע יידן, כ׳האָב זיך פיל אָנגעהערט פון די מעשים, וואָס זיי האָבן געטאָן קעגן דער פאָרגע־שריטענער יוגנט, כ׳האָב זיך דערוווּסט, ווי זיי האָבן פאַרניכטעט ביבליאָ־טעקן, געמסרט דער פאָליציי, אַז פלוני בן פלוני איז אַ בונטאָווששיק, זיי זענען געווען פאַנאַטישע ביגאָטן.

„כ׳האָב באַקומען אַ שנאה צו די פרומע יידן. מיין טאַטע האָט געהאַט

גרויס עגמת־נפש דערפון, וואָס איך בין אַוועק, לויט זיין מיינונג, לתרבות רעה און וועל אויסוואַקסן אַ גוי.

„מיין מוטער איז זייער איבערגעגעבן געווען צו מיר, ווי צו די איבעריקע קינדער פון אונדזער משפחה: וואָס ווילסטו פון ייִנגל, אַלע זענען היינט אַזוי, אַזוי גייט די וועלט — פלעגט זי טענהן צום טאַטן. דער טאַטע פלעגט איר שטענדיק ענטפערן: אויב ער וועט אויסוואַקסן אַ גוי, דאַרף איך אים נישט האָבן פאַר קיין זון, ער איז דאָך ערגער ווי אַ גוי, ער מאַכט אַפילו נישט קיין ברכה פאַרן עסן, אַ גוי צלמט זיך כאָטש איבער. ער איז נישט קיין ייד און נישט קיין גוי, וואָס וועט פון אים אויסוואַקסן? — אַ מערדער! פאַר גאָט האָט ער קיין מורא נישט, דאַוועגען דאַוונט ער נישט און אין בית־מדרש גייט ער נישט.

„מיין טאַטע — האָט אייזנבערג ווייטער גערעדט — האָט געגלייבט, אַז מיט זיין דור פאַרענדיקט זיך ידישקייט, אַז אויב אַלע וועלן זיין ווי איך, וועט יידישקייט נישט געדייען. ווען מיין טאַטע וואָלט איצט אויפגעשטאַנען פון זיין קבר און וואָלט געזען ווי דאָס יידיש לעבן זעט היינט אויס, וואָלט ער דאַן נישט געהאַט אַזאַ באַציונג צו מיר, ער וואָלט געזען, אַז די דאָזיקע „ערגער ווי גויים״ האָבן אויפגעבויט מדינת־ישראל און מיט שטאָלץ געגאַנגען אין קאַמף פאַר „זיין״ הייליקער ירושלים, זי זאָל בלייבן אַ יידישע שטאָט; ער וואָלט געזען, אַז זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט נאָר מיט זאָגן „לשנה הבאה בירושלים״, נאָר זענען טאַקע עולה־געווען קיין ירושלים; ער וואָלט געזען, ווי זיין זרח פראַוועט פסח דעם סדר, פונקט ווי ער האָט עס געפּראַוועט אין וואַרשע, ווי די קינדער פון זיין זרחן בענטשן פרייטיק צו נאַכטס ליכט און זיינע אוראייניקלעך מאַכן פרייטיק אין אָוונט קידוש. ער וואָלט געזען ווי די זעלבע אוראייניקלעך לערנען חומש און טאַקע חומש מיט רש״י, זיי פירן זיך טאַקע נישט אויף, ווי ער האָט זיך געפירט, — האָט ער זיך דען געפירט ווי זיינע עלטער־זיידעס האָבן זיך געפירט? — די וועלט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, עס פליסט, עס ענדערט זיך.

„די לוויה פון טאַטן איז געווען זייער אַ קליינע. נאָך דער עגלה איז געגאַנגען אַ קליינע גרופּע מענטשן. מיר האָבן דאַן געוווינט אין אַ קליין

שטעטל לעבן ווארשע. ווען מיר זענען געקומען אויפן בית־עלמין און מען האט מיין פאטער מקבר־געווען, האט די מאמע ווידער א מאל מיר געבעטן זאגן קדיש. איך האב זיך אפגעזאגט, געזאגט, אז כ׳גלויב נישט אין דעם.

„ס׳איז דאן געווען די צייט פון דער זיגרייכער רעוואלוציע אין רוסלאנד, וואס אירע אידעען האבן פארכאפט גרויסע טיילן פון דער יוגנט אויך אין אנדערע לענדער. די באלשעוויקעס זענען געווען ביי דער מאכט.

„די גאנצע משפחה האט באוויינט דעם טויט פון טאטן. מער פון אלע — האט געוויינט די מאמע, אויף איר פנים האט זיך ארויפגערוקט די עלטער, אירע קנייטשן זענען געווארן נאך טיפער, די בלייכקייט פון פנים נאך בלאסער און דער פינקל אין אירע אויגן איז פארשוווּנדן. מיט א שווער געמיט איז זי צוגעגאנגען צו מיר און געזאגט: „זרחקע, דו וועסט אויפן בית־עלמין זאגן קדיש״ — „איך וועל נישט, מאמע, דו ווייסט זייער גוט, אז איך גלייב נישט אין דעם, דער טאטע וועט סיי ווי האבן א ליכטיקן גן־עדן, ער איז געווען אן איש תמים״.

— „מיין זון, דאס זאגן קדיש איז נישט פאר די טויטע, נאר פאר די לעבעדיקע, כ׳בעט דיך, טו מיר נישט אן קיין עגמת־נפש, מיין הארץ איז אזוי אויך צעבראכן, מיין וועלט איז מיר פינצטער אן אייער טאטן, טו עס כאר מיר, פאר דער גאנצער משפחה״. — גרויסע טרערן זענען געפאלן פון אירע אויגן. א לאנגע צייט האט זי געוויינט, געכליפעט אין זיך: „וואס טויג מיר איצט מיין לעבן, איר וועט זיך צעפליען ווי די פייגעלעך, יעדער פון אייך וועט בויען זיין אייגן נעסט און איך... איך בלייב א פינצטערע אלמנה און וועל זיין אפהענגיק פון אייך, פון אייער הילף; זאג מיר צו, אז דו וועסט זאגן קדיש, דו וועסט אפהיטן דעם יארצייט, וועסט אנצינדן יארצייט־ליכט פאר דער נשמה פון טויטן״.

„איך האב דער מאמען געזאגט, אז איך קאן עס נישט טאן. אין מיר האבן געקעמפט צוויי געפילן: נאכגעבן דעם פארלאנג פון דער מאמען, אדער טאן עפעס, וואס איז קעגן מיינע פרינציפן. מיר האט זיך דערמאנט, ווי די מאמע פלעגט מיר דערציילן, אז ווען איך בין א קינד געווען, בין

איך דורכגעגאַנגען אַלע קינדער־קראַנקהייטן: פּאָקן, מאָזלען, גריפּע, שקאַרלאַטין, נישט געווען קיין איין קראַנקהייט, וואָס איך האָב נישט דורכגעמאַכט, זי פלעגט גאַנצע נעכט אָפּזיצן לעבן מיר און האָט מיר מיט איר איבערגעגעבנקייט אַרויסגעשלעפּט פון אַלע צרות.

„די מאַמע מיינע האָט טאַקע געהאַט אַ נשמה פון אַ מלאך און האָט שטענדיק, ווי אַ מאַמע, — אָפּגעהיט אירע קינדער, עס זאָל זיי קיין שלעכטס נישט געשען. נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָבן מיינע פּרינציפּן מנצח־געווען. די קאַלטע לאָגיק האָט באַזיגט די געפילן.

„מיין גאַנץ לעבן, ביזן היינטיקן טאָג, טראָג איך אַ שולד־געפיל לגבי מיין פאָטער און איבערהויפּט לגבי מיין ליבער, האַרציקער מוטער. זי שטייט איצט פאַר מיינע אויגן — זי האָט מיר שוין זיכער לאַנג מוחל־געווען, זי האָט לאַנג נישט געקאָנט טראָגן קיין כעס, איך האָב אָבער זיך אַליין נישט מוחל־געווען.

„מיין מאַמע איז געווען אַ שניידערין, דער וואַרשטאַט איז געווען אין אונדזער הויז, ווו מיר האָבן געוווינט — אַ דירה פון דריי צימערן מיט אַ קיך פאַר ניין מענטשן. זי איז געווען שטענדיק באַשעפטיקט, פאַרפאַרעט, אָדער מיט איר שניידעריי אין וואָס מיינע שוועסטער האָבן איר אַרויס־געהאָלפן אָדער מיט קאָכן, וואַשן, ראַמען. זי פלעגט אַליין באַקן ברויט. דער טאַטע איז קיין גרויסער פאַרדינער נישט געווען, ער האָט געהאַנדלט מיט האָלץ, בוי־מאַטעריאַלן, וואָס ער פלעגט פירן מיט דער ווייסל קיין דאַנציג. דאָס געהילץ איז געווען געבונדן אין פליטן און פויערים פלעגן עס טרייבן מיטן וואַסער. פרייטיק פלעגט די מאַמע אויפשטיין אינעם גרויען פאַרטאָג, אָפּבאַקן ברויט אויף אַ גאַנצע וואָך; באַקן חלות, פלעצלעך און קוכן אויף שבת. פרייטיק אין דער פרי פלעגן מיר, קינדער, שוין עסן אירע פרישע פלעצלעך.— ”

אַ גאַנצע וואָך האָט אייזנבערג פאַרגעזעצט און דער דאָקטאָר לעווין, צוזאַמען מיט דער קראַנקן־שוועסטער, זענען געזעסן ביי זיין בעט, געהערט און פאַרצייכנט:

„פרייטיק אין אָוונט איז סיי דאָס הויז, סיי דאָס עסן געווען אין גאַנצן אַנדערש; די מאַמע און די שוועסטער האָבן צוגעדעקט די ניי־

מאַשינען, פאַררוקט זיי אין די ווינקלען, באַדעקט דעם טיש מיט אַ קלאָר־ווייסן טישטעך, אַרויפגעשטעלט לייכטערס מיט ליכט. אַלע האָבן זיך געוואַשן און געצוואָגן, דער טאַטע פלעגט גיין מיט מיר אין דער שטאָטישער באָד; אויף אייזערנע שטאַנגען, וואָס פלעגן זיך ציען פון איין וואַנט ביז דער צווייטער, זענען געווען צעהאָנגען די העמדער און די אונטערוועש פון די מענטשן, וואָס זענען געקומען אין באָד.

„מיין טאַטע פלעגט ליב האָבן אַרויפצוגיין אויף דער דריטער פּאָליצע, און וואָס העכער אַלץ הייסער. ער פלעגט מיט אַ באַזונדערער הנאה זיך שמייסן מיטן בעזעמל, לעבן זיך האָט ער געהאַלטן אַ טעפּעלע מיט קאַלט וואַסער און אָפט געוואַשן דאָס פּנים, כדי זיך אָפּצוקילן.

„פרייטיק צו נאַכט האָט די שכינה גערוט אין הויז. ווען דער טאַטע פלעגט קומען פון שול אין דער אויסגעפּוצטער שבת־שטוב, פלעגט מען זיך זעצן עסן: דער טאַטע פלעגט מאַכן קידוש אויף די חלות און יעדן געבן אַ שטיקל חלה. מיט דעם איז ער מוציא־געווען די גאַנצע משפּחה, דאַן פלעגט די מאַמע דערלאַנגען די יויך מיט מאַנדלעך, פיש, פליש, צימעס און קאָמפּאָט — מען איז קוים פון טיש אויפגעשטאַנען. דער טאַטע איז פרייטיק צו נאַכט געווען שטענדיק גוט אויפגעלייגט, גאָרנישט דער זעלבער טאַטע.

די מאַמע איז געזעסן ביים טיש אַ פאַרמאַטערטע, אָבער אַ שיינענדיקע. צווישן איין מאכל און צווייטן האָט מען געזונגען זמירות, אַלע קינדער און דער טאַטע האָבן געזונגען, די מאַמע פלעגט זיך פאַרען אין קיך. פון די שבתדיקע זמירות איז מיר נאָך ביז היינט געבליבן דער טעם. נאָכן בענטשן פלעגט דער טאַטע אָוועקלייגן די האַנט אויפן טיש, אַרויפלייגן דעם קאָפּ אויפן האַנט און אַזוי איינדרימלען. דאָס איז געווען זיין גרעסטער פאַרגעניגן. נאָכן אָפּדרימלען אַזוי אַ שעה פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, נעמען דעם סידור און אָנהייבן זינגען שיר השירים.

מיר, קינדער, פלעגן שוין ליגן אין די בעטן און שטאַרק הנאה האָבן פון טאַטנס זינגען־זאָגן שיר השירים. דער ניגון פלעגט אונדז איינשלעפערן, די פרייטיקצונאַכטן וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

„די ווערטער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל: „ביין, קיינער וועט אונדז

נישט באַפרייען, נישט גאָט אַליין און נישט קיין העלד, מיט אונדזער אייגענעם כלי־זין אַ רעטונג ברענגען מיר דער וועלט" זענען אַריינגע־דרונגען אין די הערצער פון דער יוגנט. היינט וואָלט אַזאַ זאַך נישט געשען. די שאַרפע קעגנזאַצן זענען פאַרשוואונדן. היינט טאָלערירט מען זיך, איינער דעם צווייטן. דאַן איז געווען אַן איבערברוך אין יידישן לעבן, די אָרטאָדאָקסיע — און קיין אַנדער רעליגיעזע ריכטונג איז דאַן נישט געווען אינעם יידישן לעבן, — האָט געהאַנדלט לגבי די פרייע זייער שטרענג, זיי האָבן איבערגענומען דעם קאָמוניסטישן לאָזונג: „ווער ס'איז נישט מיט אונדז, איז קעגן אונדז....

„אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר, ווי די גאַנצע באַפעלקערונג, געהונגערט. מיט שוועריקייטן האָט מען דאַן געקראָגן אַ לעבל ברויט. די מאַמע פלעגט צעשניידן דעם לעבל ברויט אויף פענעצלעך און געבן יעדן איינעם אַ פענעצל. מיר האָבן געקוקט אויפן ברויט מיט זשעדנע אויגן. גאַנצע טעג פלעגן מיר אַרומגיין הונגעריק".

אונטער דער ווירקונג פון דער רפואה האָט אייזנבערג אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן. ס'איז אים לייכטער געוואָרן. דאָס, וואָס ס'האָט אים אַזוי פיל יאָרן געמאַטערט, געדריקט אויף אים, האָט ער פון זיך אַראָפּגערעדט. דאָס אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן און דאָס גוט אויסוויינען זיך האָט אים פיל גוטס געטאָן — גרינגער געמאַכט דאָס געמיט, ער האָט זיך נאָך דעם געפילט בעסער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַרויף צום געזונט ווערן.

איצט, ווען ער איז פולקאָם געזונט, שיינט אים, אַז ער איז אַ בעסערער מענטש, ער קאָן בעסער מיטפילן און פאַרשטיין, ווען עמעצער איז אין נויט, ער שאַצט אָפּ דעם ווערט פון געזונט זיין און האַלט, אַז דאָס איז דאָס טייערסטע ביים מענטשן, אַז קיינער ווייסט נישט, וועמענס מאָרגן עס איז און אַז מען דאַרף איבערלאָזן נאָך זיך אַ גוטן נאָמען, אַז אין לעבן פון יעדן מענטש זענען דאָ פּראָבלעמען און אַז אָפּלעבן אַ לעבן איז נישט פון די לייכטע זאַכן. שוועריקייטן אין לעבן האָט יעדער איינער, נאָר מען דאַרף וויסן, ווי אַזוי זיי בייצוקומען און מען דאַרף האָפן, אַז זיי וועלן פאַרבייגיין, איז ער גרייט צו העלפן יעדן איינעם, וואָס געפינט זיך אין אַ נויט.

ער וויל הנאה האָבן פון לעבן און אַריינגעמען אין זיך וואָס מער פון גייסטיקע פאַרגעניגנס, וואָס דאָס לעבן קאָן געבן יעדן איינעם, אומאָפהענגיק פון זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. זיין דורשט נאָך פאַרגעניגן, נאָך וויסן, איז גרויס, יעדער טאָג איז ביי אים אַ יום־טוב.

ווען אייזנבערג איז געזונט געוואָרן האָט זיין פרוי געשיקט דעם דאָקטאָר לעווין אַ שיינעם דאַנק־בריוו און געגעבן אַ סומע געלט פאַר דער פאָרש־אַרבעט, וואָס דאָקטאָר לעווין פירט, כדי קענען בעסער היילן קראַנקע פון דעם מין.

דער דאָקטאָר האָט געדאַנקט אייזנבערגן פאַר דער מתנה און אונטער־געשטראָכן, אַז דער פרימאָרגן, ווען מר. אייזנבערג איז צו אים געקומען אין אָפיס מיט דער ידיעה, אַז ער איז פולקאָם געזונט געוואָרן, איז ביי אים געווען פון די גליקלעכסטע אין זיין לעבן.

אפרים אויערבאַך

חומש-סטעפּ

משהלען, צו זיין ווערן אַ בן־שבעים

פאַרנאַכטלעך פאַלן פאַסן זון אויף ווייטן סטעפּ.
אַן עלנט שטיבל איז מיט טונקלגאָלד באַגילדט.
דער ווינט אויף דיינע זאַנגען־סטרונעס שפּילט
און גיט זיי ביי די האָר מיט אַ לאַך אַ שלעפּ.

אַ קעלבל גייט פאַרחלומט נאָך דער קו.
אין בינטלעך — לעמעלעך צונויפגעקניפּט.
אַ ניגון האָט דאָס טייכל אויסגעזיפּט,
פאַרכוואַליעט זיך צו שטערנדיקער רו.

דער טאָג איז אָנגעזעטיקט, מיד פון בלענד,
ער לאָזט אַראָפּ די ווייעס יידיש־פרום.
זינגט רות צו בועזן: איך קום... איך קום...
אלמנהשאַפט מיינס איבערענטפערן אין דיינע הענט.

די שטערן פינטלען־אוים פסוקים פון תנ״ך,
איך לייען זיי מיט איינגעוויגטן קאָפּ.
דעם ניגון זאָג איך מיטן ריטעם פונעם טראָפּ
און שפּיר: דער סטעפּ מיט חומש איז איצט וואַך.

יעקב גלאַטשטיין

נאַציאָנאַל אָדער אוניווערסאַל

איך האָב תמיד איינגעזען, אַז אוניווערסאַלע טעמעס שטעלן אייגנטלעך צו אַ קלענערן אויסוואַל ווי נאַציאָנאַלע. ווען מען שרייבט לידער וועגן די פיר דעפינירטע צייטן פון יאָר, מען באַשרייבט אַ בוים, אַ בלום, אַ שקיעה אָדער אויפגאַנג, אַ ביסל גראָז; מען באַזינגט אַ ביסל ליבע (היינט איז עס שוין אַן אַלטמאָדישע אוניווערסאַלע טעמע) און מען דערמאָנט זיך אין טויט — האָבן מיר דערמיט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן אוניווערסאַלן טעמאַטישן לאַגער. די דאָזיקע טעמעס זענען אוניווערסאַל, ווייל מיר נעמען אָן, אַז זיי זענען פאַרשטענדלעך אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט און אַז די נאַטור אין איר אויפשטיין און פאַרטונקלונג, מיט איר האַרצרייסנדיקן קאָנטראַסט צום מענטש, מיט וועמענס אויפשטיין ס׳הייבט זיך גלייך אָן זיין אונטערגאַנג; אַז דאָס איז אַ מין גאָט־געגעבענער פּאָעטישער עספּעראַנטאָ, וואָס פון די ראַפינירטסטע, ציוויליזירטסטע פעלקער, ביז קאַניבאַלישע שבטים, וועט מען עס מוזן פאַרשטיין, ווייל די טעמעס אַליין וועלן זיי אַ כאַפּ טאָן ביים אוניווערסאַלן האַרץ.

אָבער קונסט מיינט דאָך דיסציפּלין, און דיסציפּלין מיינט אין לעצטן סך־הכל — ענגשאַפט, אין ענגשאַפט צו קענען שאַפן געגנוג קינסטלערישע באַקוועמלעכקייט. מען גיט דיר אַ צוגעשפּאַרטע אַרומצאַמונג און דו דאַרפסט דאָרט באַווייזן וווּנדער צו מאַכן דיין שפּאַציר. זאָלן מיר דערפאַר זאָגן, אַז אין דער באַגרענעצטקייט פון דעם אוניווערסאַלן טעמאַטישן אויסוואַל ליגט דער אַרויספאָדער צו קינסטלערישער דיסציפּלין. ס׳קלינגט פּאַראַדאָקסאַל צו רעדן וועגן אוניווערסאַלע טעמעס און וועגן באַגרענעצטקייט — אין איין אָטעם, אָבער מיר שמועסן דאָך — לאַבאָראַטאָריש און

מיר מיינען מיטן וואָרט אוניווערסאַל דאָס אַלגעמיינע לשון פון געפילן, וואָס פּאָעזיע איז מחויב צו רעדן.

ש. ניגער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט זיך נישט אַזוי קאָנצענטרירט אויף נאַציאָנאַלע טעמעס, וואָלט איך געקענט ווערן אַן אוניווערסאַלער פּאָעט. ס׳איז געווען אַ בחפּזונדיקער זאָג און ס׳איז מסתמא געווען אַריינגעקנאָטן אין אַ לענגערן שמועס, נאָר דעם פּאָדעם פון יענעם שמועס געדענק איך שוין נישט. מיר איז אָבער, געדענק איך, געבליבן אויף איבערצוקייען דער דאָזיקער קאָנטראַסט צווישן אוניווערסאַל און נאַציאָנאַל און נאָך עד־היום פאַרשטיי איך נישט אַקוראַט דעם אונטערשייד צווישן די ביידע באַגריפן, אָדער זאָלן מיר זיי רופן — טערמינען.

יענער שמועס איז, דאַכט זיך, געפירט געוואָרן בעת די שוידער־יאָרן, ווען מייסטע יידישע פּאָעטן און פּראָזע־קינסטלערס האָבן געשריבן וועגן חורבן, סיי די פּאָעטן, וואָס זענען געווען אין ממשותדיקן חורבן, סיי די, וואָס זענען געווען אין קאָשמאַר פון חורבן. ש. ניגער אַליין האָט דעמאָלט געשריבן וועגן יענע לידער און געזוכט די אויסגעטיילטע קולות פון יחידים ווען מען האָט געקענט אַרויסהערן פון דעם קלאָג־ציבור.

מיר דאַכט זיך פון דעסטוועגן, אַז ניגער האָט באַטראַכט די אַלע קלאָג־ און חורבן־לידער ווי אַ צייטווייליקן איבערפּאַל אויפן יידישן פּאָלק, וואָס מען וועט און מען מוז דערפון זיך ראַטעווען. דערינען איז אַוודאי געלעגן גרויסער אָפּטימיזם, אַז דאָס יידישע פּאָלק וועט עס אַלץ איבערלעבן, און דער ווונטש, אַז מען וועט און מען דאַרף איבערגיין צו „פּערמאַנענטערע" טעמעס. אָפט מאָל דאַכט זיך מיר נאָך איצטער, אַז יידישע פּאָעטן זינדיקן גאָר וואָס זיי זענען אַוועק פון דער דאָזיקער „צייטווייליקער" טעמע און ס׳האָט אפשר באַדאַרפט זיין אונדזער געהייליקטע שליחות נישט אויפצו־הערן באַקלאָגן דעם חורבן ביזן סוף פון אונדזערע טעג — די טעג פון אונדזער דור, וואָס האָט עס אַלץ אויף זיינע פּלייצעס דורכגעטראָגן אָדער דורכגעשוידערט אין מאַרך.

כ׳ווייס נישט צי ש. ניגער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ פולן חשבון און צי ער האָט טאַקע געמיינט די חורבן־לידער, ווען ער האָט מיך געוואָלט אַרויספירן אויף די ברייטע וועגן פון מיטאָס אָדער עפּאָס, וואָס האָבן אים

דעמאָלט שטאַרק געהאַט פּאַרכאַפּט. ס׳קומט מיר אָבער אויס, אַז ניגער האָט נישט געשריבן מיט צו פיל וואַרעמקייט וועגן חורבן־לידער. אפשר האָט ער מורא געהאַט פאַר דער פּאַרפּלייצעניש פון אַזעלכע לידער, בעת ער האָט געזוכט די „חזנים״ אין די גרויסע כאָרן פון „משוררים״. דאָס זענען אַלץ פראַפּאַנירטע אויסדרוקן, אָבער ס׳רעדט זיך דאָך דאָ טעמאַטיש און אויב איר ווילט, אַפילו לאַבאָראַטאָריש.

ס׳איז כדאַי אַ מאָל צו נעמען אין האַנט אַריין אַן אָנגענומענע אַנטאָ־לאָגיע פון ענגלישער פּאָעזיע, וואָס איז זיכער, ווי קינד און קייט ווייסט — אוניווערסאַל. לאָמיר זאָגן — דאָס „אָקספאָרד״־בוך פון ענגלישער פּאָעזיע און לאָמיר זיך אַוועקזעצן און ערלעך לייענען, כ׳מיין, אָן דער צוגעגרייטער קעלבערנער התפעלות, און לאָמיר דאָרט זוכן די באַזונדערע גוטע לידער, וואָס קענען „רעדן״ צום היינטיקן לייענער, צום לייענער, וואָס לייענט נישט מיטן טראָפּ פון שול־נאָסטאַלגיע, ווען מען האָט אין אים אַריינגע־קנעלט אַז די לידער זענען זהב טהור. אַז מיר וועלן אויף אַן אמת דאָרט זוכן גוטע לידער, וועלן מיר געפינען, אַז צווישן די פאַרהייליקטע בלעטער פון ענגלישן פּאָעטישן פאָלקס־אוצר זענען פאַראַן זייער ווייניק היינטציי־טיקע גוטע „אוניווערסאַלע״ לידער. די אוניווערסאַלקייט האָט זיך פון זיי אויסגעוועפּט. די מייסטע לידער, מיטן אויסנאַם אפשר פון אַ צוויי צענדליק, קלינגען ווי פּראָווינציעלע געזאַנגען, וואָס זייער חן ליגט בלויז אין לשון, אָבער מער נישט אין אינהאַלט. לשון איז דאָך דער היפוך פון אוניווערסאַל, סיידן מען זאָל אָפיציעל פּראָקלאַמירן, ווי ס׳איז שוין פאַקטיש אָנגענומען אין דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע, דאָס ענגלישע לשון פאַר אוניווערסאַל. אָבער אַ׳יך דעמאָלט וועט מען אויף אַ וועלט־מאָסשטאַב קוים קענען אָפּשאַצן די אינערלעכע שיינקייט פון אַן אַמאָליקן געשניצטן ענגלישן פערז, די מייסטער־שאַפט און די מוזיק, וואָס איז זיכער בלויז אַלט־אייראָפּעיש און בפירוש נישט אַפריקאַניש אָדער אַזיאַטיש; אַפילו נישט היינטצייטיק אייראָפּעיש.

ס׳איז אַ סברא, אַז דעם באַגריף אוניווערסאַל, אין שייכות מיט ליטע־ראַטור, דער עיקר מיט פּאָעזיע, האָבן אויף אונדז אַרויפגעצוווּנגען מיטן באַהערשערישן כוח שטאַרקע און גרויסע פעלקער; ס׳איז געווען אַ מין ליטעראַרישער אימפּעריאַליזם. די קלענערע פעלקער, מיט די זעלביקע

קלינג־קלאַנג־לידער וועגן טויט אָדער וועגן פֿרילינג, אויף זייערע נישט־אוניווערסאַלע לשונות, האָבן נישט געקענט אַרויסרוקן אין פֿאָדערגרונט דעם טעם פֿון זייער אוניווערסאַלער טעמאַטיק. דער אמת איז, אַז א סך אַזוי־גערופֿענע גרויסע פּאָעטן זענען געווען — פּראָזאַיקער. זייער גאַנץ פּאָעטישקייט איז באַשטאַנען אין דער באַחנטקייט פֿון זייער לשון און אין דעם צוזאַמענשטעל פֿון די גלעטנדיקע אָדער שטורעמדיקע שורות. די „אוניווערסאַלע" פֿעלקער האָבן פֿאַרקויפֿט זייערע נאַציאָנאַלע פּאָעטן דער גרויסער וועלט, וואָס האָט זיי אָנגענומען מיט אַ געפּלעפּטער מורא — אָנגענומען און זיך אונטערגעגעבן. פֿאַר אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען די מאָדערנע גריכישע פּאָעזיע, וואָס איז שוין אויך אַלט אַ הונדערט און פֿופֿציק יאָר, האָט זי ערשט היינטיקס יאָר באַקומען אַ נאָבעל־פּרעמיע און פֿאַרקויפֿט דער גרויסער וועלט איר אוניווערסאַלן פּאָעט — סעפעריס, וואָס איז אויף אַן אמת אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט.

דערפֿון איז אַ שפּרונג צום געדאַנק, אַז די אמתע אוניווערסאַלע פּאָעטן זענען — נאַציאָנאַל, נאָר זייער אוניווערסאַלישקייט באַשטייט אין דער פֿאַרקויף־קראַפֿט פֿון באַזונדערן פֿאָלק. דאָס יידישע פֿאָלק האָט קיין מאָל נישט פֿאַרמאָגט קיין פֿאַרקויף־קראַפֿט. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז כדי צו פֿאַרקויפֿן זיין שרייבער צו דער וועלט, מוז אַ פֿאָלק פֿאַרמאָגן גענוג מיליטערישן און דיפּלאָמאַטישן כּוח, און אַוודאי אַ שטיקל באַזונדערן געאָגראַפֿישן שטח. זי מוז אויך האָבן געדונגענע ליטעראַרישע מעקלערס וואָס זאָלן דעם שרייבער זייערן „אוניווערסאַליזירן".

וואָס זשע איז דער אמת? די גאַנצע מעשה מיט אוניווערסאַלע שרייבערס, אין קעגנזאַץ צו „ענגע" נאַציאָנאַלע שרייבערס, איז אַ פֿיקציע. דער נאַציאָנאַלער שלום עליכם האָט געבעך, שרייבנדיק טביהן, נישט געוווּסט, אַז ער שרייבט אַפֿילו „כינעזיש", און אַז פֿון זיין נאַציאָנאַלער ענגשאַפֿט וועט ער אויסוואַקסן צו איינעם פֿון די גרעסטע וועלט־שרייבערס. ווייל, אויב איר ווילט קינסטלערישע דיסציפּלין, איז אין נאַציאָנאַלער קונסט פֿאַראַן די געטריישאַפֿט, וואָס צווינגט אַ שרייבער צו זיין אָפּגעהיט און קאָנצענטרירט אויף יאָרן פֿון זיין קינדהייט און יינגלשאַפֿט; ווייל בלויז מיט אָט־דעם כּוח שרייבט מען נאַציאָנאַלע קונסט אַ גאַנץ לעבן. בלויז אַלץ

וואָס מען האָט איינגעזאַפּט אין שטוב, אַרומגערינגלט פון וואַרעמער משפּחהשאַפט, קען שפּעטער פאַרוואַנדלט ווערן אין נאַציאָנאַלער קונסט.

און אַז מען וויל רחבות, די מעגלעכקייט זיך צענעמען די הענט, אויס־וואַל פון טעמעס, איז נאַציאָנאַלע קונסט אַוודאי אַ סך ברייטער, ווי די אַזוי גערופענע אַד נאַוסעום, צעאַרבעטע אוניווערסאַלע טעמעס פון ליבע, ליידנשאַפט, טויט, בוים און בלום.

און אַז ס׳קומט צו אונדזער יידישער קלענערער פּאַרקויף־קראַפט פון אונדזער אייגנס צו דער וועלט, מעג מען זאָגן, אַז די נאַציאָנאַלסטע און עקזאָטישסטע פּאָעזיע, ווי למשל, די כינעזישע פּאָעזיע, אָדער די אַפריקאַ־נישע, וועט אָנגענומען ווערן ווי אוניווערסאַלע פּאָעזיע, אָבער צו יידישער פּאָעזיע טרעט מען גלייך צו מיט דעם פּאַראורטייל, אַז ס׳איז צו־נאַציאָנאַל. דער וויי־געשריי אָדער טריומף־געזאַנג פון אַ נעגער אין אַ באַפרייטער אַפריקאַנישער קאָלאָניע וועט אויפגענומען ווערן פון דער גרויסער וועלט מיט אַ סך מער אויפנעם־גרייטקייט, ווי די גאַנצע חורבן־פּאָעזיע פון יידישן פּאָעט און די אַלע גאולה־לידער פון אַן אויפגעריכטער יידישער מדינה. דאָס איז נישט קיין נאַציאָנאַלער שפּלות־געפיל, נאָר אַזוי איז עס. אַוודאי געשעען אַ מאָל ניסים, די וועלט האָט יאָ אַ שטיקל קוואָטע פאַר אונדז, אַ מין ליטעראַרישן נומערוס קלאַוזוס, וואָס איז כמעט — נולוס. ס׳געשעט אַ מאָל, אַז אַ נאָמען רייסט זיך פאָרט דורך, אָבער בעיקר בלייבט אונדזער נאַציאָ־נאַלע קונסט — עקזאָטיק, כאָטש אַ מאָל מאַכט זיך, אַז דער עמעצער, וואָס רייסט זיך דורך און קומט צו דער וועלט, געווינט זיין דורכרייס דווקא מיטן כוח פון עקזאָטיק, וואָס אין איר וויל מען אונדז כסדר איינוויגן.

ס׳איז ווערט צו געדענקען, אַז פון דער גאַנצער גרויסער יידישער און העברעישער פּאָעזיע איז קיין איין פּאָעט נישט באַקאַנט אין דער גרויסער וועלט, מיטן אויסנאַם פון איינציקן נאָמען — ביאַליק. אָבער מיט דעם נאָמען געטרויט מען אונדז אויפן וואָרט. צי שוין זשע זענען אַלע העברעישע און יידישע פּאָעטן געווען ענג־נאַציאָנאַל? כאַפּט ווידער אַ קוק אויף אַ גוטער אַנטאָלאָגיע פון קלאַסישע ענגלישע לידער און זעט, אַדרבא, מיט וואָס זענען זיי קלאַסישער פון אונדזער גרויסער פּאָעזיע און מיט וואָס זענען מיר, אין אונדזער נאַציאָנאַלקייט ענגער ווי די באַרימט־געוואָרענע ענגלישע פּאָעטן?

אויב ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ ענין ווי אוניווערסאַלע ליטעראַטור, וואָס שליסט אויס נאַציאָנאַלע קונסט, איז זי אַ סך ענגער און ממש קלוב־מעסיקער, ווי נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. אין באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור איז אַזאַ די מיטאָלאָגישע אוניווערסאַלע ליטעראַטור, נישט נאָר נאַציאָנאַל, נאָר זי ליידט פֿון אַן אַלנאַציאָנאַלן שאָוויניזם, וואָס וויל אונדז נאָך אַלץ נישט האָבן אין וועלט־געזעלשאַפֿט.

ס׳איז אויך נישט אמת, אַז די יידישע פּאָעזיע לאָזט זיך נישט איבערזעצן. זי פֿאַרלירט נישט מער דורך איבערזעצונגען, ווי יעדער ציוויליזירטע לשון. איך האַלט נישט, אַז מ׳קען נישט גוט איבערזעצן די גוטע יידישע פּאָעזיע. ס׳איז בלויז שווער איבערצוזעצן די רויכיקע לירישע לידער אין אַלע לשונות, די לידער וואָס הינקען בלויז אויף קלאַנג און וואָס זיינען פֿאַרפֿומירט. דווקא די נאַציאָנאַלע לידער לאָזן זיך איבערזעצן אויף אוניווערסאַלע באַגריפֿן. אין אונדזער צייט, ווען עס עפֿענען זיך נייע רוימען און נייע וויסנשאַפֿטלעכע כישוף־טירן, האָבן זיך פֿון דעסטוועגן נאָך אַלץ נישט אָנגענומען די אוניווערסאַלע טערמינען, און כאָטש פּאָעטן האָבן שוין געווענדט זייערע בליקן צו די נייע אוניווערסאַלע טעמעס, איז אָבער די אַלגעמיין־אָנגענומענע, אויף אַן אמת אוניווערסאַלע טערמינאָלאָגיע, נישט געוואָרן אַ טייל פֿון אַ באַזונדערן פּאָעטישן לשון.

מען קומט נאָך אַלץ אָן, יעדער פּאָעט אויף זיין שפּראַך און יעדער אויף זיין שטייגער, צום אייגענעם נאַציאָנאַלן לשון און צום אייגענעם נאַציאָנאַלן געמיט, אַפֿילו כדי אַרויפֿצושפּרינגען אויפֿן וואָגן פֿון דער צוקונפֿטיקער וועלט־טעמאַטיק. ס׳איז ווי מיט אַ קינסטלעכער אינסעמינאַציע, וואָס וועט קיין מאָל נישט אָפּשאַפֿן קיין חתונות, נאַציאָנאַלע חופּות און בעטן.

ס׳איז דערפֿאַר אַן אַבסורד צו בענקען נאָך יענער אויבערפֿלעכלעכער אוניווערסאַלקייט, וואָס מיינט נישט מער ווי וועלט־אָנערקענונג, געבויט אויף צופֿאַל, מזל און פּיפּיקער מעקלעריי, אייגענער אָדער געדונגענער. ווען אַ פּאָעט דערגראָבט זיך צו די טיפֿן און ווונדערס פֿון זיין נאַציאָנאַלער ירושה, איז ער ממילא אוניווערסאַל, אַפֿילו ווען זיינע לידער דרימלען אין אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן אָרון־קודש.

משה שטאַרקמאַן

די יידישע וועלט-ליטעראַטור

(סך־הכל פון אַ פערטל יאָרהונדערט)

1

אונדזער ליטעראַטור, די צוויי־שפּראַכיקע העברעיש־יידישע ליטעראַטור — די יצירה אין אונדזער נאַציאָנאַלן אלף־בית, — איז די איינציקע וועלט־ליטעראַטור זינט לאַטיין האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אוניווערסאַל לשון פאַר ליטעראַרישער יצירה. אמת, ענגליש איז איצטער די אוניווערסאַלע שפּראַך, — אָבער די ליטעראַטור אין ענגליש איז נישט קיין וועלט־ליטעראַטור. יעדע מדינה, וואָס ענגליש איז איר אָפיציעל לשון, נוצט דאָס דאָזיקע לשון צו שאַפן אַן אייגענע טעריטאָריאַלע ליטעראַטור. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, למשל, ווערט אויף ענגליש געשאַפן אַן אַמעריקאַנער ליטעראַטור; אין קאַנאַדע — קאַנאַדער ליטעראַטור, אין אויסטראַליע — אויסטראַלישע ליטעראַטור. די אירלענדער וואָלטן פּראָטעסטירט, — און מיט רעכט — ווען מ׳זאָל זייער ליטעראַטור אויף דער ענגלישער שפּראַך נישט באַצייכענען ווי אירלענדישע ליטעראַטור. די ניי־זעלאַנדער און די דרום־אַפריקאַנער באַטראַכטן זייערע ליטעראַרישע אויפטוען אין ענגליש פאַר טעריטאָריאַלע גייסטיקע דערגרייכונגען.

דאָס איז אָבער נישט דער פאַל בנוגע ליטעראַרישער יצירה ביי יידן. אומעטום, ווו יידן שאַפן ליטעראַרישע ווערטן אין דעם יידישן אלף־בית, ווערן די דאָזיקע שאפונגען באַשטאַנדטיילן פון אונדזער נאַציאָנאַלער

וועלט־ליטעראַטור, — זיי ווערן דאָס גייסטיקע אייגנטום פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. דער יידישער אלף־בית איז אַ פאַנצער און אַ קענצייכן פון יידישן זעלבשטענדיקן קיום, — שוין מיט דעם אַליין, וואָס קיין שום אַנדער פאָלק, אַחוץ די יידן, נוצט נישט דעם דאָזיקן כתב. דער יידישער אלף־בית גיט די שאַפונגען אין דער דאָזיקער שריפט דעם אייגנאַרטיקן סינטעז פון פאָרעם און אינהאַלט, וואָס איז גלייכצייטיק נאַציאָנאַל און אוניווערסאַל. ווערק אויף יידישער טעמאַטיק, אָבער געשריבן אין אַ נישט־יידישן כתב, זענען פרעמד־שפּראַכיקע ביכער וועגן יידן, און זיי געהערן צו דער קאַטעגאָריע, וואָס ווערט באַצייכנט ווי „יודאַיקאַ״. די קינסטלע־רישע ווערק, געשריבן פון יידן אין פרעמדע שפּראַכן, געהערן צו די ליטעראַטורן פון די באַטרעפנדיקע לשונות, אָבער נישט צו דער ליטעראַ־טור פון יידישן פאָלק. פּונקט ווי אַ פראַנצויזיש בוך וועגן כינע ווערט נישט דורך דער טעמע קיין כינעזישע ליטעראַטור, אָדער אַ פּויליש בוך וועגן שפּאַניע ווערט נישט דורך דער טעמע קיין שפּאַנישע ליטעראַטור, אַזוי קען נישט קיין פרעמד־שפּראַכיק בוך וועגן יידן ווערן יידישע ליטעראַטור. ווערק פון שפּראַכן ווערן יאָ טיילן פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, ווען מיר קריגן זיי ווי איבערזעצונגען, ד. ה. אין לבוש פון יידישן אלף־ביח.

די עליות און ירידות פון יידישן פאָלק במשך דעם פאַרגאַנגענעם פערטל יאָרהונדערט, אין פרט פון ליטעראַרישער שאַפונג, קען מען מעסטן, בכן, נישט לויט דער צאָל יידן, וואָס באַרייכערט די ליטעראַטורן פון די לענדער ווו זיי וווינען, — נאָר לויט דער צאָל שאַפערס און שאַפונגען אין יידישן אלף־בית. נוצט מען אַזאַ מעטאָד פון חשבון און שאַצונג, מוז מען קומען צו די ווייטערדיקע אַלגעמיינע אויספירן און סך־הכלען.

2

דאָס פאַרגאַנגענע פערטל יאָרהונדערט שליסט־איין אי די סאַמע קאַטאַסטראָפאַלסטע צייטן אין אונדזער גלות־געשיכטע, אי די סאַמע גרעסטע נצחונות פון יידישן פאָלק און פון יידישן גייסט. וויפל מ׳זאָל נישט זוכן אין דער וועלט־געשיכטע און אין די נאַציאָנאַלע געשיכטעס פון די פעל־

קער, וואָס לעבן איצט אויף דער וועלט, וועט מען נישט געפינען קיין גלייכן צום יידישן פאָלק, צום קליינעם פאָלק, וואָס האָט נאָכן פאַרלירן זעקס מיליאָן נפשות און נאָכן חורבן פון זיינע שאַפערישסטע געמיינדעס באַוויזן צו באַנייען זיין נאַציאָנאַלע טעריטאָריאַלע זעלבשטענדיקייט אין היסטאָרישן היימלאַנד, נאָך אַ כמעט צוויי טויזנט יאָריקן איבעררייס, צו באַפעסטיקן יידישע ישובים אין פאַרשידענע טיילן פון דער פרייער וועלט, צו ברענגען צו אַ זיכערן באָרטן היימלאָזע און נישט־באַשיצטע יידן פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע טיילן פונעם ערדקיילעך, און אין דער זעלביקער צייט ממשיך צו זיין, — אויף צוויי שפּראַכן, אָבער אין אַן איינציקן נאַציאָנאַלן אלף־בית, — אַ ליטעראַרישע יצירה פון גרויסער קינסטלערישער קוואַ־ליטעט און אַ קולטור־פאָרשונג פון גרויסן וויסנשאַפטלעכן פאַרנעם. די פאַרגאַנגענע 25 יאָר זענען אַ גענוגנדיקער צייט־אָפּשניט באַהאַנדלט צו ווערן באַזונדער אין אַ קאָלעקטיוו־געשריבענער, פילבענדיקער געשיכטע, וואָס זאָל דערציילן פון אונדזערע מוראדיקע פאַרלוסטן און פון אונדזערע ריזיקע דערגרייכונגען, — אַריינגערעכנט גייסטיקע דערגרייכונגען, אַפילו בעת אַ געראַנגל מיט דער שפּראַך־אַסימילאַציע אין די תפוצות.

ביים אונטערציען דעם סך־הכל פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור במשך אַ פערטל יאָרהונדערט, האַלטן מיר זיך אָפּ פון צו דערמאָנען די נעמען פון שרייבער־יחידים, וואָס זענען איצט שאַפעריש ביי אונדז, — צוליב צוויי טעמים: ראשית, כדי צו פאַרמיידן די סכנה אויסצולאָזן אַזעלכע, וואָס וואָלטן יאָ געדאַרפט דערמאָנט ווערן, שנית, ווייל דאָ גייט אין דעם גאַנצן ליטעראַטור־בילד און נישט אין באַזונדערע דעטאַלן. ס'איז אויך כדאי אָנצוווייזן, אַז אומעטום אין חוץ־לאָרץ, ווו ס'איז פאַראַנען אַ שאַפע־ריש לעבן אויף יידיש, איז מען אויך ממשיך די יצירה אויף העברעיש. — ווייל מאַמע־לשון שאַפט אַ קלימאַט פאַר לשון־קודש. מדינת ישראל באַ־ווייזט, אַז דאָרט, ווו העברעיש פאַרנעמט דעם אויבנאָן, קען אויך יידיש, מיט איר זעלביקן אלף־בית, פאַרנעמען אַ חשובע פּאָזיציע. דער העברעיש־יידי־שער שפּראַכן־קאַמף, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אַ פּאָלעמיק צווישן יחידים און נישט קיין מלחמה צווישן די לשונות, האָט נישט קיין וואָרצלען אין דער איצטיקער יידישער ווירקלעכקייט. אין אַ צאָל אַקאַדעמישע אינ־

סטיטוציעס איבער דער וועלט זענען פאַראַנען קאַטעדרעס אי פאַרן לימוד פון העברעיש, אי פאַרן לימוד פון יידיש. די חשיבות פון מאַמע־לשון איז געהויבן געוואָרן אַ דאַנק דער יידיש־קאַטעדרע ביים העברעישן אוניווער־סיטעט אין ירושלים.

3

אין 1939 האָבן דייטשלאַנדס נאַציישע האָרדעס, מיט זייער אַריינמאַרש קיין פוילן, אָנגעהויבן אויסראָטן דעם שאַפערישסטן טייל פון אייראָפּעישן יידנטום און חרוב געמאַכט אַ קולטור־צענטער, וואָס האָט גייסטיק גענערט און אינספּירירט יידן אין גאָר דער וועלט. אַ יאָרצענדליק שפּעטער האָט דער מיטלאַלטערלעכער סטאַלין־רעזשים גענומען גייסטיק שטיקן דאָס סאָוויעטישע יידנטום, דורך דער טויט־גזירה אויף דעם ליטעראַרישן באַנוץ פון יידישן אלף־בית און דורך אומברענגען די וויכטיקסטע שאַפערס אויף יידיש, פּונקט ווי מ׳האָט דאָס פריער געטאָן מיט די געבליבענע שאַפערס אויף העברעיש. דער סטאַלין־רעזשים, צילנדיק צו פולשטענדיקן גייסטיקן אומקום פון די יידן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, האָט פאַרבאָטן דעם שאַפע־רישן באַנוץ פון יידישן אַלף־בית, ווייל אַפילו ווערק, וואָס זענען נישט דירעקט וועגן יידן און יידישקייט, ווערן אויך יידיש אין פאָרעם און אינהאַלט בלויז דורך זייער געדרוקט ווערן אין יידישער שריפט. די „מילדערונג" מצד דעם כרושטשאָוו־רעזשים דורך דערמעגלעכן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און דורך לאָזן איבערדרוקן עטלעכע ביכער אויף יידיש, זעט נישט אויס צו זיין עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַ מיטל צו פאַרדעקן דעם פאַקט, אַז די סאָוויעטישע גזירה אויף יידישער יצירה איז, אין תוך, נישט בטל געוואָרן.

אין נאָכמלחמהדיקן פוילן זענען געלייגט געוואָרן נייע יסודות פאַר ליטעראַרישער טעטיקייט אויף יידיש. דאָס זעלביקע איז אויך געשען אין רומעניע. אָבער אי יידישע אויסוואַנדערונג, בעיקר נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, אי דאָס שטעלן די ליטעראַטור אין פּאָליטישן דינסט פון קאָמוניסטישן רעזשים, האָבן אוממעגלעך געמאַכט, אַז אין די דערמאָנטע

לענדער זאָלן אויפגעשטעלט ווערן ליטעראַטור־צענטערס, וואָס זאָלן קענען באמת האָבן אַ השפּעה אויף דער איצטיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור.

באַלד נאָך דער נאַצישער מפּלה זענען אין יידישע פּליטים־לאַגערן אויף דייטשער ערד געשאַפן געוואָרן פּאָזיציעס פון יידישער ליטעראַרישער יצירה, — צו ערשט אויף יידיש לשון מיט לאַטיינישער שריפט, — איידער מ׳האָט באַוויזן צו קריגן יידישן זאַץ, — און שפּעטער טאַקע אין יידישן אלף־בית. אָבער די יידישע ליטעראַרישע טעטיקייט אויף דייטשער ערד, — אויף דער טעריטאָריע וווּ יידיש איז געבוירן געוואָרן מיט קרוב טויזנט יאָר צוריק, — איז געווען בלויז אַן אונטערוועגנס־טעטיקייט, אַ יצירה פון אַ פּאָר וואַנדערערס צו נייע און זיכערע היימען.

די ליטעראַטור־שאַפערס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיט דער שארית הפּליטה, — און אַ צאָל פון זיי האָט געמאַכט די ערשטע ליטעראַרישע שריט אין דער שארית הפּליטה, — האָבן באַרייכערט מיט נייע יידישע און העב־רעישע שרייבערישע כוחות אונדזערע ישובים אין דער פרייער וועלט. נאָך איידער די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געהאַט פונאַנדערגעפלאַקערט אין איר פולער בראַנד, האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון די געפאַר־לענ־דער אַ צאָל שריפטשטעלערס, און זיי האָבן גייסטיק געשטאַרקט די ליטע־ראַטור־צענטערס פון די יידישע ישובים אין אַנדערע לענדער. די שארית הפּליטה האָט די דאָזיקע צענטערס נאָך מער באַרייכערט אי מיט פרישע ליטעראַרישע כוחות, אי מיט נייע לייענערס.

אין די פּאָר מלחמה־יאָרן האָבן אין יידישן היימלאַנד זיך געפונען איינ־צלנע יידיש־שרייבערס, און דאָס אָרטיקע שאַפן אויף יידיש האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון צופעליקייט. די מאַסן־עליה, וואָס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דעם אויפקום פון אַ זעלבשטענדיקער מדינת ישראל, האָט דערפירט צו דעם, אַז דאָס יידישע היימלאַנד, דער צענטער פון העברעיש־יצירה, זאָל אויך ווערן אַ צענטראַלע היים פאַר ליטעראַרישער יצירה אויף יידיש. און אַזוי דאַרף טאַקע זיין, לויט דער לאָגיק פון קיבוץ גלויות: יידיש איז די שפּראַך, וואָס איז אַ שותפות־לשון פון דער נאַציאָ־נאַלער ליטעראַטור ביי יידן; יידיש איז די שפּראַך, וואָס נוצט דעם אלף־

בית, די קודש וחול־טערמינען, באַזונדערע ווערטער און וואָרט באַהעפ־טונגען פון דער העברעישער שפּראַך; און פּונקט ווי נײַ־העברעיש, אַזוי האָט אויך אַלט־יידיש גענומען די זעלביקע ווערטער און צירופים פון תנ״ך, משנה און מדרש, פון ש״ס און פּוסקים, פון מפרשים און ספרי־מוסר. נײַ־העברעיש האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אויסבאַרגן שפּראַך־עלעמענטן פון מאַמע־לשון, און דאָס האָט שטאַרק צוגעהאָלפן, אַז העברעיש זאָל ווערן אַ בײַגיק פאָלקס־לשון.

4

אין פריערדיקע תקופות האָט מען יידן געטריבן פון זייערע וווינ־לענדער, און אין דער נײַער צײַט האָבן יידן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן פון מדינות, ווו מ'האָט זיי געקריוודעט אי ווי יחידים, אי ווי אַן עטנישע גרופּע. די יידישע מאַסן־וואַנדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט און זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט דורך גזירות, פּאָגראָמען, רעוואָלוציעס, צוויי וועלט־מלחמות און דורכן דריטן חורבן, — זיי האָבן גורם געווען, אַז די יידן אין אייראָפּע זאָלן ווערן אַ מינדערהייט פון יידישן פאָלק און אַז דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט זאָל ווערן דער צענטער פון דער יידישער מערהייט. דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז אויך געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון דער ליטעראַטור־יצירה אויף יידיש און אויך דער הויפּט־צענטער פון העברעישער יצירה אין חוץ־לארץ. דאָס שאַפן אויף צוויי שפּראַכן אין רײַכע ליטעראַטור איז דער אויפטו פון מזרח־אייראָפּעישע יידן אין דער נײַער וועלט.

ווי אַ פּועל־יוצא פון נײַע יידישע וואָגלענישן, האָבן זיך פאַרשטאַרקט די צענטערן פון יידישער ליטעראַטור־יצירה אין צענטראַל־אַמעריקע און אין דרום־אַמעריקע, אין דרום־אַפריקע און אין אויסטראַליע. כאָטש פראַנק־רײַך מאַכט אָפּט דעם אײַנדרוק פון אַ טראַנזיט־לאַנד פאַר יידישע וואַנדע־רערס, איז דער קיבוץ פון מזרח־אייראָפּעישע יידן אויף פראַנצויזישער ערד געוווּג באַדײַטנדיק, אַז פּאַריז זאָל זײַן אַ וויכטיקער צענטער פון יידישער

ליטעראַרישער טעטיקייט. בעת אין פראַנקרייך האָט די אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּעישע יידן גורם געווען חשובע בייטראָגן צו דער ליטעראַ־טור אויף יידיש, האָט מען אין ענגלאַנד באַוויזן בלויז אויפצוהאַלטן עטלעכע קליינע ליטעראַרישע פּאָזיציעס, — און אַ דאַנק זיי זענען די בריטישע אינדזלען נישט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער יידישער ליטעראַטור־מאַפּע.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך געענדערט די געאָגראַפישע ליניעס דורך דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע און דורך דעם אויפקום פון נייע רעפּובליקן. נישט געקוקט אויף דער קאָמוניסטישער אַסימילאַציע־טאַקטיק, דורכן באַנוץ פון פאַרפירע־רישע לאָזונגען, און נישט געקוקט אויף די אַלערליי „רייניקונגען" אין די יידישע רייען, האָט די יידישע ליטעראַטור אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד עקזיס־טירט ביז מ'האָט זי ברוטאַל דערשטיקט און מ'האָט אירע וויכטיקסטע שאַפערס אומגעבראַכט. פּוילן, מיטן צוגאָב פון גאַליציע צו איר טעריטאָריע, איז געוואָרן ד ע ר צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אייראָפּע. דאָס ליטווישע יידנטום, כאָטש אָפּגעריסן פון ווילנע, פון ירושלים דליטא, האָט געמאַכט אַן אייגענעם ווערטפולן בייטראָג צום המשך פון דער נאַציאָ־נאַלער יצירה אויף אונדזערעביידע לשונות, אויפן שטייגער פון דעם גרויסן יידישן קיבוץ אין פּוילן. דאָס יידנטום אין לעטלאַנד האָט זיך אויך באַמיט נישט צו בלייבן מחוץ דעם ליטעראַרישן שאַפן ביי יידן. רומעניע איז געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ גאַר באַדייטנדיקער צענ־טער פון יידישער ליטעראַטור דורך דעם, וואָס בעסאַראַביע און בוקאָווינע זענען געוואָרן טיילן פון איין מלוכה. וואַרשע, ווילנע און לעמבערג, קאָוונע און ריגע, בוקאַרעשט, טשערנאָוויץ און קעשינעוו זענען געוואָרן הויפּט־שטעט פון יידישער וואָרט־שאַפונג; און פּונקט ווי אין לאָנדאָן און אין פּאַריז, האָט יידישע יצירה זיך אויך מער פאַראַנקערט אין דער בעלגישער הויפּטשטאָט בריסעל. די דייטשע הויפּטשטאָט, בערלין, וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ צענטער פון יידישער שאַפערישער טעטיקייט, איז פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור־מאַפּע אָפּגעמעקט געוואָרן נאָך פאַר דעם אָנהייב פון דער נאַצישער הערשאַפט. נאָך דער נאַצישער מפלה איז זיכער קיינעם נישט איינגעפאַלן צו לייגן פּערמאַנענטע

יסודות פאַר אַ יידישן ליטעראַטור־צענטער אויף דער טעריטאָריע פון דעם פאָלק, וואָס האָט אומגעבראַכט די יידיש־רעדערס און העברעיש־קענערס אין אייראָפּע.

דרום־אַפריקע איז געוואָרן אַ צענטער פון יידישער ליטעראַטור און פרעסע אין דער צייט, ווען די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, געקומענע פון דער ליטע, האָבן דאָרט געלייגט די פונדאַמענטן פאַר אַן אייגן עדה־לעבן. אַ סך שפּעטער איז אויפגעקומען דער יידישער ליטעראַטור־צענטער אין אויסטראַליע. ביידע צענטערס זענען דערנאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן צוקום פון יידן פון דער שארית הפליטה. יאָהאַנעסבורג און מעלבורן סימבאָליזירן און קאָנקרעטיזירן אויף דער יידישער ליטעראַטור־מאַפּע די מרחקים, וואָס צו זיי האָט דערגרייכט דאָס וואָרט, געשריבן אין יידישן אלף־בית, און די מרחקים, פון וואַנען דאָס יידישע וואָרט גרייכט צו יידיש־רעדנדיקע און העברעיש־קענענדיקע יידן אין אַנדערע טיילן פון ערדקיילעך.

5

אין אַמעריקע, ווו ס'געפינט זיך בערך אַ העלפט פון יידישן פאָלק, זענען פאַראַנען פינף יידישע ליטעראַטור־צענטערס. דאָס זענען: אין צפון־אַמעריקע, — די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע; אין צענטראַל־אַמעריקע, — מעקסיקע; אין דרום־אַמעריקע, — אַרגענטינע און בראַזיל. הויפּטשטעט אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער זענען צוגאָב־צענטערס פון יידישן קולטור־שאַפן און פון קולטור־טעטיקייט לטובת העברעיש און יידיש. דעם אויבנאָן ווי צענטערס פון ליטעראַטור ביי יידן פאַרנעמט ניו־יאָרק און דערנאָך קומען בוענאָס־איירעס און מאָנטרעאָל. אין פאַרגאַנגענעם פערטל יאָרהונדערט זענען די ראָלעס פון ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס געוואָרן גרעסער און השפּעהדיקער. נישט בלויז האָבן זייערע אייגענע שאַפערס געגעבן דער יידישער ליטעראַטור אַ סך ווערק פון גרויסער קוואַליטעט, נאָר זיי זענען אויך געוואָרן פיזישע און גייסטיקע אַנטרינונגס־צענטערס פאַר שאַפערישע יידן פון מזרח־אייראָפּע. קאַנאַדעס

שכנהשאַפט מיט די פּאַראייניקטע שטאַטן האָט גורם געווען, אַז לגבי ניו־יאָרק זאָלן ווערן פאַרבלאַסט די ראָלעס פון מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. פון דעסטוועגן: זייערע נעמען שיינען אַראָפּ פון די שער־בלעטער פון יידישע ביכער, פּונקט ווי מעקסיקע און ריאָ דע זשאַנעיראָ, אָבער ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס זענען די הויפּט־צענטערס פון יידישן פאַרלאַג־וועזן אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, ייוואָ, און דער אַלוועלט־לעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָבן מיט זייער טעטיקייט באַוויזן, אַז געאָגראַפישע מחיצות קענען נישט צעשטערן די אייניקייט פון דער וועלט־ליטעראַטור ביי יידן. אויך ליטעראַרישע פּרעמיעס פאַר ווערק אויף אונ־דזערעביידע לשונות; די טעטיקייטן פון די יידישע און העברעישע פּ.ע.נ.־קלובן, פון יידישן ביכער־ראַט און פון דער „הסתדרות עברית", — וואָס איז אָנגעשלאָסן אין „ברית עברית עולמית", — האָבן באַקרעפטיקט דעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פון אונדזער גייסטיקער יצירה.

דער ייוואָ, וואָס האָט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איבערגעפלאַנצט זיין צענטער פון ווילנע קיין ניו־יאָרק, האָט פאַרצייכנט אַ סך דערגרייכונגען אויף די געביטן פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע, סאָציאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע, און ער האָט אויך משפּיע געווען, דירעקט און אומדירעקט, אַזעלכע פאָרשונגס־טעטיקייטן אויף דער לאַנד־שפּראַך. די אַלגעמיינע ענצי־קלאָפּעדיע אין יידיש, אַרויסגעגעבן דורכן דובנאָוו־פאָנד, האָט נאָכן אַרי־בערגעפירט ווערן פון פאַריז קיין ניו־יאָרק ממשיך געווען, הגם אין אַן אַנדער פאָרעם און מיט גרויסע איבעררייסן, איר דערשיינען בעיקר דורך די בענד „יידן", וואָס זענען אויך אַרויס אין אַן ענגלישן נוסח. צווישן די דערגרייכונגען אין די פאַרגאַנגענע 25 יאָר דאַרפן דערמאָנט ווערן: דאָס איבערזעצן אויף יידיש גאַנץ משניות, טיילן פון גמרא און מדרשים, דאָס דערשיינען פון ערשטן באַנד פון דעם גרויסן ווערטערבוך פון דער יידי־שער שפּראַך, פון די ערשטע בענד פון דער דערציילונגס־ענציקלאָפּעדיע און פינף בענד פונעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

צו די ניסים, וואָס זענען געשען דעם יידישן פאָלק זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל, געהערט דער נס, וואָס דאָס יידישע היימלאַנד, דער

צענטער פון העברעיש, איז אויך געוואָרן אַ היים פאַר יידיש. די מאַסן־עליה האָט געבראַכט קיין מדינת ישראל עלטערע און יינגערע יידיש־שרייבערס און יידיש־לייענערס. אַ צאָל העברעישע שריפטשטעלערס האָבן באַנייט זייער שאַפן אויף מאַמע־לשון. די יידישע קאַטעדרע ביים העברעישן אוני־ווערסיטעט אין ירושלים; „די גאָלדענע קייט", אַרויסגעגעבן פון דער הסתדרות העובדים; אַ יידישע טאָג־צייטונג, יידישע וואָכנבלעטער און זשורנאַלן; אַן אָרגאַניזאַציע פון יידיש־שרייבערס און יידישע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, — זיי זאָגן עדות וועגן דער פאַרוואָרצלטקייט פון יידיש אויף יידישער ערד אין דער מדינה־תקופה, ווען מ'האַלט נישט מער יידיש ווי אַ סכנה פאַרן פאַרוואָרצלען די העברעישע שפּראַך. העברעיש ווערט שטאַרק באַרייכערט דורך איבערזעצונגען פון יידיש. די טעטיקייט פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג האָט געמאַכט תל־אביב פאַר איינעם פון די הויפּט־צענ־טערס פון דער ביכער־פּראָדוקציע אויף יידיש, דורך אַרויסגעבן ווערק פון יידיש־שאַפערס אין אַלע טיילן וועלט, פונקט ווי ס'זענען שוין לאַנג פאַראַן פאַר העברעיש־שאַפערס אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן, ווי מוסד ביאַליק און מוסד הרב קוק אין ירושלים. דורך אַ ריי אויסגאַבעס האָט דער פּרץ־פאַרלאַג באַנייט אונדזער קולטור־טראַדיציע בנוגע איבערזעצן די נאַציאָנאַלע גרונט־ווערק; דער תרגום איז געדרוקט אין איינעם מיטן מקור,ביידע מיט די אותיות פון דעם זעלביקן נאַציאָנאַלן אלף־בית. אין דער שפּראַך־ספערע פון יידיש איז לאַנג געווען איינגעפירט די דרוק־פאָרעם פון „לשון קודש מיט עברי־טייטש". דורך דרוקן נייע ביכער, העברעיש און יידיש אין איינעם, האָט די דאָזיקע טראַדיציע איצטער אַ רענעסאַנס אין אונדזער וועלט־ליטעראַטור, אַ דאַנק דעם אָנהייב פון פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב.

6

די ליטעראַטור אין יידישן אלף־בית שילדערט נישט בלויז, ווי אַזוי יידן האָבן געלעבט, נאָר אויך, ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט און געליטן, ווי אַזוי זיי זענען געגאַנגען אויף קידוש השם און, ווי אַזוי די שארית

הפליטה האָט געהאָלפן אויסקעמפן די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט אין היסטאָרישן היימלאַנד. גרויס איז די צאָל ביכער אויף חורבן־טעמאַטיק, אָבער גרויס איז אויך די צאָל ביכער אויף טעמעס פון בטחון, ווידערבוי און מדינהשער אומאָפּהענגיקייט. מיט די שילומים־געלטער, וואָס מערב־דייטשלאַנד האָט געגעבן צו פאַרגיטיקן יידן פאַר די מאַטעריעלע שאָדנס בעת דער נאַצישער הערשאַפט, האָט מען פאַרעפנטלעכט אַ ריי ווערק צו פאַראייביקן די מעשים און דעם אָנדענק פון אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים.

אַלע צייטונגען און צייטשריפטן אין אונדזער נאַציאָנאַלן אלף־בית האָבן זייער חלק אין דעם וווקס און אין דער אויסברייטערונג פון דער נאַציאָנאַלער וועלט־ליטעראַטור ביי יידן. צענטראַלע אָרגאַנען פון יידיש אָדער פון העברעיש, — און פון ביידע אין איינעם, — דערשיינען אין ניו־יאָרק און אין תל־אביב; אין בוענאָס־איירעס און אין פּאַריז, — צו דערמאָנען בלויז פיר פון אַ ריי שטעט.

די ביבליאָגראַפיע פון יידישע און העברעישע ביכער, וואָס איז אַרויס אין דעם פאַרגאַנגענעם פערטל יאָרהונדערט, דערציילט אונדז בפרטות, אַז די וועלט־ליטעראַטור ביי יידן טיילט זיך אויף די פאָלגנדיקע הויפּט־געביטן: פּאָעזיע, בעלעטריסטיק און דראַמע; עסיי און ליטעראַטור־קריטיק; ליטעראַטור־געשיכטע, לינגוויסטיק און ביבליאָגראַפיע; יידישע געשיכטע, קולטור־געשיכטע און ביאָגראַפיע; זכרונות און רייזע־באַשריי־בונגען; פאָלקלאָר און חסידות; פילאָסאָפיע און סאָציאָלאָגיע; יידישע מאַרטיראָלאָגיע און יזכור־ביכער צו פאַראייביקן די אומגעבראַכטע יידן און זייערע קהילות; ארץ ישראל און מדינת ישראל; איבערזעצונגען פון פרעמדע ליטעראַטורן. אויך די פובליציסטיק אין יידישן אלף־בית האָט באַרייכערט אונדזער וועלט־ליטעראַטור מיט אַ ריי קאַפּיטאַלע ווערק.

אויף אַלע קאָנטינענטן פונעם ערדקיילעך איז מען ממשיך די ליטעראַ־רישע יצירה אינעם נאַציאָנאַלן אלף־בית פון יידישן פאָלק. די צוויי־שפּראַ־כיקע ליטעראַטור ביי יידן בלייבט ווייטער די איינציקע וועלט־ליטעראַטור אין אונדזער צייט, און אַן אוניווערסאַלע ליטעראַטור פאַר אַלע צייטן און דורות.

מלך ראַוויטש

דעם טייערן חבר מ. מענאַכאָווסקי — צו זיין יובל־השבעים

ווין, אַפּריל 1921

און געוועזן איז עס אין אַפּריל פון יאָר 1921, און געוווינט האָב איך דעמאָלט אין ווין, אָבער שוין פעסט דער באַשלוס, צו באַזעצן זיך אין וואַרשע. אין ווין איז דעמאָלט דערשינען אַ חודש־שריפט מיטן נאָמען „קריטיק". איר רעדאַקטאָר איז געווען משה זילבורג, אַ טאַלאַנטפולער בעלעטריסט, אַ ייד פון ווילנע, אַ שטראָפּער און אַ מאָנער פון אַ גאַנץ יידיש־וועלטלעך לעבן. די צייטשריפט איז טאַקע דערשינען אין ווין, אָבער ווין און גאַנץ אייראָפּע איז פאַר יידן נישט מער ווי אַ פּרוזדור, אַפילו אַמעריקע איז אין זילבורגס אויגן אויסגעקומען נישט מער ווי אַ פּרוזדור. פון ארץ־ישראל האָט ער נישט געהאַלטן, קיין ציוניסט נישט געווען, הגם אַ גוטער קענער פון עברית. דער אמתער טרקלין — איז לויט זילבורגן אויסגעקומען — איז ווילנע. מיר האָבן אַלע אין יענער צייט אַרויפגעקוקט קיין ווילנע, אָבער אין זילבורגן איז געזעסן אַ ווילנער דיבוק... און דער דיבוק האָט געהאַט אַ נאָמען. דאָס ווילנער וועלטלעכע יידישע שולוועזן אין יידיש מיט אַ סך עברית אין פּראָגראַם. און דער עיקר: גאַנצע יידישע טאָג־שולן, און אַפילו עטלעכע גימנאַזיעס, און אַלץ מיט יידיש אַלס לימוד־שפּראַך. און איין מאָל איז זילבורג צו מיר אַרויפגעלאָפן אויפן פערטן שטאָק פון דער דירה, וווּ איך האָב געוווינט, און זיין אָטעם — אויס אָטעם, ער האָט געליטן פון אַן אַסטמע און אַן אייביקן הוסט, נישט געקוקט אויף זיין יונגשאַפט דעמאָלט, — און אין זיינע אויגן פון אַ „טרוקענעם ליטוואַק" אַן סענטימענטן — טרערן, אמתע טרערן פון פרייד און פון דערגרייכונג. און

אין זיינע הענט אַ פּעקל צייטשריפטן, אָרעמלעך, זייער אָרעמלעך און אויף צייטונגס־פּאַפּיר אַרויסגעגעבן.

די פיר צייטשריפטן

די פיר — יאָ, אַזש פיר — צייטשריפטן, וואָס זילבורג האָט אַ וואָרף געטאָן מיט טריומף אויף מיין טיש, האָבן זיך גערופן: „די נייע שול" — פּעדאַגאָגישער חודש־זשורנאַל, „דער חבר" — חודש־זשורנאַל פאַר עלטערע קינדער, „שול און היים" — זשורנאַל פאַר עלטערן, „גרינינקעביימעלעך" — צווייוועכנטלעכער אילוסטרירטער קינדער־זשורנאַל. די אַלע פיר זשורנאַלן ווערן אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. זילבורג האָט זיך פאַרהוסט און פאַרקייכט און קוים געקענט רעדן. די זון איז אויפגעגאַנגען, זיין זון. נייין, נישט איין זון, נאָר פיר זונען, — דאָס לייכטן זיי אַראָפּ פון טיש... עס באַוועגט זיך. די יידישע ליטעראַטור האָט געזיגט. יידיש האָט געזיגט. די צייטשריפטן זענען שוין דעמאָלט, אין פרילינג 1921, נישט געווען קיין נייעס, זיי זענען שוין אַזוי דערשינען עטלעכע יאָר, אָבער אין ווין האָט מען זיי כמעט נישט, אָדער זייער זעלטן געזען. אָבער דאָ זענען זיי אַלע פיר צוזאַמען. אַ סימן פון אַ פולשטענדיק נאָרמאַלן יידישן שולוועזן אין יידיש — און דאָס הייסט, אַז דער יסוד איז דאָ. דער גרונט איז שוין צעאַקערט. דאָס וואַקסן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרויסן טעמפּאָ און ווילנע איז דער צענטער. פון דאָ וועט שטראַלן די אידעע אי קיין מזרח, אין יענעם גרויסן לאַנד, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען איין גרויסע רעטעניש, אי איבער גאַנץ פּוילן, וואָרעם ווילנע איז דעמאָלט געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון פּוילן. און די אידעע וועט אויך שטראַלן איבער גאַנץ אייראָפּע און אויך ביז קיין אַמעריקע, ווו עס האָט זיך שוין אויך אָנגעהויבן צו רירן אַ יידיש און וועלטלעך שולוועזן. — — פון די רייד בין איך געווען געפּלעפט און איבערצייגט און באַגייסטערט. און זילבורג האָט מיר געגעבן די אויפגאַבע צו שרייבן אַ רעצענזיע וועגן די פיר צייטשריפטן פאַר זיין צייטשריפט „קריטיק".

מיין רעצענזיע

קיין לערער בין איך נאָך דעמאָלט נישט געווען. שפּעטער, אין לעבן — יאָ, פאָרמעל. איך האָב זיך אַ ביסל געוועגט קעגן שרייבן אַ רעצענזיע וועגן פיר פּעדאַגאָגישע צייטשריפטן אויף אַ מאָל. אָבער עס איז אין דעם פאַל נישט געגאַנגען אין פּעדאַגאָגיע. עס איז געגאַנגען אין באַגייסטערונג, עס איז געגאַנגען אין פלאַם־פייער. און זילבורג האָט מיך שוין געהאַט אָנגעצונדן מיט זיין פייער. איך האָב מיך באַלד גענומען צום לייענען און צום בלעטערן אין דעם פּאַק און איך האָב פאַרפאַסט אַ פלאַם־פייער־דיקן אַרטיקל און ער איז טאַקע דערשינען אין דער צייטשריפט „קריטיק", אין דעם אַפּריל־נומער פון יאָר 1921. אגב, איז דאָס אין איין וועגס שוין געווען דער לעצטער נומער פון דער טעמפּעראַמענטפולער שריפט. און — און די צייט איז געגאַנגען — און אַזוי ווי אַ שטראָם אין פרילינג, אָדער אין האַרבסט, נאָך דער אָדליגע, אָדער נאָך גרויסע שלאַקס־רעגנס, האָט זי געשלעפּט מיט זיך אין אומבאַקאַנטן ערגעץ אַוועק אי חלומות און אי וואַרהייטן — אַזוי 43 יאָר. און אָט איז פרילינג פון יאָר 1964. און צוליב עפּעס אַ מאָדנעם צופאַל איז אַ קאָמפּלעט פון דער צייטשריפט „קריטיק" געקומען אין מיינע הענט.

נאָך 43 יאָר

און אָט לייען איך מיין רעצענזיע נאָך 43 יאָר. קיין איין מאָל, אין דעם דאָזיקן לאַנגן שפּאַן צייט, וואָס איז לכל הדעות אַ גאַנצער דור, איז זי אין מיינע הענט נישט אַרייך. איך האָב טאָטאַל פאַרגעסן, אַז איך האָב די רעצענזיע ווען עס איז געשריבן. איך האָב עס אפשר אונטערבאַוווסטזיניק געוואָלט פאַרגעסן, ווייל ווי קום איך צו שרייבן פּעדאַגאָגישע רעצענזיעס? אָבער קיין פּעדאַגאָגישע רעצענזיע איז עס סיי ווי נישט געווען. עס איז געווען אַ באַגייסטערטער בת קול פון אַ גלייביקן אין דער שליחות פון יידיש אין יידישן לעבן. און דער איינציקער וועג, די איינציקע סטעזשקע צו דער שליחות איז — יידישע שול.

עטלעכע ציטאַטן

(לייענענדיק די ציטאַטן, געדענקט כסדר, אַז זיי שטאַמען פון אַ פריער־דיקן דור. געדענקט עס גוט!). און אַט זענען אַ פּאָר ציטאַטן: 1. די פיר צייטשריפטן זענען אַ סימן, אַז דער קערן פון יידישן וואָרט איז שטאַרקער ווי דער בלאָטער פון דער אַסימילאַציע אויף אים. 2. אַז אידעאַליסטישע פאָלקס־לערערס זיצן און שטעלן צוזאַמען אין יידיש די טערמינאָלאָגיעס פון געאָמעטריע און אלגעברע — איז דאָס אַ סימן, אַז דאָס האָרעפאַשנע פאָלק איז אויפגעשטאַנען און וויל וויסן. 3. די פּראָלעטאַריזירונג און פּראָדוקטיוויזירונג פון ווייטע יידישע מאַסן אין מזרח קומט צו גלייך מיט אַ פּראָצעס פון קולטורעלער גענעזונג. 4. דער דרוק פון דער בית המדרש־אָליגאַרכיע טרעט אָפּ און די יידישע שול קומט אויפן אָרט פון שולעכל. 5. גוט וואָס אין סאַמע יידישיסטן־פּונקט פון דער וועלט האָט מען צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער פאָלקס־רענעסאַנס אָנגעהויבן די קולטור־רענעסאַנס. 6. מער ווי צען נייע דיכטערס דאַרף מען גריסן די אַרבעט פון ווילנע — ווייל דאָרט ווערט ענדלעך געשאַפן דער פונדאַמענט פאַר יענע דיכטער, וואָס זענען שוין דאָ. ערשט איצט ווערט פּרץ אויף אַן אמת געבוירן. 7. אויב איר ווילט זיין צו לייטן גלייך — איז וואָס גיכער איבער־רייסן מיט דעם העברעיסטישן אידעאַל, וואָס קען נאָר פּראָדוצירן לעכער־לעכע קאַפּעהויז־זיצערס אין אַלע גרויסע שטעט. 8. ווילנע האָט געלייגט אַ פּירקאַנטיקן גרונטשטיין מיט די פיר זשורנאַלן. אַן אָנשפּאַר און אַ האָ־פענונג פאַר אונדז אַלעמען צו אָנגעשטרענגטער און נישט מיד־ווערנדיקער אַרבעט פאַר דער פיזישער און גייסטיקער רענעסאַנס פון אונדזער לעבן. איך וויל מיך מודה זיין: איך האָב ביי עטלעכע פון די ציטאַטן אַ ביסל צוגעפיילט די צו שאַרפע שפּיצן. עסטעטישע טעמים. אָבער פונדאַמענטאַל גאָרנישט געביטן.

וואָס לערנען די ציטאַטן?

די ציטאַטן לערנען, אַז ציטאַטן זענען ציטאַטן און לעבן איז לעבן. די ציטאַטן לערנען, אַז חלומות זענען אייביקע וואָרהייטן — און מכלומרשטע

וואַרהייטן (די פּירקאַנטיקע יסוד־שטיינערנע וואַרהייטן, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט יענער מאמר פון מיט אַ דור צוריק) זענען נישט מער ה״י פאַרגייענדיקע חלומות. די ציטאַטן לערנען, אַז עס זענען דאָ אין דער וועלט עטלעכע אַקסיאָמאַטישע אמתן בנוגע דער עקזיסטענץ פון פעלקער און זיי שווימען אייביק אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון אַלע פאַרגענגלעכע שטראָמען פון דער געשיכטע. אַ חוק ולא יעבור איז, אַז אַ פאָלק איז נאָר דעמאָלט אַ פאָלק, אויב עס האָט כאָטש איין אייגענע שפּראַך, אין וועלכער כאָטש אַ טייל פון פאָלק איז שעפעריש. די ציטאַטן לערנען, אַז דער ווילן צו בלייבן פאָלק איז דער שטאַרקסטער אַטריבוט פון אַ פאָלק אויף צו דערקענען און אידענטיפיצירן עס. ער איז אַזוי שטאַרק ווי דער ווילן, וואָס זיין נאָמען איז „איך" אין יעדן מענטשלעכן יחיד. און דאָס איז דאָך דער שטאַרקסטער אַטריבוט פון מענטש. און אַלע אַנדערע אַטריבוטן, ווי שפּראַך, לאַנד, רעליגיע, ראַסע, געשיכטע, קולטור, סביבה, גורל אפילו — זענען אפשר וויכטיק, גאָר וויכטיק, אָבער דאָך סעקונדער. אַלע געפינען זיך אונטער דעם דאַך, וואָס הייסט „איך" — ווילן פון אַ פאָלק צו בלייבן „איך". די ציטאַטן לערנען, אַז אָפּזאָגן דאָס לעבן פון געוויסע שטראָמען אין לעבן פון אַ פאָלק — איז נאָנסענס. ווייל עס קומט און עס קען קומען אַ צייט, ווען זיי — דער פאַרוואָרפענער שטיין — ווערן אַ ווינקלשטיין... ווי עס געשעט איצט מיט דעם „שולעכל" אין יידישן וועלט־לעבן היינט צו טאָג, וואָס לויט די ציטאַטן דאָ אויבן, איז עס מיט אַ דור צוריק שוין דעפיניטיוו אָפּגעטראָטן פאַר דער שול. און דאָס נעמ־לעכע אויך, וואָס שייך לשון עברית און יידיש. די ציטאַטן לערנען, אַז אַסימילאַציע איז אַ פּראָצעס, וואָס גייט אָן אין לעבן פון אַ סך פעלקער, אויב די באַדינגונגען ברענגען אים אַרויס. און ביי יידן אַוודאי און אַוודאי. און גראָד דאָרט, ווו עס איז געוועזן דער נייער ווינקלשטיין, לויט די ציטאַטן, איז היינט אַ גרויזאַמער, אַרויפגעצוווּנגענער מוז־אַסימילאַציע־פּראָצעס. און זיי לערנען נאָך זייער אַ סך — די ציטאַטן.

15, 17 און 12 מיליאָנען...

און נאָך עפּעס לערנען די ציטאַטן. ווען די ציטאַטן זענען געשריבן

געוואָרן זענען געווען אויף דער וועלט 15 מיליאָן יידן, אָבער דער שרייבער האָט דעמאָלט פאַר זיך געזען נאָר יידיש־רעדנדיקע יידן און געחלומט וועגן זיי. און אַזוי מיט אים אַלע רענעסאַנס־יידישיסטן, אָדער יידיש־רענעסאַנסיסטן. שפּעטער איז דאָס פאָלק געוואַקסן ביז 17 מיליאָן. און — טיפער צער, וואָס האָט קיין ווערט נישט! — היינט געזונקען צו דער ציפער 12 מיליאָן. אָבער היינט איז ביים גאַנצן פאָלק דאָ אַ צוועלף־מיליאָניקער גאַנצקייט־באַוווסטזיין, אַזאַ גאַנצקייט־באַוווסטזיין, וואָס איז שוין לאַנגע יאָרהונדערטער און אפשר יאָרטויזנטער נישט געווען. און אויך דאָס לערנען אונדז די דאָזיקע פאַר ציטאַטן און בכלל די גאַנצע דערמאָנונג פון אַ חלום פון יאָר 1921, אין ליכט פון דערווירקלעכקייט, נאָך 43 יאָר, אַ דור צייט.

אברהם סוצקעווער

שפּילצייג

דיינע שפּילצייג, מיין קינד, האַלט זיי טייער,
דיינע שפּילצייג נאָך קלענער ווי דו.
און ביי נאַכט, ווען ס׳גייט שלאָפן דאָס פייער,
מיט די שטערן פון בוים דעק זיי צו.

לאָז דעם גאָלדענעם פערדעלע נאַשן
די פאַרוואָלקנטע זיסקייט פון גראָז.
און דעם יינגל טו אָן די קאַמאַשן
ווען דער אָדלער פון ים גיט אַ בלאָז.

און דיין ליאַלקע טו אָן אַ פּאַנאַמע,
און אַ גלעקעלע גיב איר אין האַנט.
ווייל ס׳האָט קיינער פון זיי ניט קיין מאַמע,
און זיי וויינען צו גאָט ביי דער וואַנט.

האָב זיי ליב דיינע קליינע בת־מלכּהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — וויי און ווינד —
זיבן גערעלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

יעקב זיפער

און ס׳איז געווען אָוונט און ס׳איז געווען פרימאָרגן

(פון די חומש־מעשיות)

מיין חבר און פריינד משה מענאַכאָווסקי צו די זיבעציק — אַ ברכה

...און, ווען אדם האָט ס׳ערשטע מאָל די אויגן געעפנט, איז דאָס ליכט פון די ערשטע טעג הויך געשטאַנען איבער דער וועלט. ס׳איז געווען זייער שטיל אַרום און אַרום, נאָר אין זיינע אויערן האָט נאָך פריידיק געפלאָטערט דער יובל פונעם קול, וואָס האָט אים גערופן:

— שטיי אויף, אדם, און גיי!

האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפרייזן איבער דער וועלט. מיט אָפענע אויגן און אָנגעשטעלטע אויערן האָט ער זיך געטראָגן פון אָרט צו אָרט. איבער זיין קאָפּ, — דאָס ליכט פון זיבן זונען, און אונטער זיינע פיס, — דאָס גאָלדיקע זאַמד אין שימער.

— שטיי אויף, אדם, און גיי! — האָט ער מיטן פולן מויל נאָכגעצויגן דעם קול וואָס אין זיינע אויערן. האָט זיין געשריי זיך אַ יאָג געטאָן אין דער בלענדנדיקער ליכטיקייט און אָפּגעהילכט מיט אַן עכאָ אין צעכוואַליעטן גראָז פון נאָענטן טאָל:

„שטיי אויף, אדם, און גיי!“ —

האָט ער מיט וווּנדער זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן פון דער וועלט און ווידער אָוועקגעאיילט אויף זיין וועג. אָבער זיין בליק האָט לאַנג נישט גערוט אויף קיין זאַך, נישט אויפן גאָלדיקן בליאַסק פון זאַמדיקער ערד, און נישט אויפן זילבערנעם גלאַנץ פון כוואַליעדיקן וואַסער; נישט אויף דעם ווייסן שטיין פון באַרג און נישט אויפן גרינעם יראַז פון טאָל.

ס׳איז געווען נאָך איידער גאָט האָט רעגן אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד און נאָך איידער די ביימער האָבן זייערע קעפּ אַרויפגעצויגן אין דער הויך. ס׳איז נאָך ניי געווען די וועלט און יונג.

האָט אדם פריי און גרינג זיך געטראָגן איבער דער וועלט. געשפּאַנט אין הייסן זאַמד און זיך געפּליעסקעט אין קילן וואַסער; געקלעטערט אויף בערג און זיך געוואַלגערט אין גראָז. מיט די הענט און פיס און אַלע אברים האָט ער אַלץ אָנגערירט און געטאַנצט פון פרייד; געקראָכן אויף אַלע פיר יאָגנדיק דעם אייגענעם שאָטן און באַלד אויפגעשפרונגען רופנדיק:

— שטיי אויף, אדם, און גיי!

עס האָט געזונגען אין אים און אַרום אים, און איבער אים, — זיבן זונען בלענדנדיק אין העלקייט.

אַזוי אַ גאַנצן טאָג, ביז פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרשטיי־נערטער: דאָס ליכט פון טאָג האָט זיך אַ לעש געטאָן און פאַרשוווּנדן; די הייסע ערד, — אָפּגעקילט און גרוי, און די גראָזן, — געבויגענע צו דער ערד, האָבן די רעגנבויגן־פאַרבן פאַרלאָרן. די וועלט איז שטום און אומעטיק געוואָרן.

האָט אדם מיט שטוינונג געבליקט אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט און גענומען ציטערן מיט אַלע גלידער. ער האָט נאָך איינמאָל געפּרוּווט אַ רוף טאָן דאָס קול וואָס אין זיינע אויערן, איז עס געווען פרעמד און הויל. האָט ער אַ פאַל געטאָן צו דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ און געיאָמערט אָן אַ קול.

און אַ נעפּל איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד און אַלץ אַרום אים פאַרדעקט און איינגעהילט. איז ער אַזוי געלעגן און געגליווערט פון קעלט און שרעק. דאָס קול וואָס אין זיינע אויערן איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, די אויגן פאַרקלעפּט מיט בלינדקייט פון געדיכטן נעפּל, און אַלע גלידער שווער געשלאָגן מיט טויבקייט.

ערשט ווען דער פייכטער טוי האָט געגידערט אויף אים, האָט ער ווידער דערפילט אַז ער ציטערט און די ציין זיינען אים איילִיק. האָט ער

מיט גיריקייט געלעקט דעם נאַסן טוי און מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפצו־הייבן.

לאַנג, זייער לאַנג האָט ער אַזוי געהויערט אויף אַלע פיר און שווער געאָטעמט, ביז אַ געהייל פון ערגעץ זייער ווייט האָט פלוצעם צעריסן די אַרומיקע שטומקייט. האָט עס אדמען אויך אויפגעריסן פון זיין טויבקייט, און ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און אַ ברום געטאָן מיטן עכאָ פון יענעם געהייל, און גענומען טראָגן זיך אין דער פינצטערניש אַריין.

ביז טיף אין דער נאַכט אַריין האָט ער זיך אַזוי געטראָגן אָן אָפּשטעל, און פאַר אים און נאָך אים זענען געלאָפן קליינע חיהלעך, וואָס האָבן זיך געאיילט צו אַנטרינען פון מויל פון אַ רויב־חיה.

מיט די הענט פאַרויס און ברייט־צעעפנטע אויגן, האָט ער געשניטן די פינצטערניש און געוואָיעט און געציטערט אויפן קול. ערשט ווען די פיס האָבן אים אַריינגעפירט אין אַ טיפן שטראָם אַריין, האָט ער זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט און גענומען גלאָצן אין אַלע פיר זייטן פון דער וועלט.

— שטיי אויף, אדם, און גיי! — האָבן זיינע פאַרהאַקטע ציין מיט אַ מאָל אַרויסגעלאָזט דאָס קול קלאָר און ריין, און אַן עכאָ פון ווייט האָט אים נאָכגעזאָגט וואָרט אין וואָרט. האָט ער אָפּגעווענדט זיינע אויגן פון די פיר עקן פון דער וועלט און דערזען, ווי איבער אים און פון אַלע זייטן פון אויבן, ווינקען צו אים ווייסע לאַנגע שטראַלן — איז ער אַרויס־געשפּרונגען אויפן ברעג און אַ הירזשע געטאָן אַ דערשטוינטער.

די שרעק האָט זיך אָבער נאָך נישט געהאַט אָפּגעטאָן פון אים, האָט ער זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און אַ פאַרגאַפּטער אַזוי לאַנג געבליקט אין הימל אַריין, ביז די אויגן־לעפּלעך האָבן זיך אים גענומען פאַרמאַכן און פון זיך אַליין האָט ער גענומען מורמלען מיט גרויס ציטער: „אָ, רעד צו מיר נאָך אַ מאָל". ער האָט אָבער געמורמלט אַזוי שטיל, אַז אַפילו קיין עכאָ האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער געוואָלט די אויגן אויפרייסן, האָט ער אויך נישט געקאָנט, ווייל דער שלאָף האָט אים באַוועלטיקט און אַראָפּגעדריקט זיין קאָפּ צווישן די קני.

ער האָט אָבער נישט געוווסט, אַז ער שלאָפט און נאָך אַלץ געצאַפּלט מיט אַלע גלידער: „רעד צו מיר, ענטפער״.

און אַז די שטילקייט אַרום אים האָט זיך נישט אָפּגערופן, האָט ער געשטרעקט די הענט צו די שטערן, אָנגעכאַפּט די ווייסע זילבער־שטראַלן און זיי געגלעט און געטוליעט צו זיך, און געקלעטערט מיט זיי אויף די בערג און געקראָכן אויף אַלע פיר, און געהויבן זיך אַלץ העכער, רופנדיק שוין הויך אויפן קול:

— האַ, האַ, האַ, ענטפער!

אָבער פלוצעם האָט אַ גרויסער פחד אויפגעשטעלט די האָר אויף זיין לייב, ווייל ר׳האָט דערפילט אַז ער הערט נישט דעם אָפּקלאַנג פון זיין אייגן קול, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געעפנט די אויגן מיט גרויס שרעק. אָבער זע א ווונדער: ביים ראַנד פון הימל האָט אַ רויטער פלאַקער אַ צונד געטאָן די וועלט און אַ כאָר פון פייגל האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געזאַנג. איז אים אַזוי גוט געוואָרן אין גאַנצן לייב, אַז ר׳האָט ווידער דערהערט דאָס קול אין זיינע אויערן און מיט גרויס פרייד האָט ער זיך גענומען טראָגן אין אַ ווירבלדיקן טאַנץ, און מיטגעיובלט מיט אַלע פייגל: צווי, טשי, צווי, טשי, צווי, טשי.

ווען ער איז געקומען צו זיך פון דער גרויסער פרייד, איז די זון שוין געשטאַנען הויך אין הימל און ס׳איז ווידער געווען שטיל אַרום און אַרום, נאָר דאָס קול אין זיינע אויערן האָט זיך קלאָר און ריין געטראָגן אין דער לופטן פאַר אים, הינטער אים און פון אַלע זייטן: — „שטיי אויף, אדם, און גיי!״.

האָט ער געפאָלגט און איז געגאַנגען, און אין האַרצן ביי אים האָט געזונגען אַ גרויס געזאַנג: „ס׳איז געווען אָוונט און ס׳איז געווען פרימאָרגן, איין טאָג.״

און ווידער האָט ער, אין גאַנג, געלאַכט און געשפּרונגען. ווי נאָר אַ גרעזל, האָט ער עס געגלעט און פאַרזוכט מיט די ליפּן; ווי אַ וואַסערל, האָט ער מיט די טריט געמאָסטן און געקילט אין דעם זיינע גלידער; און אויך מיט די חיות פון פעלד איז ער נאָענט געווען, און גערעדט צו זיי און גערופן ביים נאָמען, — זענען זיי אָבער אַנטלאָפן פון אים, ווי ר׳האָט

זיך נאָר געוואָלט צורירן צו זיי. האָט די פרייד זיך אָפּגעטאָן פון אים, ווייל אַלץ אַרום איז געשטאַנען שטיל און קיינער האָט נישט געענטפערט זיין רופן, און קיינער האָט נישט געזונגען זיין געזאַנג. האָט ער הויך און שטאַרק גענומען רופן און געפּאַטשט זיך אין די היפטן ביים אויסרופן אַ נאָמען פון אַ באַשעפעניש, אָבער בלויז אַ הויל און ווייט ווידער־קול האָט אים געענטפערט. איז ער נאָכגעלאָפן דעם קול און עס נישט געקאָנט דעריאָגן, איז אים אַזאַ צער און אימה באַפאַלן, אַז ער האָט זיך אין דער גאַנצער לענג אויסגעצויגן אויף דער ערד און פאַרגראָבן די הענט אין זאַמד.

דער טאָג איז שוין געווען זייער הייס, און קיין כוח אויפצוהייבן זיך האָט ער נישט געהאַט, האָט ער בלויז מיט פאַרגאָסענע אויגן געקערט זיין בליק אין אַלע זייטן און געזען ווי די באַשעפענישן זיצן פאַרשטעקט אין די לעכער פאַרוויז, איז אים נאָך אומעטיקער געוואָרן אויף דער נשמה און פון גרויס בענקשאַפט האָבן אַלע גלידער אין אים זיך צעוויינט שטיל און יאָמערלעך און ביטער.

פלוצעם איז זיין גאַנץ לייב אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ גרויסער פרייד: דאָס קול האָט זיך אומגעקערט צו אים. פון נאָענט און פון ווייט, פון איבער אים און פון אונטן איז עס געקומען, און אים איז אַזוי גוט און ליב געוואָרן. אַזאַ העלע ליכטיקייט איבער אים און אין אים. און דאָס קול אין זיינע אויערן האָט געפליסטערט און געפלאַטערט ווי אין ערשטן טאָג. און ער האָט געפילט און געוווסט, אַז אַלע שרעקן זענען שוין פאַרביי. עמעץ רעדט צו אים, עמעץ איז מיט אים. האָט ער נאָך שטאַרקער געשלאָסן די אויגן זיינע און זיך געטוליעט צו דער הייסער ערד, וואָס האָט אויך ווי ער געהערט דאָס געזאַנג פון אַלע וועלטן.

און ס׳איז געווען, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט מיט אַ מאָל צוגעשוווּמען צו אים און געגלעט מיט ליבשאַפט און רחמנות:

— וואָס ווילסטו, אדם? וואָס פעלט דיר?

— זיי מיט מיר אַלע מאָל! — האָט אדם אַרויסגעצאַפּלט, און אַלע זיינע גלידער געשטרעקט צו דער ליכטיקייט איבער אים, — כ׳בין

אַליין, ליכטיקער. איך לויף דיר נאָך און קען דיך נישט דעריאָגן. פאַרלאָז מיך נישט!

— ווי קען איך דיך פאַרלאָזן, אדם, אַז איך בין אומעטום, — האָט דאָס קול זיך געוויקלט אַרום אים און אים געוויגט אַהין און אַהער.

— כ׳בין אַליין, ליכטיקער, — איז אדם זיך פאַרגאַנגען אין געוויין, — איך רעד און קיינער הערט נישט, איך רוף און קיינער ענטפערט נישט. זיי מיט מיר אַלע מאָל!

— ווי קען איך זיין מיט דיר, אדם, אז איך בין אומעטום, — האָט דאָס קול אים ווידער איינגענומען און געצערטלט זיין לייב, נאָר אדם האָט זיך געצאַפּלט פון וויטיק:

— וואָס טוסטו, ליכטיקער?

— זע, פון דיין אייגן לייב וועל איך אַ העלפער דיר געבן, וואָס וועט זיין מיט דיר אַלע מאָל, האָט דאָס קול זיך גענומען דערווייטערן פון אים און די ליכטיקייט האָט זיך אָפּגעטאָן.

— ווער זשע ביסטו, וואָס רעדסט צו מיר און קענסט מיט מיר נישט זיין? — האָט אדם שווער געאָטעמט און זיך געוואָרפן אין אַנגסטן, — כ׳וויל דיך זען!

— וואַך אויף, אדם, און זע, ביסט ערד, און פלייש און בלוט — —

— און ליכט, — האָט אדם אויפגעריסן די אויגן פון שלאָף מיט שטוינונג און שרעק:

— איך זע דיך נישט, ווו ביסטו?

— אָט בין איך, — האָט אים אַ קול פונקט ווי זיינס געענטפערט פון דער זייט, און אין זיינע אויערן האָט פון גאָר ווייט אַלץ געפליסטערט דאָס פריערדיקע קול:

— ס׳איז נישט גוט אדם זאָל זיין אַליין, הייב אויף דיינע אויגן און זע דיין אייגן פלייש און בלוט. פון דיין זייט, אדם, האָב איך זי געבויט אין דיין שלאָף!

האָט ער אַ קער געטאָן זיינע אויגן אין דער זייט און דערזען אַ באַשעפעניש פונקט ווי ער. איז ער אויפגעשפרונגען מיט פרייד און זי אָנגענומען ביים אָרעם און געפלאַפּלט:

— ביסט ווי איך, לעבעדיקע!

— ביסט ווי איך, ערדיקער! — האָט זי מיט דעם זעלבן קול אים געענטפערט.

האָט אדם זיך צעטאַנצט אַרום איר אַ צופרידענער און געיובלט:

— פלייש פון מיין פלייש און ביין פון מיין ביין. איך רעד און דו הערסט, איך רוף און דו ענטפערסט. זיי מיט מיר אַלע מאָל!

— זיי מיט מיר אַלע מאָל! — האָט די פרוי אים אויסגעשטרעקט בײדע הענט.

האָט ער זי אַ ציי געטאָן צו זיך, און צוזאַמען האָבן זיי זיך גענומען טראָגן איבערן פעלד מיט געלעכטער און געפלאַפל. האָבן די געפליגל פון אונטערן הימל דערהערט זייער קול און מיטגעפלאַפלט מיט זיי, און די גראָזן אויף דער ערד האָבן זיך אין די זיבן פאַרבן פון רעגנבויגן אויסגעפוצט, און די פרוכט־ביימער האָבן מיט פרייד די באַלאַדענע צווייגן זיי אַנטקעגן געשיקט, — האָבן זיי געגעסן און זאַט געוואָרן און זיך ווייטער געטראָגן איבער דער וועלט מיט געזאַנג און פרייד.

און ווען דער טאָג האָט זיך גענייגט צום אָוונט, האָבן זיי אויך פון קיין שרעק נישט געוווסט, ווייל זיי האָבן די פינצטערניש גאָר נישט געזען, נאָר דאָס געזאַנג פון זייער האַרץ איז געווען מיט זיי. און איבער זיי האָט געפלאַטערט דאָס ליכטיקע קול: „פילט אָן די וועלט און פאַרמערט זי!״.

און אדם האָט גערופן די פרוי, חוה, ווייל זי איז די מאַמע פון אַלע לעבעדיקע.

חיים גראַדע

קץ הימים

זינט איך האָב שיך געזען אין לאַגער פון מיידאַנעק,
נאָר ניט די פיס און ניט די שפורן פון די טריט ;
בלויז שיך און שיך און אַש און טרוקענעם רומיאַנעק,
וואָס האָט די פוסטריט צו פאַרדעקן, אויפגעבליט —
זינט דעמאָלט גיי איך שטענדיק אום דעם קאָפּ געבויגן,
און אומעטום איז מיר די ערד מיידאַנעק־אַש.
איך וואַרט, אַ בערגל ערד זאָל עפענען צוויי אויגן

און נעמען ריידן מיטן קול פון אַ בר־נש :
— געוואָרן איז פון מיין געביין אַן ערד־געלעגער.
איז ניט געקומען נאָך די בשורה אויפצושטיין ?
— נאָך ניט געקומען ! — וועל איך ענטפערן דעם פרעגער,
און טיף דעם קאָפּ געבויגן וועל איך ווייטער גיין.

כ׳וועל גיין און טרעפן אויף אַ שטיין אַ נפטר זיצן,
מיט בינטלעך פון גן־עדן־גראָז דעם קאָפּ באַדעקט.
ער איז אַרוים אויף זיין מצבה־שטיין דערקריצן
דעם נאָמען זיינעם, וואָס די צייט האָט אָפּגעמעקט.
אויך ער וועט מיר אַ פרעג טאָן וועגן קץ־הימים,
וועל איך אים ענטפערן : אַז וויל צו דעם וואָס האָפט,
פאַר וואָס קומט אַ מצבה־שטיין דיר, צדיק תמים,
ווען אָן אַ שטיין און נאָמען גאַנץ מיידאַנעק שלאָפט ?
טו אָן אַ קאָפּ־צירונג פון ביטערן רומיאַנעק,
און זאָל עס ווי גן־עדן־גראָז דיר שמעקן זיס,
טו אָן צעפוילטע שיך פון לאַגער אין מיידאַנעק,
און גיי אין הימל זוכן די פאַרברענטע פיס.

משה רובינשטיין

ביי לייוויקס שטול...

(אַ באַזוך ביים גרויסן יידישן דיכטער)

סוף מערץ 1959, אין אַ ווינטערדיקן טאָג, האָב איך די זכיה און דעם פֿיין צו באַזוכן אין זיין היים דעם קראַנקן גרויסן יידישן דיכטער ה. לייוויק.

אַ טאָג פֿריער האָב איך געהאַט אין מיינע הענט דעם ספּעציעלן לייוויק־נומער פֿון דער „צוקונפֿט" און זיך אָנגעזאַפּט נאָך מער מיט דעם גייסטיקן אַראָמאַט פֿון דעם פּאָעט, וועגן וועמען עס האָבן צו זיין 70־יאָריקן געבוירנטאָג געשריבן אַ צאָל יידישע שרייבער, חברים און פֿאַרערער זיינע.

דער באַזוך ביי לייוויקן איז נישט קיין צופֿעליקער. אין ביוראָ פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, צו וועלכן דער שרייבער פֿון די שורות איז געקומען און פֿאַר איין וועגס באַזוכט ניו־יאָרק עטלעכע טעג פֿריער, זאָגט מיר יעקב פּאַט, אַז איך דאַרף זען לייוויקן, אויף וועלכן איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט.

— אָבער, ווי אַזוי מאַכט מען עס? — טוט פּאַט אַ קנייטש דעם שטערן, — נאָך אַ פּאָר מענטשן פֿון „וייטן אויסלאַנד" וואָלטן אים באַדאַרפֿט באַזוכן, — נאָר דער דאָקטאָר האָט פֿאַרבאָטן; מען דאַרף דעם חולה נישט באַלעסטיקן און זיין פֿרוי היט אָפּ די פֿאַראָרדענונגען פֿון דאָקטאָר זייער שטרענג.

פֿאַרבינדט זיך אונדזער ליבער יעקב פּאַט, דער מאַרך און האַרץ פֿון קולטור־קאָנגרעס און אַרבעטער־קאָמיטעט, מיט דער פֿרוי פֿונעם דיכטער, שרה לייוויק, און ער רעדט היימיש, וואַרעם צו איר אַזוי:

— שרה, טייערע, וואָס מאַכט לייוויק? אַט אַזוי, לייכטער אַ ביסל? טאָ גריסט אים האַרציק. אָבער, הערט שרה, איך וויל מיט אַ פּאָר פריינט, חברים, דעלעגאַטן צום קולטור־קאָנגרעס קומען זען לייוויקן, זיי ווילן אים זאָגן אַ שלום עליכם, ברענגען אַ גרוס — איז ווען קען מען?

איך הער, אַז שרה לייוויק ווערט זיך. עס איז נישט געוווּנטשן; די באַזוכן טוען שאָדן; ס'איז אויפרעגנד פאַרן חולה. אָבער פּאַט דערקלערט איר, אַז ס'איז געוווּנטשן אַזאַ באַזוך, בלויז אַ 10־15 מינוט, ס'וועט אים דערקוויקן — און עס בלייבט אויף מאָרגן דריי בייטאָג; און בלויז דריי מענטשן זאָלן מיר קומען.

עס באַקומט זיך אָבער אַנדערש. פּאַט מוז איבערגעבן די פירונג מיט די באַזוכער צו זײַן־מיין חבר טאַבאַטשינסקי, וועלכער האָט די גאַנצע זיבן חדשים פון לייוויקס קראַנקהייט דעם דיכטער נישט געזען. — איך וויל גיין, בעט ער פּאָדערנדיק, און פּאַט גיט אים נאָך. און איידער מיר האַלטן ביים גיין, אויף מאָרגן, האָבן זיך שטילערהייט דערוווּסט נאָך אַ פּאָר פריינט, איינער פון אַרגענטינע, אַ צווייטער אַזש פון אויסטראַליע און אַ דריטער פון ניו־יאָרק גופא, און — מיר פאָרן שוין אין „קעב" זאַלבעזעקסט.

*

פון אויסטראַליע, איבער אַרגענטינע, ביז מעקסיקע און ניו־יאָרק, זענען מיר אַ... יידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ. פעלט נישט וועגן וואָס צו שמועסן אויפן וועג. מיר רעדן אָפּ, אַז מיר וועלן מאַכן דעם באַזוך וואָס קירצער, נישט רעדן קיין סך, זאָגן אַ גרוס, ווינטשן אַ רפואה שלימה און זיך געזעגענען באַלד.

*

...און אָט זענען מיר ביי דער טיר פון לייוויקס וווינונג. עס עפנט אונדז זיך פרוי, און דערזעענדיק נישט דריי, נאָר זעקס מענטשן, מאַכט זי אַ באַוועגונג, ווי צו פאַרהאַלטן אונדז ביים טיר... באַלד כאַפּט זי זיך,

לאָזט אונדז אַריין אין פֿאָדער־צימער און האָט העפּלעך אַ טענה: — סטייטש, מ׳האָט געזאָגט בלויז דריי פֿריינט... איר ווייסט דאָך, ער איז אין אַזאַ צושטאַנד...

— מ׳האָט אַנדערש נישט געקאָנט, זאָגט צו איר פֿריינדלעך און באַרואיקנד אונדזער פֿירער; מיר דערקלערן שרה לייוויק, אַז מיר פֿאַרשטייען די לאַגע, מירן זיך טיילן מיט דער צייט, נישט אַריינקומען צו לייוויקן אַלע פֿאַר אַ מאָל, בלויז זאָגן אַ פּאָר פֿריינטלעכע ווערטער, שלום געבן — און זי פֿאַרבעט אונדז דערווייל אין אויפֿנעם־צימער פֿון דער מיט פּשטות איינגעאָרדנטער דירה.

עס קומט אַרויס די קראַנקן־שוועסטער, באַגריסט זיך מיט אונדז און זי האַלט, אַז עס שאַדט נישט; אַ קורצער באַזוך קאָן ווירקן בעסער אויפֿן געמיט פֿון חולה, ווי די לאַנגע קראַנקע איינזאַמקייט. זי וועט נאָר אַריינגיין צוגרייטן לייוויקן צו דעם, מיר זאָלן צוואַרטן אַ פּאָר מינוט.

מיר שמועסן דערווייל מיט פֿרוי שרה לייוויק. זי דערציילט פּרטים פֿון דער קראַנקהייט, ווי די פּאַראַליז־אַטאַקע איז געקומען, וואָס די מעדיקער זאָגן — און זי דערקלערט אונדז מיט טרערן אין די אויגן, אַז איר מאַן, דער גרויסער יידישער פּאָעט און וואָרטזאָגער, איז פֿאַרשטומט. אַ האַלבער קערפּער (דער רעכטער) איז פּאַראַליזירט און דאָס לשון דינט אים נישט...

איך דריי זיך אַפּ אָן אַ זייט און באַקוק די שטוב. אַ דורכשניטלעכע באַלעבאַטישקייט. שענק מיט ספֿרים און ביכער צווישן די שטוב־מעבל; פֿאַמיליען־בילדער און אייניקע בילדער אויף יידישע מאָטיוון. דאָס איז דער היכל פֿון גרויסן יידישן גייסט. שרה לייוויק איז אַ נידעריקע ליידנדע פֿרוי; איר פּנים פֿאַרמעט זיך, די אויגן בלישטשען; זי האַלט פֿאַרבראָכן די הענט און רעדט שטיל און פֿליסיק. איר גאַנצער וועזן איז דורכגענומען מיטן אַרומגיין ארום אים, אַרום לייוויקן.

*

אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר אין גערוימען אַרבעטס־צימער פֿון לייוויקן.

עס דערשיינט פאַר אונדז די מאַיעסטעטישע געשטאַלט פונעם דיכטער; ווייס זענען די האָר אויף זיין קאָפּ, טיפער זענען זיינע בלויע אויגן, אָפּגעצערט איז זיין גוף, איינגעהילט אין אַ כאַלאַט — און ער זיצט אויף אַ פיר־שטול —

— דער דיכטער אין אַ קאַרעטע!

מיר באַגריסן זיך מיט אים שטיל, ער קוקט אונדז אָן מיט וואַרעמע זוכנדע בליקן, און ווייזט אָן מיט דער לינקער האַנט, אַז מיר זאָלן זיך זעצן.

עס שאַפט זיך אַ האַלב־קרייז אַרום זיין שטול. לייוויק גייט אַרויס פון דער מאָמענטאַלער איבעררעשונג און ער באַגריסט זיך מיט די פון אונדז, וואָס ער קען פון אַ מאָל, שמייכלענדיק און אַרומנעמענדיק יעדן מיט דער לינקער האַנט. ער פרעגט אויף שטום־לשון אויף די פאַר אומבאַקאַנטע און ווען ער הערט, אַז פון אַרגענטינע, פון אויסטראַליע — מאַכט ער מיט דער האַנט אויף אַהין, ווי ער וואָלט געזאָגט: פון אַזוי ווייט, אַזוי ווייט...

איך זיץ נעבן לייוויקן און נעם נישט אַראָפּ די אויגן פון אים. ער טוט זיך אַ קער צו מיר, דערמאָנט זיך עפּעס, מסתמא פון אונדזער באַגעגעניש מיט דריי יאָר צוריק און אַ שפּעטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ, און רופט מיר מיטן האַנט צו זיך; איך דערנענטער זיך צו לייוויקס שטול און ער נעמט מיר פעסט אַרום מיט דער לינקער האַנט און מיר צעקושן זיך... איך דערפיל אויף מיין באַק לייוויקס וואַרעמע טרער... אויך מיינע אויגן זענען פייכט, און איך זע זיך גלעזלען די אויגן פון די עטלעכע פריינט אַרום.

שרה לייוויק איז מיט אונדז. זי גיט אַכטונג אויף יעדן קער און ריר. עס קומען עטלעכע ווערטער צו לייוויקן פון די אַנוועזנדע. ער ווייזט אָן מיטן האַנט אויפן מויל, אַז ער קאָן דאָך נישט רעדן, און ער וויל הערן; ער הערט, זעט און פאַרשטייט אַלץ — נאָר דאָס לשון איז נישטאָ... איז ווייזט ער, אַז מיר זאָלן רעדן. און עס פאַלן ווערטער פון באַגריסונגען צו אים. טאַבאַטשינסקי דערקלערט דעם דיכטער, אַז די טעג עפנט זיך דער קולטור־צוזאַמענפאַר, און אַלע פילן טיף דעם ווי וואָס ער וועט נישט

קאָנען זיין דערביי; איר פעלט אונדז אַלעמען, זאָגט ער, מיר זענען געקומען אייך ווינטשן אַ רפואה שלימה און בעטן אייך, איר זאָלט זיך שטאַרקן, איר זאָלט געזונט ווערן און ווייסט — מיר דאַרפן אייך האָבן, די יידישע קולטור און ליטעראַטור דאַרף אייך האָבן און רופט אייך אַ געזונטן צו זיך!...

עס פאַלן נאָך ווערטער מיט ווונטשן און דערמוטיקונג. לייוויק זיצט און הערט, שאָקלט־צו מיטן קאָפּ. זיינע אויגן בלאָנדזשען דאָ צו דעם, דאָ צו יענעם; אָט קוקן זיי אַ ווײַלע שטאַר; עס איז קאָנטיק, אַז ער האַלט זיך איין נישט צו וויינען; ער שמייכלט אַפילו צו.

עס אַנטוויקלט זיך אַ לענגערער שמועס. יעדער זאָגט עפּעס און די אָנגעצייכנטע צייט איז שוין לאַנג אַריבער. אויך שרה לייוויק פאַרגעסט אין דעם, ווייל מיר פילן און זענען אַלע, אַז דער „פאַרשטומענדער פּאָעט" פילט זיך עפּעס לייכטער, אויפגעלייגטער; ער באַמקעט אונטער צו די רייד וואָס ער הערט, וועגן דער קולטור־באַוועגונג אין אַרגענטינע, וועגן שול־וועזן אין מעקסיקע, וועגן יידן אין וויטן אויסטראַליע; אַ ווײַלע דוכט זיך, און ער וועט אַליין באַלד נעמען רעדן, ווייל אָט באַוועגט ער זיך דאָך שווער אויפן שטול און רעאַגירט מיט די אויגן, מיט די ליפּן, מיט אַ שלוקץ און אַ באַוועג מיט דער לינקער האַנט אויף דעם וואָס מען דערציילט אים.

אָבער, לייוויק רעדט נישט!

עס נעמט אַרום אַ טיפער צער און עס איז אַ פאַרדרוס דאָס צו זען — דער נביא־פּאָעט זיצט ווי אויף אַ קרוין־שטול — און קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן!

דער גרויסער זינגער און זאָגער, דער שאַפער פון צאַרטסטן און בונטאַרסטן ליד, דער גייסטרייכער דיכטער און אָראַטאָר, דער טיפער דענקער און מונטערער — ער שווייגט!

לייוויק שווייגט...

ער, וואָס האָט געצונדן פאַקלען פאַרן יידישן זיין און אויפגאַנג; ער, וואָס האָט געוועקט און גערופן צו שרייען דעם וויי־געשריי פון די טרעבלינקעס, ווי „מיר זענען נישט געווען"; ער, וואָס האָט ביים כיניס

עיוני אין ישׂראל נישט לאַנג צוריק געזאָגט דאָס גרויסע וואָרט פון קומה און תקומה, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון ירושלים אַרויס בכל תפוצות ישׂראל — ער שווייגט און קאָן קיין וואָרט נישט זאָגן. ווי דאָס טוט ווײ.

*

שוין אַ שעה, צי מער, ווי עס ציען זיך די „צען־פופצן" מינוט, וואָס מיר האָבן געהאַט. מען געזעגנט זיך, מען גייט פּאַמעלעך אַרויס, באַגלייט מיט לייוויקס דאנקבאַרע בליקן, און ווען איך בין ביי דער טיר שוין, זע איך, ה. לייוויק רופט מיך מיט א האַנט־באַוועגונג. איך גיי צו צו אים און זעץ זיך ווידער נעבן זיין שטול.

די גרופּע פריינט זענען שוין אין אַנדער צימער; מיט זיי איז שׂרה לייוויק; זי שטייט ווי אויפן שוועל צווישןביידע צימערן און זיי שמועסן נאָך שטיל.

לייוויק הייסט מיך זיך דערנענטערן צו אים. איך פיל ווי זיין לינקע האַנט קלעמט זיך איין אין מיינער; ער בעט מיך מיט צוקנדע באַוועגונגען, איך זאָל נאָך זיצן נעבן אים, זאָגן עפּעס.

איך דערפיל א ציטער אין אַלע אברים. — וואָס זאָגט מען לייוויקן? ווי טרייסט מען אים, דעם גרויסן וואָרט־זאָגער, וואָס בעט שטום אַ וואָרט ביי יענעם?

מיינע אויגן פאַלן אויפן לינקן ווינקל פון צימער, ווו עס שטייט אַ הויכער ברייטער שטענדער, ווו לייוויק פּלעגט מסתמא שטייענדיק שרייבן. האָט ער דאָרט געשאַפן דעם „גולם", דעם „מהר"ם פון רוטענבערג", אָדער „אין די טעג פון איוב" — לויפט דורך אַ מחשבה. און אָט איז דער ברייטער שרייבטיש און אַ קאַנדעלאַבר איבער אים, און ביכער ליגן אין אַ סדר אויף העכערע און נידעריקערע פּאָליצעס אַרום. איך קוק און פיל אָבער לייוויקס וואַרעמען בליק אויף מיר, און עס וואַרעמט מיר זיין האַנט.

טו איך זיך אַ קער צו אים — עס האָט זיך עפּעס געעפנט דאָס האַרץ און עס רעדט זיך:

— טייערער לייוויק, זאָג איך, וואָס קען איך זאָגן? איך, דעם גרויסן וואָרטמייסטער אונדזערן, אונדזער לערער און גייסטיקן מלך? איך וויל

איך נאָר ווינטשן נאָך אַ מאָל אַ רפואה שלימה און זאָגן, אַז עפּעס פיל איך, אַ פּשוטער בשר ודם און פאַרערער אייערער, אַז איר וועט בקרוב ווערן געזונט, איר וועט צוריק נעמען רעדן, מיר וועלן נאָך הערן אייער גרויס וואָרט, מיר דאַרפן אייך אַלע אין דער יידישער וועלט אַזוי האָבן... און איר דאַרפט זיך שטאַרקן, איר האָט דאָך אונדז געמונטערט אַלע מאָל, געהייסן האָבן בטחון — טאָ שטאַרקט זיך, און מירן אין גיכן צוריק הערן אייער וואָרט און אייער געזאַנג...

...איך האָב לייוויקן אין דעם מאָמענט אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן. עפּעס האָט זיך אין מיר געעפנט אַ קוואַל פון דערמונטערנדיקע ווערטער און עס האָט זיך גערעדט... באַמערק איך פלוצלונג, ווי ער שטרענגט זיך אָן אויף זיין פיינלעכער מלכות־שטול, זיינע באַקן און ליפּן נעמען צוקן, זיין הויכער האַלדז ציט זיך אויס, די אויגן בליצן און ער טוט זיך ווי אַ שטעל־אויף און שעפּטשעט אַרויס:

— אַוודאי!

עס האָט מיר אויף אַ מאָמענט אָפּגענומען ס׳לשון. שרה לייוויק האָט פון אַ זייט געהערט און זיך אַ קער געטאָן און אַ פאַל געטאָן אויף אַ סאָפאַ. די קראַנקן־שוועסטער איז אַריינגעקומען און זי באַרויקט. אין זיבן חדשים פון זיין שווערער קראַנקייט איז דאָס געווען דאָס איינציקע וואָרט, וואָס די ליפּן פונעם דיכטער האָבן אַרויסגעלאָזן. עס האָט זיך קוים געגלייבט.

עס איז מיר שווער געווען זיך אויפצושטעלן און געזעגענען מיט לייוויקן. מיר האָבן זיך אַרומגענומען און הייס געקושט, און איך האָב געפילט אַ מין קדושה אין דעם, וואָס דער דיכטער פילט זיך אויפגעמונטערט פון דעם באַזוך.

*

איך בין אַרויסגעגאַנגען פאַמעלעך, אויף היינטערווייַלעכץ און מיט וואַרעמע בליקן זיך ווידער געזעגנט מיט דעם גרויסן יידישן פּאָעט, דעם וואָרטמייסטער, וואָס איז, ליידער, פאַרשטומט — און איך האָב נאָך געזאָגט:

— אל תהי ברכת... זאָל נישט קליין זיין מיין פּשוטער ווונטש און ברכה פאַר אייך, — ווערט געזונט, טייערער לייוויק, מיר ווילן אייך אַלע זען אַ געזונטן!

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

צינד אָן דיין ליכט

כ׳בין אפשר די לעצטע פון מיין דור.
ס׳איז ניט מיין זאָרג.
ניט איך פאַרגרייט פון צייט די זאָמען.
מען האָט מיין טאָג, מיין איינציקן
געגעבן מיר אויף באָרג,
און כ׳ווייס ניט ווען מען וועט צוריק אים מאָנען.
צו זעכציק יאָר, אָדער צו זיבעציק...
מען האָט מיר אָנגעזאָגט:
דו ביסט ניט איבעריק.
דיין טאָג, דיין איינציקן זאָלסט ניט פאַרלעצן.
ער איז דיין היינט, דיין נעכטן און דיין תמיד.
ביי וועלכן טיש מען וועט דיך זעצן
צינד אָן דיין ליכט און שטעל דיין עמוד.
און אויך דיין ליכט האָט מען געגעבן דיר אויף באָרג.
ביסט נישט דער לעשער און נישט דער צינדער.
צי ס׳איז העלער טאָג,
צי ס׳איז אַ חושך־שלאַק אַ בלינדער,
צי ס׳איז די גוטע רו, צי ס׳איז אַ געוויטער,
ס׳איז ניט דיין זאָרג —
צינד אָן דיין ליכט און זיי זיין היטער.
דיין פלעמל איז אין קרייז פון ליכטער.
דו ווייסט ניט ווו און ווער ס׳האָט אים געצונדן.
און אַז עס ברענט דיין ליכט מוזסטו פון פייער
טראָגן אויף די שיין און אויף די וווּנדן.

און אפשר איז ניטאָ קיין דור, קיין לעצטער.
כ׳בין ניט קיין גאָלדשמיד, וואָס שמעלצט אַ קייט
ביים אייזנפעסטער:
אָט גייט ער שוין אַהיים צו זיך אין צימער,
אָט האָט ער שוין געמאַכט דעם לעצטן רונג,
אָט עסט ער שוין זיין ברויט און טרינקט זיין טרונק,
אָט האָט ער שוין זיין קייט פאַרענדיקט
אויף אייביק און אויף אימער.

אַ דור פון תוהו,
אַ דור וואָס האָט געזען דעם הימל פאַלן.
די זון האָט פינצטערניש געזופּט,
און אויפן סיני האָט מען אויפגעשטעלט די טמא־שטאַלן.
אָט ביי דעם טיש אָט דעם צעבראָכענעם, צעקרימט, צעלאָמעט,
צינד אָן דיין ליכט.
און אויף דער וואַקלדיקער ערד שטעל אויף דיין עמוד,
צינד אָן דיין ליכט.
ביין צו ביין, און אָדער צו אָדער,
טרער נאָך טרער, און שפּליטער אויף שפּליטער —
ס׳איז ניט דיין זאָרג.
צינד אָן דיין ליכט און זיי זיין היטער.

ב. שלעווין

די אָרעמע יידישע שול

(פראַגמענט פון בוך „דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס")

אין דאַך־שטיבל פון בערלינערס מויערן, אויף אַ הויכן גאָרן אין טיפן הויף, האָט דער נאַקעטער לאָמפּ געברענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין איבער די רוי־געהובלטע טישן און בענק. אַהער איז געקומען איינ־נעסטיקן זיך סרוליק, אָדער ישראל אידלסאָן, ווי מ׳האָט אים שוין דאָ גערופן. איבער זיין שויבערדיקן קאָפּ האָר, אין זילבער־פּאַסמעס, איז אַרומגעשוואומען דער ברייט־ראַנדיקער, אויסגעריבענער הוט; אין די גרויסע, בלויע אויגן — אַ פריילעכער, קינדערישער נייגער, דער מאָגערער קין — שאַרף אויסגעגאָלט. איז אַ לויזער קורטקע, וואָס איז אַוודאי נישט געניייט געוואָרן אויף זיין מאָס, האָט ער איצט אויסגעזען פיל ייִנגער און באַוועגלעכער ווי פריער. דעם אָרעמען מאָלצייט, וואָס איז מיינסטנס באַשטאַנען פון טרוקן ברויט מיט דאַרן, טריפהנעם ווורשט, האָט ער אַריינגעשלונגען ביי זיך אין אָפּגעצוימטן אַלקערל פון פּאַפּירלעך־אַרויס, פאַרטרונקען אַ גלאָז קאַלט וואַסער, און האָט זיך אייביק געאיילט, איז געלאָפן טרעפּ־אַרויף און טרעפּ־אַראָפּ אין דעם הויז.

אויסער דעם געשיכטע־ און ליטעראַטור־לימוד און די שול־אַרבעט בכלל, האָט ער נאָך געטראָגן אויף זיינע דאַרע, מאָגערע פּלייצעס אַ וועלט מיט קלאָפּאָטן. די ביבליאָטעק מיט די אַלע פאַרשטויבטע שימות און די פאַרגעלטע בראָשורן און ביכלעך, וואָס זענען איבערגעגאַנגען אַזוי פיל הענט, האָבן שוין מער נישט אָנגעפילט די אַלט־בחורישע צימערלעך. ווי נאָר די היימלאָזע יידן האָבן דאָ אָפּגעליידיקט אַ פליגל, האָט ער עס מיט דער גאַנצער חברה יונגוואַרג באַלד איבערגענומען, מ׳האָט אויסגעווייסט,

געמאַכט פּאַליצעס, אַרײַנגעשטעלט טישלעך, אויפגעהאָנגען אויף די ווענט די בילדער פון קאַרל מאַרקס, פון פּרצן. אַזוי איז דאָ אויפגעקומען אַ ביבליאָטעק, אַ ליכטיק־אויסגעווייסטע שול פאַר די היימלאָזע, אָפּגע־שליסענע קינדער, אַן אַרבעטער־קיך. די פאַרברױנטע, ענערגישע בחורים, אין די אויסגעניײטע העמדלעך, די פאַרפּלאָנטע מיידלעך אין די קורץ־אונטערגעשניטענע האָר, האָבן דאָ אָונט־צייט פאַרפולט אַלע שטאָקן, קאָרידאָרן און טרעפּ. פון הינטער־טירן האָבן געהילכט אין כאָר די פאַר׳ בענקטע יידישע און ווייטע, סטעפּישע רוסישע לידער. אַ רעדנער אין אַ סאַטינען העמדל, מיט אַ ביבלישער באָרד, מיט אַ קאָפּ פלאַמיקע שויבערן, וואָס איז פון ערגעץ אַראָפּגעקומען, האָט דאָרט געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אַריין פאַרן פול־אָנגעפּראָפּטן זאַל:

— ...דעריבער זאָגן מיר... אַוועק מיט די שמוציקע הענט פון די אינ־טערווענטן, פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערן... די, וואָס וואַגן פחדנותדיק אַרײַנצושטעקן אַ מעסער אין רוקן דאָס לאַנד פון אַרבעטער און פויערים...

שפּעטלעך האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן צום אַרומגעבראָכענעם סקווערל, אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל. די בענק, די פלאַנטן זענען פאַרפולט געווען מיט טונקעלע גרופּעלעך. מ׳האָט נאָך אַלץ דיסקוטירט וועגן די „21 פּונקטן פון קאָמאינטערן״, וועגן פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, וועגן פרייער ליבע, וועגן וועלט־רעוואָלוציע, וואָס אָט־אָט ברעכט זי אויס, אָט־אָט קומט זי...

פּונקט ווי אין יענע יאָרן, איז אויך דער „קרוזשאָק״ ביי דער אַלטער בונדאָווקע סימע פּאַדווע יעדעס מאָל געדיכטער געוואָרן. אין טאַטנס גאַנץ־געבליבן הויז, קעגנאיבער בערלינערס „קאָמעניצעס״, איז געווען גערוים אין צימערן. די משפחה האָט זיך באַצייטנס געהאַט אומגעקערט פון קרעמענטשוג, נאָך איידער די נייע „וולאַסט״ האָט אַלץ קאָנפיסקירט און צעטיילט. דאָס גרויסע באַקאַליי־געשעפט, צעלייגט פון פאַרנט, איז ווידער פול געווען מיט סחורה און מיט קונים פון די שטעטלעך פון ביידע זייטן בוג. די באַלעגאָלישע פורן האָבן געוואַרט פאַרן הויז. און דורך דער פאָרנטי־קער גלאָז־טיר, אָדער דורך די הינטערשטע גאַניקעס צום הויף, איז מען געקומען טרינקען טיי און דיסקוטירן ביז פאַרטאָג אין אָנגערויכערטן סאַלאָן.

ס׳איז געקומען ישראל אידלסאָן, ס׳איז געקומען פּרעגער, דער אייביקער סטודענט מישאַ, ס׳זענען געקומען די בחורים אין די סאַטינענע העמדלעך. מ׳איז דאָרט געזעסן אויפֿן טיש, אויף די סאָפּקעס, אויפֿן בעטל. סימע, אין דער קורץ־אונטערגעשניטענער פּאַלקע, האָט גערויכערט באַגלייך מיט אַלעמען די געשטאָפּטע סיגאַרעטלעך און האָט נישט געקענט מוחל זיין די באַלשעוויקעס, וואָס האָבן פֿאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט פֿאַר זיך...

— עט, קליינבירגער... — האָט סרוליק געקלאַפּט מיטן דאַרן פֿויסטל אין טיש אַריין מיט עפּעס אַ מין פֿריילעכער פֿאַרביסנקייט — די געשיכטע, מײַן איך, לערנט אונדז עפּעס... יאָ, צי ניין? און איר — וואָס?

סימע פֿאַדוועט האָט פֿאַרוואָרפֿן די קורץ־אונטערגעשניטענע, גרויז־ווערנדיקע האָר צום אויסגענייטן קישעלע אויף דער סאָפֿע, אָפּגעקלאַפּט דעם אַש פֿון פּאַפּיראָסל אויף דער פּאָדלאָגע און אין איר טרוקענער שטים איז בפֿירוש געווען היסטעריע:

— מיט ברוטאַלע מיטלען, חבר, מיט שלעכטס, קען מען קיין גוטס נישט ברענגען... נאָר די עוואָלוציע וועט אונדז פֿירן צום פֿרידלעכן סאָציאַליזם... לאָזט די יידישע מאַסן לאַנגזאַם קומען צום באַוווסטזיין... לאָזט זיי צו ערשט פּראָלעטאַריזירן זיך...

— ס׳וועט אָבער אויסקומען אַ ביסעלע צו לאַנג צו וואַרטן — האָט ישראל האַרב געלאַכט — און נישט די היגע נייע מושלים אונדזערע וועלן לאָזן פֿירן די יידישע מאַסן צו די גרויסע פֿאַבריקן, אויף דער ערד. מיר האָבן שוין געזען... פֿון וואָס, מישטיינסגעזאָגט, עסן מיר דען דאָ אַלע דאָס אָרעמע שטיקל ברויט? פֿון פֿויער, פֿון געוועלבל... דאָס, וואָס אַמעריקאַנער קרובים שיקן אַריין... אַ שוסטער, אַ שניידער און — אַבי מען לעבט...

ער אַליין איז אַ שטיקל צייט אויך נאָכגעגאַנגען אָט דעם קליינעם, גרויען מאַן מיט די שאַרפֿע צוויקערס. אויך יענער איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די זעלבע אָרעמע שניידערשע און שוסטערשע געסלעך און „צער־בעלי־חיים״־קרייזלעך. זיין קאָפּ איז באַדעקט געווען מיט שניי פֿון די סיבירער ווייסע, אומעטיקע סטעפּעס, וווּ ער איז געווען פֿאַרשיקט. ס׳האָט זיך אָבער אַלץ נאָך געטראָגן פֿון אים מיטן אימפּעט פֿון די אַרבעטער־בירזשעס אין די גרויסע פֿאַבריק־שטעט — די גאַרבאַרעס, די זאָקן־מאַכערינס, די פּאַפּי־

ראָסן־מאַכעריגס, די וועבער. נאָך יאָרן וואַלגערן זיך אין דער פרעמד, אונטער אַלערליי פאַלשע נעמען און פאַלשע פאַפּירלעך, איז ער דאָ איין מאָל אַראָפּגעקומען. ער איז געווען לעבעדיקע לעגענדע. נאָכן רעפעראַט, איז ער איינגעשטאַנען ביי דער אַלטער בונדאָווקע סימע פאַדווע. מ׳איז דאָרט געזעסן ביז שפּעט אַרום סאַמאָוואַר, אין הייסע גערעדערייען. ער האָט פאַרמאָגט אַ לייכטן תביעת־עין, האָט אים באַלד דערקענט און אים געקלעפּלט איבער די מאָגערע פּלייצקעס:

— סרוליק! — האָט ער אים פּאַטערלעך געלייגט די האַנט אויפן אַקסל — כ׳האָב געהערט, אַז ביסט גאָר אַרויס לתרבות־רעה... וואָס, האָסט שוין טאַקע גאָרנישט געלערנט פון דער געשיכטע?

סרוליק האָט נאָך טיף אין זיך געטראָגן דעם דרך־ארץ פאַרן קליינעם, גרויען מאַן. ער איז אָן שום ספק געווען אַן ערלעכער מענטש. אָבער ווי קומט — האָט ער זיך קיל געזאָגט — איינס צום אַנדערן? מיר עוואָלוירן און דאָ — ווי אַ פאַרגליווערט וואָסערל איז מען שטיין געבליבן און מען קאָכט זיך נאָך אַלץ אין אייגענעם זומפּ...

ס׳איז געווען אַן אָנגעלויף אין דעם רויענדיקן הויז פון כלערליי רעדנערס מיט כלערליי שיטות. סרוליק האָט זיך אומרויק געדרייט הינטער די טירן, הינטער פּלייצעס, קלוג, אויפגעשפּיצט צוגעהערט זיך. אַרום די פאַרקוועטשטע אויגן, ווי בלויע נאַכט־פלעמלעך, צווישן די קנייטשעלעך, איז געלעגן אַ שמייכל פון גוטמוטיקייט, פון שאָדנפרייד, פון קינדערישקייט און פון שאַרפן פאַרדאַכט. וואָס פאַראַ מאָדנע וועלט־דערלייזערישע און יידן־דערלייזערישע טעאָריעס דאָרט זענען אַלץ נישט אויסגעלייגט געוואָרן! ער האָט זיך אַ רגע שאַרף צוגעהערט און אַ שפּאַר געטאָן זיך הינטער אַלעמענס פּלייצעס, צום טישל מיטן גלאָז וואַסער, הינטער וועלכן דער רעדנער, אַ שויבערדיקער יונגער מאַן, אין אַ העמדל, מיט אַ קרומלעך קלין־בערדל, האָט זיך געריסן, שאַרף און מיט אַ ניגון אַריינגעטייטשט, געוואָרפן מיט ציטאַטן פון „זאַראַטוסטראַ" און פון די נביאים, פון „קאָמו־ניסטישן מאַניפעסט", פון הערצלס „יודענשטאַט" און פון באָראָכאָווס טעזן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

— מיטן פרומען ווונטש פון לשנה הבאה בירושלים האָבן מיליאָנען

יידן אָוועקגעלאָזן זיך מעבר־לים, צו די... ווייטע אַמעריקעס, נישט קיין ארץ ישראל, זוכן אַ שטיקל ברויט. און דאָס, אָן פּראָגראַמען און טעאָריעס; און איר ווילט צוריקפירן אַ פאָלק אין אַ מדבר אַריין, באשר זיינע ווייטע עלטער־זיידעס האָבן דאָרט אַמאָל געוואָנדערט ווי נאָמאַדן, אויפגעשלאָגן געצעלטן און איבערגעלאָזט אַ זכר — אַ שטיקל וואַנט פון אַ טעמפּל. די פעלקער, וואָס זענען אַ סך שפּעטער פון אונדז געקומען קיין אייראָפּע, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן זייערע סטעפּ־אורלענדער. זיי בייסן זיך איין מיט די ציין אינעם שטיקל ערד, וואָס זיי באַוווינען. דאָס איז די רעאַליטעט פון אַ פאָלק.

מ׳האָט אים נאָך דעמאָלט אָנגעקוקט אַ ביסעלע מאָדנע. מ׳האָט אים נישט פאַרשטאַנען. מ׳האָט אים פאַרשריגן. ער האָט אויך אויף אָן אַנדער מין שטייגער אַריינגעטייטשט אין פּרצן, אין מענדעלען, אין שלום עליכמען.

— טוביה דער מילכיקער און מנחם־מענדל זענען צוויי עקסטרעמען פון אונדזער יידישן זיין. צי וואָלט דען דער פּשוטער, געזונטער ייד טוביה, ווען מען טרייבט אים נישט אַראָפּ פון דער ערד, ווען מען לאָזט אים לעבן, נישט געווען אַ נוצלעכער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט? און אַפילו דער צעפלויגענער ייד מנחם־מענדל, מיט זיין דערפינדערישקייט צו פאַרדינען אַ קערבל, מיט זיינע לופט־געשעפטן, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אַ וועלט אומזיסט־געפּטרטע ענערגיע?...

פאַרן לערער ישראל האָבן זיי פון דעסטוועגן אַ ביסל דרך־ארץ געהאַט און מורא געהאַט, כאָטש ס׳איז זיך באמת נישט געווען פאַר וועמען צו שרעקן — אַ קליינער מענטש מיט מילדע, בלויע אויגן, ווי ביי אַ קינד. ער גייט און דער קראַוואַט איז אים ערגעץ פאַרפאָרן אין אַ זייט, דער וויכער הוט אַ ביסל פאַרדרייט, אַ פּאָר ביכלעך אין די קעשענעס. נאָר די קינדער, די בלייכע יידישע קינדער פון די אָרעמע הייף און פון טייך־געסל, האָבן אים ליב באַקומען. ס׳איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, ווען ער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון קלאַס. אין זיינע קינדעריש־בלויע אויגן האָט געפלאַמט עפּעס אַ פרעמד פייער. דאָס האָבן אים די אונטערגע־וואַקסענע קינדער פון די עלטערע קלאַסן דעם ערשטן מאָל אָנגערופן — לערער ישראל. זיינע לעקציעס פון ליטעראַטור און געשיכטע זענען

אַדורך ווי אין אַן אַנגענעמען שמועס. אַלץ האָט זיך ביי אים עפּעס אַזוי אוּמגעריכט אָנגעבונדן צו דער גרויער ווירקלעכקייט, סיי „טוביה דער מילכיקער", סיי „מנחם־מענדל", וואָס זענען דורכגעאַרבעט געוואָרן אין די עלטערע קלאַסן; אָבער דער עיקר — די געשיכטע־לעקציעס. ס׳האָט זיך עפּעס באַקומען אַזוי, אַז פון דעם אַלעם האָט ער לסוף געוואָלט וויסן — ווּהין, אייגנטלעך, גייען מיר.

מ׳האָט ממש געפילט, אַז ס׳טוט אים ווי, דעם קליינעם מענטש. די שול, די אָרעמע, ליכטיקע שול אין בערלינערס הייזער האָט זיי צוריק־געגעבן אַ היים, די פאַרהונגערטע קינדער. מען האָט זיי אַרויסגענומען פון די קברים־היימען, פון די טוכלע קעלערן, פון די בוידעם־שטיבלעך, פון די איבערגעפּאַקטע בתי־מדרשים. פון וואַנען האָט זיך דערנומען אַזאַ אומגעריכטער שטראָם פון אָרעמע יידישע אינטעליגענטן, פּרייוויליק, מיט גרויסער ליבע, צו גיין העלפן דאָס יידישע קינד, אויסהיילן עס פון די מכות און ווונדן, אָפּוואַשן עס פון שמוץ, אָנטאָן עס, לערנען עס, צוריק דערנענטערן עס צו דער ליכטיקער נאַטור. זיי זענען אַליין אויך געקומען פון דער אָרעמער יידישער געדיכטעניש; זיי זענען געגאַנגען אויף באַריקאַדן, זיי האָבן זייער לעבן אָפּגעפּינצטערט אין די תפיסות. זיי זענען דאָ געווען איינקוואַרטירט אין אָרעמע יידישע שטובן, האָבן האַלב־צוגעהונגערט. די געמיינזאַמע היים איז געווען די שול. די אויסגעווייסטע שול־צימערן זענען באַהאַנגען געווען מיט גרינס, די ליכטיקע פּנימער פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט; מונטער, פריש, ווי אויסגעוואַשן אין טוי, האָבן געהילכט די קולעכלעך און דאָס שיינע ליד וועגן אַ שוועלבעלע.

פּרץ מיראַנסקי

צו יידן פּשוטע

ס׳איז אפשר גוט אַזוי, וואָס כ׳בין אַליין,
אַן אָפּגעזונדערטער,
אַ שטאָלץ-פֿאַרשוויגענער און פֿון המון
אַ ניט באַוווּנדערטער.

ס׳איז גרינגער שפּרייזן אומבאַמערקט
אויף וועגן אָפּענע
און שענקען מיין געזאַנג די מערק
און אויגן שאָפּענע.

ס׳איז מיר דערווידער זיין אין רינג
פֿון זעלבסט-צופֿרידענע.
פֿון יידן בייכיקע און די אין מינק
פֿאַרפּוצטע יידענעס.

אַ מורד נעסטיקט אין מיין בלוט,
דאָס ווילד צעפֿלאָשעטע,
און היימיש איז מיר נאָר און גוט
מיט מענטשן פּשוטע.

1963

עס דאַוונט דער זומער

כ׳האָב היינט אין פֿרימאָרגן, אַ שטומער,
געזען שטיין און דאַוונען דעם זומער.

גערשטאַנען זיך איז ער בשתיקה
אין טלית, אַ ווייסע פעלד גריקע,
און האָט מיט אַ סטעזשקע, אַ גראָזיקס
געקראַצט זיך דאָס בערדל בעריאָזעס.

געהאָנגען אין ווייט, ווי אַ בער, איז
אַ באַרג — דער של ראש אויף זיין שטערן.

געוויקלט האָט זיך איבער תבואה
און וועגן אַ טייך, זיין רצועה,
און ס'האָט זיך געבלעטלט אין נידער
אַן אָזיערע זילבער, זיין סידור.

ביים עמוד האָט זיך אין עקסטאַזן
געציקלט אַ פויגל, זיין חזן.

עס האָבן אויף לאָנקעס אויף גרינע
געאָמנט פאַרשמייעטע בינען
און ס'האָט אויפן וואַלד, אויף זיין סטענדער,
געוויגט זיך דער זומער, דער בלענדער.

דער הימל אין הויך האָט אַ בלויער
פאַרבויגן אַ וואָלקן, זיין אויער,
און האָט זיך צו ביימער און גראָזן
אַ נאָנטער אַרונטערגעלאָזן
אין ענד פון די פעלדער, אַ קרומער,
צו האָרכן, ווי ס'דאַוונט דער זומער...

1959

וואָלקנדלעך

וואָלקנדלעך, ווי ווייסע לעמער,
פּאַשען זיך אין בלויען סטעפּ.
די לבנה גיסט אָן עמער
מילך אויף בערג אויס, ווי אויף טרעפּ.

דער וועג

ס׳איז דאָס פעלד איצט אַ באַלעמער,
און די ביימער, בערד און צעפּ,
וויגן זיך אין שטילן זמר
מיט טליתים אויף די קעפּ.

כ׳האָב געלאָזן אַלע ווערטער
פון דיין גראָבן סידור, גאָט!
אין מיין מאַמעהיים צעשטערטער,
אין מיין ברענענדיקער שטאָט.

איצטער שטיי איך אַ פאַרטרערטער,
ווי אַ סלופּ אין שטעכלדראָט.
כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ווערטער
פון דיין גראָבן סידור, גאָט.

1952

פעסיע הערשפעלד־פּאָמעראַנץ

אייביקע ווערטן

א מתנה מ. מענאַכאָווסקי

אויף אונדזער באַרג־אַרויף פון לעבן
האָבן שדים דורכגעווירבלט,
אויפגעריסן אַלע ריגלען,
מיט אַש פאַרשטויבט אונדזערע שפּיגלען,

דורכגעשטורעמט, דורכגעווירבלט,
און געלאָזן אונדז פאַראָבלט.

נאָר אונדזער אלף־בית, דער אַלטער,
דער געשטאַלטיקער פון דורות,
פון פרעמדע שטראָמען דער פאַרהאַלטער —
לויפט פאָרויס אונדז אַ געזאַלבטער.

אויף אונדזער באַרג־אַרויף פון לעבן,
אין אונדזער קלעטער, דעם געשטערטן,
קלאַמערן מיר זיך מיט בטחון
אין אייביקע ירושה־ווערטן.

חלום־צויטן

.1

כ׳האָב געזען אין חלום,
ווי אַ מעסער בלענדט —
און אַ טויב זיך צאַפּלט
אינעם קיילערס הענט.

איינגעדרייט די פליגל
מיט אַ שטעכל־דראָט,
און דער קיילער, שיכור,
העפּעט אין אַ ראָד.

שיכור מיר רציחה
און מיט ווילד געשפּאָט,
פּאָכעט מיטן מעסער
און ער לעסטערט גאָט.

צו די הימלען הייבט ער
די געפּלאָגטע טויב —
נאָך אַ מאָל א טופּע,
נאָך אַ מאָל אַ הויב.

און ער שאַרפט דאָס מעסער
אויף אַ שאַרבן־ביין —
און די טויב נעמט וואָרקען
מיט אַ דין געוויין.

וויינט די טויב און כליפּעט,
און דער קאַט טאַנצט־אום, —
פּלוצעם ווערט דאָס וואָרקען
איינגעשטילט און שטום.

און די טויב — אַן אָדלער,
גיכער פון געשווינד,
פּיקט דעם קאַט די אויגן —
און פאַרפּליט, פאַרשווינדט.

און דער קאַט דערעקט זיך
ריטשענדיק און בלינד,
און זיין דגל געהעשע
טראָגט אַוועק דער ווינט...

.2

די וועלט איז טיף פארזונקען
אין אַ פינצטערער אָסיען-נאַכט.
פון אַ ווייטער באַן דאָס סאָפּען
האָט דערווינט צו מיין אויער געבראַכט.

ווער איז זי, די באַן? וועמען פירט זי?
וואָס ריטשעט זי אַזאַ סך?
איך קוק אַריין דורך פענצטער.
איך ליג אויף איר פינצטערן דאַך.

די וואַגאָנען — אָנגעפּראָפּטע — — —
איך שלעפּ אַרוים דורך אַ שפּאַלט
אַ כיתה יידישע קינדער —
די באַן שניידט-דורך אַ וואַלד.

אוי, לאָמיר זיך ערגעץ באַהאַלטן.
דער וואַלד איז געדיכט און גרוים.
נאָר די קינדערשע ליפּעלעך, ווי מיר,
רעדן קיין וואָרט נישט אַרוים — — —

.3

ס'האָט זיך מיר געחלומט: שיפן...
שיפן פיר איך איבער ימען,
פון אַ לאַנד אין פייער-פלאַמען.
שיפן פול מיט שוועסטער-קינדער,
אָבער אויפן אָרט פון רינדער —
קאַסטנס פול מיט אַלטע ספרים,
אויפגעשטאַנענע פון קברים...

איך וועל מיינע קרובים אַלע
אויסבאַזעצן אין אַ פּאַלאַץ,
וואָס ער שטייט פון לאַנג שוין ערגעץ
אין אַ טאָל מיט הויכע בערגער,

אין אַ מקום־מקלט סאַמע —
דאָרט וועל איך זיי זיין אַ מאַמע.

און די גוטע ספרים נעם איך
אויף די הענט ווי שטילע לעמער —
און איך וועל מיך מיט זיי גרייסן,
אַט, ווי גאָט און לייטן הייסן.

ש. שמחוביץ׳

המרטירולוגיה היהדות בשנת תתנ״ו

הרצח ההמוני וקידוש השם ברבים בצרפת ובערי הריינוס בשנת תתנו היו תופעות שהשפעתן היתה רבה על עתידם של היהודים באירופה. מאורעות אלה פתחו פרשה רבת־דמים שנמשכה ונשנתה במאות הבאות ברוב ארצות אירופה. מכאן החשיבות לעמוד על טבעם של מאורעות אלה ועל השפעתם על החברה היהודית בזמנם ובדורות הבאים.

לצערנו אין בידינו חומר היסטורי רב, חוץ מהכרוניקות היהודיות שעליהן נעמוד להלן, על מה שקרה ליהודים באביב 1096. אחד ההיסטוריונים של תקופת מסעי הצלב, ויליאם מטריר, מקדיש בספרו המקיף[1]) רק כמה שורות על מה שעוללו הצלבנים ליהודים. היהודים, כמובן, לא יכלו לעבור בשתיקה על הזעזוע הגדול שעבר עליהם בימים ההם. ואף־על־פי שהחוש ההיסטורי לא היה מפותח אצל היהודים בימי הבינים, נשארו לנו מהתקופה ההיא שלוש כרוניקות וגם מספר של קינות וסליחות שהד הצרות בוקע ועולה מהן.

המגילה הראשונה והרחבה משאר הכרוניקות היא „גזרות שנת ד׳ תתנו לרבי שלמה ב״ר שמעון ממגנצא.[2]) הכרוניסטן השני הוא רבי אליעזר

---

[1]) Gulielmus, Archbishop of Tyre, **Godefrey of Bologne** or the Siege and Conquest of Jerusalem, London, 1893, p. 62.

[2]) ספר גזרות אשכנז וצרפת, ערוך ע״י א. מ. הברמן, עם מבוא מאת יצחק בער, תרשיש, ירושלים, 1945. בהערותיו (עמ׳ רמז) מבאר הברמן ששם אביו של רבי שלמה היה שמשון ולא שמעון. הדבר הזה מבורר במחקרה של שרה שיפמאן שהודיעה בשם הפרופ׳ אלבוגן כי בגוף כתב־היד כתוב שלמה ב״ר שמשון. לדעתו של הברמן יש לזהות את מחבר הכרוניקה עם שלמה ב״ר שמשון הנקרא רבינו „ששון״. פרופ׳ בארון מתנגד לדעה זו כלדבר „שלא נתמך על ידי ראיות״. Baron, Salo Wittmayer, **A Social and Religious History of the Jews,** vol. IV, p. 287, note 9.

ב"ר נתן (ראב"ן), מחבר הספר ההלכי „אבן העזר". הרשימה השלישית, „מעשה הגזרות הישנות" היא אנונימית. אף־על־פי שקשה לבדוק את התאורים שבכרוניקות, מקבלים ההיסטוריונים את הכרוניקות האלה כמקורות מהימנים של התקופה. שמעון ברנפלד (ספר הדמעות, עמ' קמט) כותב על ר' שלמה ב"ר שמשון: „הוא רשם את כל הפרטים בנאמנות מרובה בלי הפלגה והפרזה". פרופ' בארון מעיד עליו: „הדין־וחשבון שלו עמד בבחינה של החקירה המאוחרת". [3])

מרשימות אלה מסתבר שבראשונה לא הציקו התנועות המאורגנות של הצלבנים ליהודים. אמנם אנו שומעים על ה„דוכס גוטבריהט" שנשבע „שלא יצא לדרכו אם לא ינקום דם התלוי בדמם של ישראל, ולא ישאיר שריד ופליט ממי ששם יהודי עליו". [4]) אבל הצרה לא באה מגודפריד או מהמנהיגים האחרים מבין האצילים, אלא מהתנועה ההמונית שקמה בשנת 1096 בצרפת ובגרמניה. ראש התנועה הזאת היה פטר איש אַמיין שהשפיע על האפיפיור לארגן את מסע הצלב והיה גם ראש המדברים בועידה בקלרמונט. ב־טו לניסן אנו שומעים ששליחיו הגיעו ליהודי טריברש והביאו כתב מאת היהודים מצרפת לתת לו בכל המקומות עזרה וצידה לדרך. מזה למדים שמחנותיו של פטר היו בכל זאת מאורגנים ונכנעים לו. ההפך מזה היה עם הגיסות של אימכו „הפחה מלונהיים" שרצח והחריב את רוב הקהילות בערי הריינוס.

רבי שלמה ב"ר שמשון מוסר לנו שאימכו עם האספסוף שלו הגיע ב־יח סיון אל שערי מגנצא. היהודים ניסו לשלוח לו, כמו שעשו לפטר, דמי שוחד וגם כתב שיכבדו אותו היהודים בשאר הקהילות. אבל הפעם לא הועיל הדבר. גיסות אימכו נהפכו לתנועה המונית שהקנאות הדתית התאחדו בה עם שאיפה להרג ולביזה שלא ידעה שום מעצור. כך מתאר ר' שלמה ב"ר שמשון את מחנות ה„תועים" שפרצו לקהילת וורמיישא, ביום כג אייר: „ויקומו זאבי ערבות על אותם שהיו בבתיהם וישדדום, אנשים ונשים וטף נער וזקן, ויפילו המדרגות, ויהרסו הבתים וישללו שלל

---

[3]) שם, עמ' 97.

[4]) הברמן, עמ' 13.

ויבוזו בז ויקחו את התורה וירמסוה בטיט ויקרעוה וישרפוה ויאכלו את בני ישראל בכל פה״. הדבר שהגביר את אסונם של היהודים היה הצטרפותם של העירונים ושיתופם עם הצלבנים. העירונים פותחים את שער עיר מגנצא לפני מחנות אימכו ומשתתפים בביזה ובהרג. משטר המלוכה בגרמניה היה חלש באותה שעה, המלך הנריך IV היה באיטליה והממשל המקומי היה בידי ההגמונים והבישופים ואלה, חוץ מבישוף יוהן בשפיירא, לא עמדו בפרץ. היהודים הופקרו למחנות הפורעים והועמדו בפני בחירה בין שמד או מוות מידי הרוצחים.

במצב זה נולדה המרטירולוגיה היהודית של קידוש השם בצרפת ובאשכנז. היהודים לא הבינו בראשונה את גודל הסכנה המתקרבת ובאה מצרפת ולא התכוננו לה.[5] בכל זאת תגובתם הראשונה לא היתה פסיבית; במקומות רבים ניסו לעמוד על חייהם ולהגן על עצמם. כאשר פתחו העירונים את שערי העיר מגנצא לפני חילות אימכו נלחמו היהודים על חייהם. „ואז לבשו שריונים וחגרו כלי מלחמתם מגדולים ועד קטנים, ור׳ קלונימוס ב״ר משולם הפרנס בראש. ומרוב צערות ותעניות שעשו לא היה בהם כוח לעמוד כנגד האויבים״...[6]

גם בוורמייזא, מוסרת לנו המגילה האנונימית, היתה (ביום כג באייר) מלחמה בין היהודים, שהתבצרו בחצר ההגמון, ובין הצלבנים והעירונים. „ויצורו עליהם וילחמו עמם, ותהי שם מלחמה גדולה עד מאוד, אלו כנגד אלה עד אשר תפשו החדרים אשר היו שם בני ברית קודש״.[7]

אנו שומעים סיפור מענין על עיר שלא.[8] כאשר הגיעו הצלבנים לשם והציעו ליהודים להתנצר, בקשו היהודים שלושה ימים כדי לחשוב על הדבר. בינתים שלחו היהודים שליח לשר הפלך „ושלח להם השר דוכוס אחד ועמו אלף פרשים אחוזי חרב, וגם מבני יהודה הגרים בעיר

---

[5]) על מכתב האזהרה של הקהילות בצרפת ענו היהודים שעל הריין: „עליכם אנו יראים יראה גדולה, אבל אנו אין לנו כל כך לירא, אפילו כשמועת האוזן לא שמענו״. שם, עמ׳ צג.

[6]) שם, עמ׳ ל, ובכרוניקה האנונימית, עמ׳ צט—ק.

[7]) הברמן, עמ׳ צו.

[8]) זהות העיר שנויה במחלוקת. פרופ׳ בארון נוטה לדעה שזוהי העיר Visherad אצל פראג. בארון, עמ׳ 291, הערה 17.

שלא חמש מאות איש בחור שלופי חרב, אנשי מלחמה, אשר לא יסובו פניהם אחור מפני האויב, ויבוא אל העיר בטח ויכו בהם מכה גדולה, מן התועים ובני עירם ומן היהודים לא נהרגו כי אם ששה״.[9] פרופ׳ בארון חושב את המספר של חמש מאות אנשי מלחמה מן היהודים למוגזם וקשה לחלוק על דעתו אם נקח בחשבון את המספר הקטן של הנפשות בקהילות ההן. בכל זאת אין לנו לדחות גם סיפור זה כבלתי־אפשרי שכן ידוע כי בקהילות אחרות היו תגרות בין היהודים והצלבנים. אנו לומדים מכמה מקומות שליהודים היו חרבות והם ידעו להשתמש בנשק. בסיפור על „חסידי זנטש״ מסופר שראש החבורה הציע לברך על קידוש השם ולאבד את עצמם במו ידיהם. „והאחרון הנשאר ישחוט עצמו בגרונו בסכין שלו או ידקור בבטנו בחרבו שלא יטמאו אותם הטמאים וידי הרשעים בפגוליהם״.[10] חוץ מנסיונות אלה של הגנה כללית היו עוד מקרים של נקמת יחידים כגון ר׳ שניאור ממגנצא שהרג גוי אחד[11] ושמחה הכוהן שביצע את נקמתו בכנסיה כשרצו לטבול אותו במים הקדושים.[12]

כמובן שלכל המקרים הללו של הגנה מאורגנת, או מעשה נקם של יחידים, לא היה ערך במהלך המאורעות. היהודים, כפי שציינתי, לא חשבו על הסכנה והיו רגילים לסמוך על הגנת המלך או ההגמונים. מצד שני, הכוח של מחנות הצלבנים היה גדול והם נלחמו עם מלכים והגמונים, כמו שהיה הדבר בהונגריה.

מה שנשאר ליהודים, בסוף הדבר, היתה הבחירה בין מוות על קידוש השם ובין התנצרות. הכרוניסטים היהודים השתדלו, כמובן, להעלות על נס את מעשי הקדושים, ולא את מעשיהם של אלה שנכנעו ללחץ. בכל זאת תופסים האנוסים מקום חשוב בכל הסיפורים ואנו שומעים עליהם רבות. ודוקא מן הסיפורים האלה אנו למדים על רגש סולידריות לאומית ביהדות אשכנז באותו הזמן. ראשית, אין אנו שומעים, באותה תקופה, על „משומדים להכעיס״. להפך, מכל העדויות יוצא שהאנוסים שיתפו

---

[9] הברמן, עמ׳ נז.
[10] שם, עמ׳ מח.
[11] שם, עמ׳ מב.
[12] שם, עמ׳ עב.

פעולה עם אחיהם שנשארו בדתם. הכרוניקה האנונימית מוסרת לנו על אנוסי וורמייזא: „ויש מהם שאמרו: נעשה ונלך ונקבור את אחינו ונציל את בנינו מידם, כי תפסו הילדים אשר נשארו מתי מעט".[13]

היהודים שנשארו בחדרי ההגמון „שגרו בגדים להלביש את ההרוגים על ידי אותם שהוצלו כי גומלי חסד היו". באותה השעה שלחו היהודים הנאסרים דברי ניחומים לאחיהם האנוסים. „אל תראו ואל תשימו לב את אשר עשיתם, שאם יצילנו הקב"ה מכל אויבינו אז נהיה עמכם למוות ולחיים, אך לא תסורו מאת ד'".[14] האנוסים, לפי הרשימות, שומרים על יהדותם, אוכלים כשר, אינם שותים יין נסך, „וגם הגויים בעצמם ידעו שלא נשתמדו בלב שלם, כי אם בשביל פחד התועים... ולעיני הגויים היו משמרים שבתם כהלכתו ושמרו תורת ד' בצנעא והמדבר עליהם רעה כאילו מדבר על השכינה".[15] הנימה הזאת של הגנה וחיבה כלפי האנוסים נובעת, לפי דעתי, מהסולידריות הלאומית שגילו כלפי אחיהם בימי הפורענות.

אין לנו מספרים מדויקים של אלה שקבלו עליהם דת הנצרות באותו הזמן לעומת מספר הקדושים וההרוגים שגם מספרם שנוי במחלוקת.[16] בכל זאת נראה שרוב היהודים בקהילות הריין העדיפו, בשנת תתנו, לאבד עצמם על קידוש דתם ואלוהיהם. אותה שעה דחו היהודים את צו ה„לא תרצח" שמימי מתן תורה, את הציוויים „ובחרת בחיים" „וחי בהם" וכו', את הגישה השלילית למאבד את עצמו לדעת שאנו מוצאים אצל חכמי התלמוד — והעלו את קידוש השם לאידיאה דתית־לאומית נשגבה שעליה הקפידו עד קשיחות הלב ועד אכזריות. כל המגילות מלאות תאורים של קידוש השם הגדול והנורא הזה ואפילו נאמר שהגזימו הכותבים בתאורי

---

13) הברמן, עמ' צה.

14) שם, עמ' צו.

15) שם, עמ' נז.

16) ר' שלמה ב"ר שמשון מוסר את מספר ההרוגים במגנצא כאלף ומאה (חוץ מר' קלונימוס ונ"ג נפשות שהתחבאו בבית האוצר של ההגמון וקידשו את חייהם אחר כך). ר' אליעזר ב"ר נתן כותב שהיו 1300 הרוגים במגנצא. פרופ' בארון חושב שהמספרים האלה מוגזמים, כי כל האוכלוסיה של הקהילות לא הגיעה למספרים אלה. Baron, p. 292, note 19.

הפרטים, עובדה היא שזוהי הדרך שבה מתו אלפי יהודים בשנת תתנו. והרי תאור של קידוש השם בקהל מגנצא: „ואיש בבנו ובאחיו ואח באחותו ואשה בבנה ובבתה ושכן בשכנו וריעו וחתן בכלתו וארוס בארוסתו, זה עוקד ונעקד וזה עוקד ונעקד, עד שנגעו דמים בדמים ונתערבבו דמי אנשים בנשותיהם ודמי אבות בבניהם ודמי אחים באחיותיהם ודמי רבנים בתלמי־דיהם ודמי חתנים בכלותיהם ודמי חזנים בסופריהם ודמי עוללים ויונקים באמותיהם, ונהרגו ונטבחו על יחוד שם הנכבד והנורא".[17]

ובתוך הסיפורים הכלליים האלה משולבים מחזות של גבורה ויאוש, התרוממות ואכזריות של יחידים, שמעשיהם משתלבים לאפוס רב־דמים גדול שאין לו אח ודוגמה בתולדות העמים. בקהילת אילנה, בסביבת קולוניא אנו שומעים על נערה יהודית „יפת תואר ויפת מראה ונעימה מאוד בעיני רואיה" שרצתה לברוח ולהנצל. ראה חמיה, מר יהודה ב"ר אברהם, ואמר לה: „בתי, מאחר שלא היית זוכה להינשא לבני אברהם, לא תינשאי לאחר, לנכרי, והוא הרג אותה ואת בנו ביחד".[18]

יהודי אשכנז החיו את המסורת העתיקה של קידוש השם, העלו והדגישו את כל המקרים הנזכרים במקרא, בספרים החיצונים ובתלמוד כדוגמה ונס לחייהם ולמותם. מקום מרכזי תופסת פה עקדת יצחק,[19] דוגמת חנניה מישאל ועזריה, מותו של שאול, מות חנה ושבעת בניה, רבי עקיבא והרוגי מלכות רומי. בכל המגילות ניכרת נימה ברורה של יצירת פולחן של קידוש השם. היהודים בודקים את הסכינים שלא תהיה בהם „פגימה שתפסול את השחיטה", מברכים על הקרבן ועונים אמן, משווים את קרבנם הם לקרבנות ד' בבית המקדש.[20]

מכל הדפים של הרשימות עולה רגש עז של בוז ושנאה כלפי המרצחים ורגש של גאון לאומי ואנושי כלפי היהודים. אנו שומעים זאת מהדברים

---

[17]) הברמן, עמ' לב.

[18]) הברמן, עמ' מז.

[19]) ר' שלמה ב"ר שמשון כותב: „ויעמוד לנו דם חסידיו לזכות ולכפרה לדורותינו אהרינו ולבני בנינו עד עולם כעקדת יצחק אבינו כשעקדו אברהם אבינו על גבי המזבח. שם, עמ' מג.

[20]) על „חסידי זנטש" מסופר: „ובערב שבת בין השמשות הקריבו עצמם קרבן לפני ד' במקום תמיד של בין הערבים ונעשו בעצמם כתמיד של השחר". שם, עמ' מט.

שהיהודים משמיעים ברגעיהם האחרונים אל הגויים, שהם דברים מלאי בוז ולעג כלפיהם וכלפי דתם. כדאי לציין במיוחד את עמדת הנשים היהודיות שאנו מוצאים אותן בכל מקום בין המחרפים ומגדפים את האויבים. במגנצא אנו שומעים על נשים צדקניות שהיו „משליכות את האבנים דרך החלונות על האויבים והאויבים מסקלים כנגדן באבנים... עד שנעשה כל בשרן ופניהן חתיכות, חתיכות והיו מחרפות ומגדפות את התועים בשם התלוי המחולל והמשוקץ בן זנונים: על מי אתם בוטחים, על פגר מובאש״.[21]

הצלבנים ראו בהרבה מקומות בנשים היהודיות את מקור קשיות ערפם של היהודים שהן מסיתות את בעליהן „להחזיק ידם למרוד בתלוי״ והם באים ומוליכים אותן לטבילה לראשונה.[22] את שיא ההתרוממות הטרגית הזאת אנו מוצאים בסיפור האירוני איך „הנשים הטהורות בנות מלכים היו זורקות את המעות והכסף בעד החלונות אל האויבים, כדי שיהיו טרודים ללקט הממון ולעכבם מעט עד שיגמרו שחיטת בניהם ובנותיהם״.[23]

השאלה המתעוררת מאליה כשדנים בתקופה הזאת היא: מנין באה ליהודים הגבורה העל־אנושית הזאת? היכן היסוד של האמונה התקיפה הזאת שאפשרה ליהודים לעשות כל מה שעשו? פרופ׳ בארון מנסה למצוא את שרשיה הדתיים של התופעה הזאת בהשפעת הזעזועים המשיחיים שעברו על הנוצרים בעקבות מסעי הצלב, שהניחו את רשמם גם על החברה היהודית.

הציפיה המשיחית נזכרת בראשית המגילות של רבי שלמה ב״ר שמשון ורבי אליעזר ב״ר נתן שמוסרים על שנת תתנו שזאת היתה השנה האחת עשרה במחזור רנו וציפו באותה שנה לישועות כנבואת ירמיהו הנביא „רנו ליעקב שמחה וצהלו בראש הגויים״.[24] גם מתוך מעשי ההקרבה העצמית עולה התקוה המשיחית שזכות הקדוש „יעמוד לנו למליץ יושר פני עליון, לגאלנו מהרה מגלות אדום הרשעה במהרה בימינו״.[25]

[21] שם, עמ׳ לג.
[22] שם, עמ׳ נה.
[23] שם, עמ׳ לג.
[24] שם, עמ׳ כ, עב.
[25] שם, עמ׳ נ.

פרופ׳ בארון מראה שגם מצד הנוצרים היה במסע הצלב יסוד מרטי־רולוגי של מלחמה קדושה נגד הכופרים בני השטן. מסעי הצלב, כותב הוא, דרשו הכנה מלאה למרטירולוגיה והבטיחו למשתתפים בו דרך חדשה להצלת הנשמה.[26] ההתלהבות הדתית הגדולה בין הנוצרים העמיקה, לפיו, את המתיחות הדתית של היהודים ואת הכנתם לנסיונות הגדולים שבאו עליהם.

לפי דעתי, כל זה מסביר רק צד אחד של התופעה ולא את כולה. אנו מוכרחים לעמוד גם על צדדים אחרים, כגון הרגש הלאומי והאנושי שבדבר. שמעון ברנפלד, בהקדמתו לכרוניקות של תתנו עומד על ה„רגש התרבותי״ שבמעשי קידוש השם. הוא כותב: „לא רק הרגש הדתי שבהם סרב להמרה, אלא גם הרגש התרבותי, ואפשר שזה היה העיקר״.[27] קידוש השם היה, אם כן, תגובה תקיפה של ציבור אנשים המכיר שהוא חף מפשע ושהוא עולה על מעניו מבחינה מוסרית ותרבותית, ובכל זאת הוא עומד נגדם באין אונים ובאין הצלה. „אם אין אפשרות לאדם לחיות זולת חיי נוול — הרי טוב לו מזה המוות״, כותב שמעון ברנפלד.[28] התאבדות היהודים היתה, לפי דעתו מחאה גדולה ואנושית נגד הפורעים ועוזריהם, נגד המין האנושי וגורלו וגם נגד כביכול עצמו. על אף לבושן הדתי והתמים של הכרוניקות הללו בוקע ועולה מהן הד המחאה הזאת, הגובלת לפעמים בכפירה. המחאה צצה ובולטת מתוך ההתלבטות הקשה שבה מתלבטים היהודים כשרוצים להצדיק את הדין. לפעמים המחאה הזאת מכוונת לטבע, ליקום. כאשר רבי שלמה ב״ר שמשון מוסר על קידוש השם במגנצא הוא קורא אל השמים: „למה שמים לא קדרו וכוכבים לא אספו נגהם וצר אור למה לא חשכו בעריפיהם, אשר נהרגו ונשחטו ביום אחד, בג׳ סיון, ביום ג׳, אלף ומאה נפשות קדושות, כמה עוללים ויונקים שלא פשעו ושלא חטאו ונפשות אביונים נקיים״.[29] הרושם האנונימי פונה לשמש באותה הקריאה הפטיטית: „שמש וירח למה לא החשכתם את אורכם וכוכבים שנמשלו ישראל בהם, וי״ב מזלות כמספר

---

[26] בארון, שם, עמ׳ 95.

[27] ברנפלד, עמ׳ קמז. על רגש של עליונות במובן התרבותי אנו שומעים בברכת רבנו משה, ראש „חסידי זנטש״: „הרחמן הוא יצילנו מאנשי רשע ומשמד ומעבודה זרה ומטומאת העמים ומפגוליהם״. הברמן, עמ׳ מט.

[28] ברנפלד, עמ׳ קמז.

[29] הברמן, עמ׳ לב.

שבטי ישראל בני יעקב, איך לא התעלם אור שלכם מלהגיע לאויבים שחשבו למחות שם ישראל.[30]

ומהפניות אל הטבע עוברים הרושמים אל בורא הטבע ויוצר הכל. רבי שלמה ב"ר שמשון כותב: „ראה ד' והביטה למי עוללת כה, הלא ישראל, עם בזוי ושסוי, חבל גורלך. למה הרימות מגן צריו ולמה גברו חיל".[31] הטענה גוברת, הקדושים כאילו תובעים את אלוהים לדין: „ד' אלוה, כלה אתה עושה את שארית ישראל? ואיה כל נפלאותיך הנוראות אשר ספרו לנו אבותינו לאמר, הלא ממצרים ומבבל העליתנו וכמה פעמים הצלתנו ואיך אתה עזבתנו ונטשתנו ד' לתת אותנו ביד אדום הרשעה להשמידנו".[32] אלוהים הוא הוא שהפר את בריתו עם עמו בשעה שהם שמרו עליו ונשארו נאמנים לו למרות הכול. בלית ברירה הם מצדיקים את הדין ואומרים "צדיק אתה ד' וישר משפטיך".[33] ומהרגש הזה של עליונות ונקיון מפשע בא ההסבר המרטירולוגי שבהם, בדור המעולה והשלם, בחר אלוהים לקדש את שמו בעולם. „זהו הדור — כותב רבי שלמה ב"ר שמשון — הוא לפניו להיות לו למנה כי היה בהם כוח וגבורה לעמוד בהיכלו ולעשות דברו ולקדש שמו הגדול בעולמו, ועליהם אומר דוד ,ברכו ד' מלאכיו גבורי כוח עשי דברו' וגו'".[34]

זוהי האידיאה המרטירולוגית של יהודי אשכנז שנוצרה בשנת תתנו. אלוהים בחר לקרבן אותו הדור הטוב והשלם כדי „לזכות בהם את הדורות הבאים אחריהם"[35]. הדורות הבאים יראו וילמדו מהם איך צריכים לחיות ולמות בעד יהדותם. המאורעות של תתנו פתחו תקופה חדשה של גזרות

---

[30]) שם, עמ' ק, גם רבי אליעזר ב"ר נתן מוחה נגד השמים „ושמים לא קדרו וכוכבים לא אספו נגהם". שם עמ' עה.

[31]) שם, עמ' כח.

[32]) שם, עמ' כו. גם במגילה האנונימית קורא ר' חכים אל אלהים: „איה קנאתך וגבורותיך העצומות, איה נפלאותיך ואותותיך הקדומות"? עמ' צ.

[33]) שם, עמ' כט.

[34]) שם, עמ' כה. אמנם ישנו גם בכרוניקות הנימוק של „בעוונותינו הרבים", שהיהודים חטאו והפורענות באה עליהם בתור עונש על מעשיהם. אבל הנימוק הזה אינו מודגש על ידי הרושמים בשעה שצדקתם וגדולתם הועלו בכל מעשיהם.

[35]) הברמן, עמ' נב.

ושמד, הרג ועלילות, גרושים וקידוש השם באירופה. ובכל אותם הזמנים הקשים עמדה להם לעיני היהודים הדמות הזקופה והנעלה של קדושי תתנו ותורת קידוש השם שהם יצרו והגשימו.

ביבליוגרפיה

1. ספר גזרות אשכנז וצרפת, ערוך ע"י א.מ. הברמן, עם מבוא מאת יצחק בער, תרשיש, ירושלים, 1945.

2. ספר הדמעות, שמעון ברנפלד, כרך ראשון, הוצאת „אשכול", ברלין, תרפ"ד.

3. Gulielmus, Archbishop of Tyre, Godefrey of Bologne or the Siege and Conquest of Jerusalem, London, 1893.

4. Baron, Salo Wittmayer, a Social and Religious History of the Jews, vol. 4, Philadelphia 1951.

5. The Jewish Encyclopedia, vol. 4, Crusades.

משה מענאַכאָווסקי

געמישטע חתונות ביי יידן

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערן עסיי)

דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות גייט נישט אַראָפּ פון סדר־היום פון אונדזער יידישן לעבן. ווי אַ פאָלק, וואָס האָט שטענדיק געלעבט צווישן אַנדערע פעלקער, זענען מיר אויסגעשטעלט אויף געמישטע חתונות. באַזונדערס איז דאָס פּראָבלעם שאַרף אינעם לעצטן יאָרהונדערט.

פיל האַלטן, אַז געמישטע חתונות רויִנירן אונדזער לעבן. זיי גלייבן, אַז אין די תפוצות און אין גלות שטייען מיר פאַר דער געפאַר פון צעפאַלונג; אַנדערע זענען נישט אַזוי פּעסימיסטיש. אַלע האַלטן אָבער, אַז מען מוז זיך אַנטקעגנשטעלן דער כוואַליע פון געמישטע חתונות.

נישט נאָר ביי יידן איז דאָ דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. עס עקזיסטירט אויך ביי אַנדערע פעלקער. אויך זיי זענען קעגן, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך מתחתן זיין מיט מענטשן נישט פון זייער פאָלק.

יידן זענען אַפילו קעגן חתונות מיט יידן פון נישט דעם זעלביקן אָפּשטאַם — אַשכנזים מיט ספרדים. ערשט אין די פערציקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען די ערשטע חתונות פון ספרדים און אַשכנזים אין אַרגענטינע, וווּ עס איז דאָ אַ באַדייטנדע ספרדישע קהילה. אין אָנהייב האָט מען אויף דעם געקוקט קרום. אין קאַנאַדע, וווּ עס איז דאָ אַ גרויסע ספרדישע קהילה, קומען זעלטן פאָר „געמישטע" חתונות צווישן ספרדים און אַשכנזים. די באַזונדערע שפּראַכן און מנהגים זענען אַ שטער דערצו. מען איז ביי דער מיינונג, אַז ס׳וועט זיין שווער דאָס צוזאַמענלעבן צווישן יידן פון פאַרשידענע אָפּשטאַמען.

דער פּראָצעס פון געמישטע חתונות קומט פאָר אין פאַרשידענע באַדינגונגען: נישט־יידן זענען זיך מגייר, ווען די יידן געפינען זיך אויף

אַ העכערן סאָציאַלן שטאַפּל. מאַטעריעלע רייכקייט שפּילט אַ גרויסע ראָל. זענען יידן אין אַ נידעריקן סאָציאַלן מצב, איז דער פּראָצעס אַ פּאַרקערטער. ביי אַ גלייכן סאָציאַלן מצב איז עס אָפּהענגיק פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון דעם געגעבענעם פּאָרל און זייערע עלטערן.

ווען יידן האָבן געלעבט אין געטאָס, איזאָלירט און דעגראַדירט, זענען קיין געמישטע חתונות נישט פּאָרגעקומען; האָבן אָבער יידן געלעבט פריי, ווי אַלע בירגערס פון לאַנד, זענען געמישטע חתונות געווען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון די באַדינגונגען. וואָס מער ליבעראַל אַ לאַנד איז געווען און די יידן עמאַנציפּירט, אַלץ מער זענען פּאָרגעקומען געמישטע חתונות. אין אַ לאַנד, וווּ יידן זענען געווען באַגרענעצט אין זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט, זענען פּאָרגעקומען ווייניקער געמישטע חתונות; און ווען זיי זענען יאָ פּאָרגעקומען, האָבן זיך יידן געשמדט, כדי די חתונה זאָל צו שטאַנד קומען.

אַפילו צווישן ליטווישע יידן און גאַליציאַנער איז דאָ אַן אומווילן פון דערנענטערונג. „איך בין אַ געשטראָפטער, אַ גאַליציאַנער" — זאָגן אויף זיך גאַליציאַנער. ליטווישע יידן באַמיען זיך מתחתן צו זיין מיט ליטוואַקעס, וועלכע האַלטן זיך פאַר מער יידיש קולטורעל... נישט אומזיסט ווערט ווילנע אָנגערופן „ירושלים דליטא".

עס איז באַוווסט, אַז וואָס מער יידן זענען קאָנצענטרירט אין באַשטימטע געגנטן פון אַ שטאָט, אַלץ ווייניקער זענען די פאַלן פון געמישטע חתונות. קיין סגולה קעגן געמישטע חתונות איז דאָס אָבער לגמרי נישט. דער פּראָצעס שפּאַנט אַריבער אַלע באַריערן.

אַ פּאָר ציפערן וועלן דאָס אילוסטרירן:

אין סאַן־פראַנציסקאָ דערגרייכט די צאָל געמישטע חתונות 17,2%; אין וואַשינגטאָן 12,2%; אין ווירדזשיניע 34%; אין מאַרין קאָונט — 37%.

דער זעלבער פּראָצעס קומט פאָר ביי נישט־יידן; באַסארד און באָל דערציילן אונדז, אַז אין דעם פאַראייניקטן לוטעראַנישן קלויסטער האָבן חתונה געהאַט 20,5% רוימיש־קאַטוילישע; 23,7% פּראָטעסטאַנטן פון

אַנדערע דענאָמינאַציעס. דער פּאַטער טאָמאָס באַריכטעט אַז בערך אַ פערטל אָדער אַ דריטל קאַטאָליקן האָבן חתונה מיט נישט קיין קאַטאָליקן.

דער מאַריגאַנאַלער מענטש איז איצט זייער אַ פּאָפּולערע דערשיי־נונג, און ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך. איבערהויפּט איז די דערשיינונג כאַראַקטעריסטיש ביי קינדער פון אימיגראַנטישע עלטערן. זיי ליידן פון אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס און זיי ווילן זיך אַרויפדראַפּען אויף אַ העכערן סאָציאַלן שטאַפּל פונעם געזעלשאַפטלעכן לייטער.

מיר האָבן זיי אין אַ גרויסער צאָל אין דעם פּאָליטישן לעבן, ווי אין רעליגיעזן. אַ סך רעפּובליקאַנער, וואָס זענען אַנגעשטעלט אין דער דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, זענען מאַריגאַנאַל — עס ציט זיי צו די דעמאָקראַטן, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות קענען זיי צו זיי נישט אַריבערגיין. אַ סך פּראָטעסטאַנטן זענען נאָך קענעדיס דערוויילט ווערן אַלס פּרעזידענט געוואָרן מאַריגאַנאַלע מענטשן. דאָס זעלביקע קומט פאָר ביי יידן. פיל יידן זענען צוליב דער אָדער אַנדערער סיבה מאַריגאַנעל. אַפילו אינער־האַלב דעם יידנטום זענען דאָ פיל מאַריגאַנאַלע יידן. אַ סך אָרטאָדאָקסישע יידן ווערן קאָנסערוואַטיוו און צום סוף רעפאָרמערס, נישט מחמת איבער־צייגונג, נאָר ווייל עס איז אַ מאָדע־זאַך. עס איז קאָנווענציאָנעל. מענטשן פון איין סאָציאַלן קלאַס גייען אַריבער אין אַ העכערן שטאַנד — אַרבע־טערס גייען אַריבער אין בירגערטום־קלאַס. דאָס מאַריגאַנעלישקייט איז אויך אין פיל פאַלן אַ טריט צו געמישטע חתונות.

יידן מוזן זיך רעכענען מיט דער טענדענץ פון דער וואַקסנדיקער צאָל געמישטע חתונות. דאָס איז דער פּרייז פון לעבן אין אַ תפוצה, ווי עס איז צפון־ און דרום־אַמעריקע. וואָס זשע קאָן געטאָן ווערן, קלענער צו מאַכן די צאָל געמישטע חתונות, וואָס פרעסט דעם קערפּער פון יידישן פאָלק? אַ באַשטימט מיטל איז פירן אויפקלערונג־אַרבעט צווישן דער־וואַקסענע און אַ געהעריקע דערציונג פון וואַקסנדיקן יידישן דור; זאָרגן, אַז די געמישטע חתונות זאָלן ברענגען וואָס ווייניקער שאָדן, אַז זייערע היימען זאָלן זיין אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלער יידישקייט.

ס׳מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז געמישטע חתונות פירן סוף־כל־סוף דערצו, אַז ווען אפילו דער נישט־ייד גייט אַריבער צום יידנטום,

איז ביי זיינע קינדער דאָ אַ טענדענץ צו אַסימילאַציע מיט שטאַרקן כוח אין דער געזעלשאַפט. קלאָר, אַז פאַר יידן מיינט עס: ווערן אויס ייד!

דער יידישער געלערנטער. דזש. דרעקסלער דערציילט אין זיין באָוווסטן בוך וועגן געמישטע חתונות, אַז אין די יאָרן 1908—1912 איז די צאָל געמישטע חתונות ביי יידן געווען 13,59%. ווען מען צעגלידערט עס לויט די דורות, באַקומט זיך, אַז דער ערשטער אימיגראַנטן־דור האָט אַרויס־געגעבן 10,39% געמישטע חתונות, בעת דער צווייטער דור — 3,40%.

דער קאַמף קעגן געמישטע חתונות איז אַלט, ווי די ציוויליזירטע וועלט. אינעם יאָר 368 נק״ג האָט די רוימישע רעגירונג פאַרווערט אַלע געמישטע חתונות.

דער יידישער היסטאָריקער ד״ר יעקב ר. מאַרקוס דערציילט, אַז איינע פון די פיל סיבות, פאַר וואָס דער פויפסט אינאָסענט דער 3טער האָט אינעם יאָר 115 באַפוילן, אַז די יידן מוזן טראָגן ספּעציעלע קליידער איז, וואָס ער האָט געוואָלט דורך דעם אויסמיידן געמישטע חתונות, וואָס ברענגען שאָדן דעם קלויסטער.

דער רבי ראַלף בלומענטאַל האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן 2000 קריסטלעכע סטודענטן אין 21 אוניווערסיטעטן. ער האָט אויסגע־פונען, אַז 60% פון זיי זענען קעגן געמישטע חתונות. אַ סך פון זיי האָבן אָנגעגעבן די סיבה, אַז „די אונטערשיידן אין זייער קולטורעלער ירושה, צוזאַמענלעבן, ווי מנהגים און טראַדיציעס, וואָלטן געשטערט צו זייער גליק־לעכן צוזאַמענלעבן". די סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז די צאָל גטן ביי גע־מישטע פּאָרלעך איז פיל גרעסער, וואָס עס באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון געבראַכטן סטייטמענט.

דער מאַגאַזין „פאָרטשון", וואָס האָט אינעם יאָר 1942 דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן סטודענטן פון מיטלשולן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אויסגעפונען, אַז 51,6% פון די פּראָטעסטאַנטן און 58,8% קאַטאָליקן זענען קעגן חתונות מיט יידן.

דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות ביי יידן איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון 3 פאַרשיידענע פאַקטאָרן:

1) די געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרהעלטעניש צום אַרום;
2) די פּאָליטיש־רעכטלעכע לאַגע פון די יידן;
3) דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין.

וואָס גרעסער עס איז דער פּראָצענט פון יידן לגבי דעם אַרום, אַלץ קלענער זענען די שאַנסן פון געמישטע חתונות. די לעצטע זענען, פאַר־קערט, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל פון יידן אין אַ געגעבענעם אָרט. אין אַ שטאָט אָדער שטעטל, ווו יידן באַטרעפן, לאָמיר זאָגן, 80% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, זענען פאַראַן ווייניקער געלעגנהייטן פאַר מיידלעך צו טרעפן זיך מיט קריסטלעכע בחורים. פאַרקערט איז די לאַגע אין אַן אָרט, ווו יידן באַטרעפן 20% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אין אַ לאַנד, ווו יידן זענען פאַרפאָלגט, איז דער נאַציאָנאַלער באַ־וווסטזיין שטאַרקער. רעליגיע אָדער קולטורעלע פאַרפאָלגונגען צעמענ־טירן די אייניקייט ביי יידן (ווי ביי אַלע פעלקער). פון דער אַנדערער זייט, ווילן ניט די נישט־יידן זיך מתחתן זיין מיט עמעצן פון אַ פאַרפאָלגטער גרופּע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ רעזולטאַט פון אַ נעגאַטיווער סיבה.

עס זענען אויך דאָ פּאָזיטיווע סיבות, וואָס פאַרמינערן די צאָל פון געמישטע חתונות. וואָס מער אַ ייד איז צוגעבונדן צו זיין פאָלק, אַ דאַנק דער דערציונג און יידישער בילדונג וואָס ער באַקומט, וואָס גרע־סער זיין נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז, אַלץ קלענער זענען די שאַנסן פון געמישטע חתונות.

אַז ביים ערשטן דור אימיגראַנטן איז דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות צווישן זייערע קינדער קלענער ווי ביים צווייטן דור, באַווייזט פאָלגנדיקע טאַבעלע:

אין ניו־הייווען, לויט אַן אויספאָרשונג פון דער סאָציאָלאָגין רובי קענעדי, איז אין 1870 נישט געווען קיין איין געמישטע חתונה; אין 1930 זענען געווען 3% געמישטע חתונות און אין 1950 — 5.1%.

אין קאַנאַדע זענען אין די יאָרן 1926־30 פאַרגעקומען 3.7% געמישטע חתונות און אין די יאָרן 1956־60 — 10% (ל. ראָזענבערג).

ווען מען איז יונג און מען לעבט מער מיט געפילן ווי מיט לאָגיק,

איז זיכער פאַראַן שלום צווישן יונגע געליבטע. „אַ לעבן אָפּצולעבן איז אָבער נישט אַ פעלד איבערצוגיין" — זאָגט אַ רוסישער שפּריכוואָרט. צווישן אַ פּאָרפּאָלק קומען פאַר ריַיבונגען. די פּראַגע איז נאָר, ווי נישט צו פאַרשאַרפן די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, ווי אַריינוועבן זיך אין איין גאַנצקייט ביי דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דענקען.

דאָס געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע לעבן ברענגט מיט זיך ביי יעדן פּאָרפּאָלק מיספאַרשטייענישן. ווען אָבער די קליינינקע זאַכעלעך פירן צו גרויסע מיספאַרשטענדענישן, וועלכע וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט ביי אַ פּאָרפּאָלק פון אַ געמישטער הייראַט, וואָס שטאַמען פון היסטאָרישע, נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָדער רעליגיעזע באַזונדערקייטן, דאַן איז זייער שווער שלום צו מאַכן צווישן פּאָרפּאָלק.

מען קען דערציילן טויזנט און איין מעשה פון גטן ביי פּאָרפּעלקער פון געמישטע חתונות.

זאָל איין מעשה דינען אַלס מוסטער.

אַ בחור און אַ מיידל אין די 20ער; ער — אַ זון פון קאַטוילישע עלטערן, זי — אַ טאָכטער פון יידיש־נאַציאָנאַלע עלטערן, ער און זי, אַגנאָסטיקער, האָבן זיך פאַרליבט. נישט קוקנדיק אויפן פּראָטעסט פון זייערע עלטערן, האָבן זיי באַשלאָסן חתונה צו האָבן. די ערשטע האָניק־יאָרן זענען אַריבער מיט קליינטשיקע מיספאַרשטענדענישן.

דאָס יונגע פּאָרפּאָלק באַשליסט צו בויען אַ פאַמיליע־לעבן און האָט דאָס ערשטע קינד. איידער אָבער די זאָמען פונעם ערשטן קינד זענען פאַרזייט געוואָרן האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן דער דערציונג פונעם קינד. די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט זי עס שיקן אין אַ יידישן לערן־אַנשטאַלט. דער טאַטע איז געווען דורכויס פאַר דעם, אַז דאָס קינד זאָל דערצויגן ווערן אין אַ קאַטוילישער שול.

דער שלום־בית צווישן פּאָרפּאָלק איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. די זון הערט אויף צו שיקן אירע שטראַלן אין דעם הויז פונעם פּאָרפּאָלק. אין חשכות האָט זיך דאָס הויז איינגעוויקלט. מען איז אַרומגעגאַנגען פאַר־ביטערטע און פאַרצאָרנטע איינס קעגן אַנדערן. די ליבלעכקייט און

צאַרטקייט פון איינעם צום צווייטן איז פאַרשוווּנדן. עס איז געבליבן נאָר אינעם זכרון פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. חדשים לאַנג האָט איינער נישט געקענט רויק רעדן צום צווייטן. די טעג האָבן זיך געצויגן צאָרנדיקע און אומעטיקע. מען האָט אַליין געפּרובירט שלום מאַכן צווישן זיך. מען האָט זיך דאָך שטאַרק ליב געהאַט, נישט געקענט אויסקומען איינער אָן צווייטן. בלייבן אָבער קינדערלאָז, ווייל מען קען זיך נישט צונויפרעדן וועגן דער דערציִונג פונעם קינד, האָבןביידע נישט געוואָלט.

מען האָט זיך געמוזט צעגיין. האָט מען טעג צווישן זיך נישט גערעדט, און אַ שטילע ליבשאַפט־נאָגעניש האָט גענאָיעט אין ביידנס הערצער. ווי אַזוי קען מען גאַנץ מאַכן דעם ריס? האָט מען ווידער גערעדט און אָבער גערעדט צווישן זיך. גערעדט מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, דערמאָנט די פאַרגאַנגענע יאָרן — יאָרן פון ליבשאַפט און געטריישאַפט איינער צום צווייטן, גערעדט, ווי שווער עס וועט זיין דאָס צעשיידן זיך.

האָט מען עס אָפּגעלייגט אויף נאָך אַ פּאָר חדשים און נאָך אַ פּאָר חדשים. באַשלאָסן נישט צו רעדן צווישן זיך וועגן דעם און ווידער האָט די זון אָנגעהויבן אַריינצושיינען אין זייערע פענצטער.

דאָס אומפאַרמיידלעכע האָט מען אָבער נישט געקענט פאַרמיידן. צו די „זיבן גוטע יאָר" איז געקומען אַ סוף. מען האָט ווידער געמוזט רעדן וועגן זעלבן ענין. די אַלט־נייע פראַגע איז געקומען אין דער גאַנצער נאַקעטקייט און אכזריות. ווידער שאַרפע רייד איינער צום צווייטן. דאָס צעשיידן זיך איז געוואָרן אַן אימפּעראַטיוו.

מען איז זיך צעגאַנגען ווי גוטע געטרייע פריינט אויף שטענדיק.

עס טרעפט, אַז דאָס פּאָרל באַשטימט, אַז זיי וועלן ביידע געהערן צו איין גלויבן, זיי וועלן זיך באַהעפטן צו איין פאָלק, נאַציאָנאַל, קולטורעל. אין פאַל ווען „דאָס פאָלק" איז אונדזערס, ליידן מיר נישט קיין פאַרלוסט. אויב אָבער פאַרקערט, קען אונדזער פאָלק זיך נישט פאַרגינען דעם פאַרלוסט.

געמישטע חתונות זענען דעריבער נישט שטענדיק אַ פאַרלוסט

פאַר אונדזער פאָלק. איז דאָך דוד המלך אַרויסגעקומען פון אַזאַ געמיש־טער חתונה.

נישט אָבער שטענדיק, ווען ביידע באַהעפטן זיך צו איין גלויבן, צו איין פאָלק ווערט עס פאַרווירקלעכט ווי געהעריק. אין „דזשואיש סאשעל סטאַדיעס, באַנד XVI, פון 1054, זאָגט דאָרטן רבי ד. מ. אייכהאָרן: פיל וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן, כדי חתונה צו האָבן מיט אַ יידן, באַזוכן נאָך דער חתונה אַ קלויסטער און שיקן זייערע קינדער אין קריסטלעכע שולן. גלח טאָמאַס באַמערקט אויפן זעלבן אָרט, אַז ווען ס׳גייט אַריבער דער האָניק־חודש און די לעבנס־רוטין גייט אַריין אין גאַנג, הייבן זיך אָן רייבונגען.

עס טרעפט אָפט דאָס פאַרקערטע. רבי קירשנבוים, אין זיין בוך „געמישטע חתונות און די צוקונפט פון די יידן״, שרייבט: „אין פיל פאַלן פון געמישטע חתונות ווערט דאָס פאַרפאָלק אַבסאָרבירט אין דער יידישער קהילה און די באַציונג צו זיי איז ווי צו אַנדערע באַרעכטיקטע מיטגלידער. מיר וויסן פון פיל שטעט וווּ די פרעזידענטן פון קאָמיוניטי־קאונסיל, פון וועלפעיר פאָנד און בני ברית האָבן נישט קיין יידישע פרויען. זייער אָפט זענען אַזעלכע פרויען אַקטיוו אין הדסה און „סיסטער־היד״ פון וועלפעיר פאָנד. די יידישע עלטערן, וואָס זענען צו ערשט געווען קעגן די חתונות זענען איצט זייער צופרידן מיט זייערע שניר. די לעצטע זיצן ביים הויפּט־טיש פון פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער שרייבער פון די שורות ווייסט וועגן אַ פאַל, ווען אַ קריסטלעכע פרוי האָט זיך מגייר געווען און חתונה געהאַט מיט אַ זון פון אַן אַקטיוון טוער פון אַרבעטער־רינג. נאָך דער חתונה איז אפילו דאָס הויז פון שווער און שוויגער, וואָס זענען אַגנאָסטיקער, געוואָרן מער יידיש־טראַדיציאָנעל: ווען זייער אַרבעטער־רינג־ברענטש האָט געמאַכט אַ פּורים־פּאַרטי און יעדער איינער האָט געדאַרפט עפּעס בייטראָגן צו דער אונטערנעמונג, איז די גר׳טע געווען די איינציקע וואָס האָט געבראַכט המן־טאַשן.

מיר האָבן אין אונדזערע רייען אַ גרויסע צאָל ראַנד־יידן (נאָן־קאָמי־טעד דזשאָס בלע״ז), יידן וואָס האָבן נישט קיין שום פּרינציפּן, זיי גלייבן אין גאָרנישט און טראַכטן נאָר וועגן עולם־הזה. זיי קאָנען זיין זייער

פיינע מענטשן, קאָנען אפילו געהערן צו אַ סינאַגאָגע, זיי האָבן אָבער מיט אונדזער יידיש לעבן גאָרנישט צו טאָן. זיי געהערן צו אַ סינאַגאָגע נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען פרומע יידן, וואָס גלייבן אין גאָט און ווענדן זיך צו אים אין אַן עת צרה נאָך אַ ישועה, אָדער זיי דאַנקען גאָט פאַרן גוטס, וואָס ער טוט זיי, געבנדיק זיי געזונט, הלבשה, אד"גל, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן (זיי מוזן) סאָציאַל זיך אויסלעבן: די נישט־יידן ווילן זיי נישט האָבן אין זייער סביבה. זיי קאָנען אַ גאַנצן טאָג זיך טרעפן מיט נישט־יידן, אַר־בעטן מיט זיי צוזאַמען אין איין אָפיס אָדער פירן מיט זיי געשעפטן ; נאָך דער אַרבעט אָבער ווילן זיי מיט די יידן נישט האָבן צו טאָן. זיי נעמען אָן אַלע מיטלען, כדי אַריינצוגיין אין דער נישט־יידישער סביבה. זיי וואַרפן אָפּ יידיש אַלס אומגאַנג־שפראַך און באַנוצן זיך — איינציק און אויס־שליסלעך מיט דער שפּראַך פון דער הערשנדיקער נאַציע. זיי נעמען איבער זייערע מנהגים אַפילו ביז אַ קריסטמעס־בוים, הגם מען געהערט צו אַ שול אָדער טעמפּל.ביידע געטער לעבן ביי זיי בשלום, נישט ווי אין דער מעשה פון שלום אַש, ווו אַ יידישע פרוי בענטשט ליכט אין איין ווינקל און אין אַ צווייטן שטייט אַ קריסטלעכע פרוי און בעט צו דער איקאָנע. אַ גאַנצן טאָג לעבן זיי צווישן זיך בשלום, זייער פריינטלעך, נאָר די געטער צעטיילן זיי.

לאַיד וואָרנער און לעאָ פראל אין זייער סאָציאָלאָגישער אַרבעט „די סאָציאַלע סיסטעמען פון די אַמעריקאַנער עטנישע גרופּן" (ניו־הייווען, 1945) דערקלערן עס אויף פאָלגנדיקן אופן: „די עטנישע גרופּע (גענע־ראַציע), געבוירן מעבר לים און געקומען אַהער אויף דעם קאָנטינענט, איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער אַלטער היים און צו די מענטשן אויף יענער זייט ים, וואָס לעבן מיט דער אַלטער היים און זענען קנאַפּ פאַר־אינטערעסירט אין דער „יענקי סיטי".

די קינדער פון אימיגראַנטן־דור, דערצויגן אין דעם אַמעריקאַנער שול־סיסטעם, וויסן שוין ווייניק וועגן דער אַלטער היים, אַחוץ וואָס זיי זענען ביי דער עטנישער אימיגראַנטן־גרופּע. זיי זאַפּן אין זיך איין די פירונגען און שטרעבונגען פון דער „יענקי־סיטי־געזעלשאַפט, פיל מער ווי זייערע עלטערן, און די אַמעריקאַנער קולטור ווערט זייער קנין. די

קינדער פון ערשטן דור און די קינדער פון צווייטן דור זענען שוין סאָ־ציאַל מער איינגעפלאָכטן אין דער „יענקי־סיטי".

דער דאָזיקער פּראָצעס איז מער בולט ביי נישט־יידן ווי ביי יידן, ווי עס באַווייזט עס אויסגעצייכנט בצלאל שערמאַן אין זיין בוך „יידן און אַנדערע עטנישע גרופּן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן". דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע און אינטעגראַציע קומט פאָר ביי יידן אין אַ פיל קלענערן טעמפּאָ ווי ביי נישט־יידן.

מיר לעבן אין אַ דעקאַדענטישער וועלט. די אידעאַלן, מיט וועלכע די יידישע יוגנט האָט געלעבט אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פון הייינטיקן יאָרהונדערט ווירקן היינט נישט אינעם יידישן לעבן. מען איז געוואָרן פּראַגמאַטיסטן. היינט איז דער עיקר וויפל קאַרס אַ משפחה האָט, וויפל פוטער־מאַנטלען מען פאַרמאָגט. היינט איז אָנגעזען נישט דער אינטעלעקטואַל, נאָר דער וואָס איז רייך, פאַרמאָגט אַ גרויס שיין הויז מיט אַזוי פיל וואַשצימערן, וויפל מענטשן עס זענען פאַראַן. היינט באַרימט מען זיך מיט שיינע קליידער און שיינע צירונג און נישט מיט אַ רייכער ביבליאָטעק. מעג אַ פרוי זיין ווי פּוסט און נישט אינטערעסאַנט. פאַרדעקט זי עס אַלץ מיט טייערע קאָסטיומען און בריליאַנטן.

ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דאָס שמדן זיך וועט זיי העלפן צו אַ בע־סערן סאָציאַלן צוזאַמענלעבן זיך, וואָלטן זיי געגרן זייער גאָט פאַרטוישט אויף אַן אַנדערן; זיי ווייסן אָבער, אַז דאָס וועט זיי נישט העלפן. דאָס מתחתן זיין זיך מיט נישט־יידן איז אַ סגולה צו דערגרייכן זייער ציל, — זוכט מען אַזאַ געלעגנהייט. מען איז צופרידן צו וווינען אין אַ נישט־יידי־שער סביבה. אַזאַ פאַרלוסט דאַרף אונדז נישט זיין ווייטיקדיק. עס איז סיי ווי אַ פאַרדאַרטער צווייג פון אונדזער פאָלק. די דאָזיקע דערשיינונג איז גילטיק פאַר דער גרויסער שטאָט און נאָך מער גינסטיק אין די קלענערע ישובים.

מיר האָבן פריער דערמאָנט, ווי אַ פּאָרל האָט זיך געעגט צוליב דער פראַגע פון דער דערציונג פון די קינדער. וויפל עלטערן אָבער האָבן בכלל אַן אינטערעס צו געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציונג? האָט מען חתונה און מען ווערט אַמעריקאַנער, קאַנאַדער, אַרגענטינער, ענגלענדער

אד״גל, פּונקט ווי די לעצטע זענען באמת האַמאַגען. מען לעבט אין איין קולטור — אין דער הערשנדיקער, און אַ גליד פון יידישן פאָלק ווערט פאַרדאַרט. דער מיטגליד פון יידישן פאָלק פון פאַר דער חתונה ווערט אויס ייד נאָך דער חתונה.

די עקזיסטענץ פון יידישקייט איז מעגלעך נאַר אין די באַדינגונגען פון באַוווסטזיניקער אַריינמישונג פון אַלע יידן — ווער אַקטיוו און ווער אַפילו פּאַסיוו. אַנדערע פעלקער וועלן נישט אונטערגיין צוליב געמישטע חתונות — די פעלקער, וואָס זענען אַ מערהייט אויף זייער טעריטאָריע. מיט יידן איז עס נישט אַזוי. יידן זענען אַ מינדערהייט אין אַלע תפוצות און גלותן, און זייער עקזיסטענץ איז נישט געזיכערט, אַחוץ אין מדינת ישראל. דערפאַר איז גרויס אונדזער זאָרג פאַר אונדזער קיום. צוליב דעם — אונדזערע באַמיונגען פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציונג פון אונדזערע קינדער. אונדזער קאַמף קעגן אַסימילאַציע, אונדזער שטרעבן צו זיין אַנדערש נאַציאָנאַל, אין פאַרגלייך מיט די אַרומיקע פעלקער, און אונדזער קעגנערשאַפט קעגן געמישטע חתונות. דאָס לעצטע איז נישט דערפאַר, ווייל מיר האַלטן זיך פאַר אַן „אתה בחרתנו״־פאָלק, נאָר ווייל ס׳גייט אין עצם־עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק.

יידיש לעבן איז אונדז הייליק און טייער. דאָס פאַרשווינדן פון יידיש־זיין איז נישט אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. מיר האָבן זייער פיל בייגעטראָגן צו דער וועלט־קולטור, צו איר גייסטיקער דערהויבנקייט און פאַרשענערונג. מוז די מענטשהייט, איר באַוווסטזיניקער טייל, העלפן אונדז אין דעם קאַמף פאַר אונדזער קיום. צום באַדויערן וואַרפט מען אונדז פון צייט צו צייט פאַר שאָוויניזם, ווען מיר טרעטן אַרויס קעגן געמישטע חתונות. ביי אונדז איז דאָס, ווי נאָר־וואָס דערמאָנט, נישט צוליב נאַציאָנאַלער גאווה, נישט צוליב ראַסיזם, נאָר צוליב אונדזער עקזיסטענץ אַלס אַ באַזונדער פאָלק.

געמישטע חתונות קומען פאָר אין קליינע שטעטלעך מער ווי אין גרויסע שטעט. קינדער גייען צוזאַמען אין אוניווערסיטעט, באַזוכן צוזאַמען פאַרוויילונגס־פּלעצער, מען באַקאַנט זיך מיט אַ קריסטלעכן בחור אָדער מיידל, דער אויסקלייב צווישן יידן איז אַ קליינער, צוליב דער

קלײנער ײדישער באַפעלקערונג. מען פאַרליבט זיך און מען האָט חתונה. דאָס איז אויך אָפּהענגיק פון אָרגאַניזירטן ײדישן לעבן אין דעם געגע־בענעם שטעטל, אויף וויפל ס׳איז דאָ אַ נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס זאָל האַלטן די ײדישע יוגנט, פון איין זייט, סאָציאַל און, פון דער אַנדערער זייט, אויף וויפל מען גיט אַ נאַציאָנאַלע דערציונג דעם אויפ־וואַקסנדיקן דור.

עס טרעפן פאַלן, אַז קינדער פון זייער נאַציאָנאַל־געשטימטע עלטערן, וואָס האָבן באַקומען אַ גוטע ײדיש־נאַציאָנאַלע דערציונג, האָבן חתונה מיט נישט־ײדן, פיל פון זיי זענען קינדער פון ײדישע שרייבער, לערער, אָרטאָדאָקסן, ווו אין דער היים ווערט אַלץ געפירט לויט דער הלכה.

דער איינציקער ענטפער פון אַזאַ פענאָמען איז, אַז אין די מערסטע פאַלן זענען זיך די נישט־ײדן מגייר און דאָס הויז פון דעם געמישטן פאָרל איז אַן אמת ײדישע און מיר געווינען פון אַזאַ חתונה. די סיבה פון דער חתונה — געפילן וועגן אַריבער די לאָגיק און מען טראַכט נישט, מען יאָגט אַוועק די צווייפלען. אין אַ סך פאַלן פאַרענדיקט זיך אַזאַ חתונה בכי טוב.

אין בוך „אַמעריקאַן דזשואיש ייר בוק" פון 1963, אַרויסגעגעבן פון „דזשואיש פּאַבליקיישאַן סאָסייטי", ווערן געבראַכט ציפערן און פאַקטן פון צוויי שטעטלעך. אין איינעם גייט אָן אַ פולסירנדיק ײדיש לעבן און אין דעם צווייטן פעלט עס. ביידע זענען כמעט פון דער זעלבער גרייס, — איז די צאָל געמישטע חתונות אין דעם ערשטן שטעטל פיל קלענער ווי אין דעם צווייטן. אַלס מוסטער פון אַ גרעסערער שטאָט ווערט געבראַכט וואַשינגטאָן און אַ ריי קלענערע שטעט אין שטאַט אײַאָווע.

אין וואַשינגטאָן, ווו דער פּראָצענט ײדן לגבי דער גאַנצער באַפעל־קערונג האָט באַטראָפן 4,7, זענען אין 1956 פאָרגעקומען 23.313 חתונות; פון דעם זענען 3051 געווען געמישטע חתונות, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר 13,1%. פון דעם זענען חתונות פון ײדישע מענער מיט נישט־ײדישע פרויען געווען 9,4 פּראָצענט און נישט־ײדישע מענער מיט ײדישע פרויען — 4,5 פּראָצענט. פון דעם איז צו זען, אַז נישט־ײדישע פרויען האָבן גערנער חתונה מיט ײדישע בחורים איידער פאַרקערט. דאָס נעמט זיך

דערפון, וואָס יידישע מענער זענען בדרך כלל בעסער ווי נישט־יידישע, צוליב אַ גאַנצע ריי סיבות.

אין גאַנצן שטאַט אַיאָוואַ, ווו ס׳זענען געווען אין י. 1960 — 9.100 יידן, וואָס האָבן באַטראָפן 0,33 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, זע־נען פאָרגעקומען אין משך פון די יאָרן 1953—59 676 חתונות, פון דעם 285 געמישטע, וואָס באַטרעפט 42,2%, פון דעם איז דער פּראָצענט גע־מישטע חתונות אין די שטעט געווען 34,2; אין די שטעטלעך — 64,1, אין די דערפער 67,0, וואָס עס באַשטעטיקט נאָך אַ מאָל, אַז וואָס גרעסער עס איז די יידישע באַפעלקערונג, אַלץ קלענער איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות.

אין קאַנאַדע זענען אין די יאָרן 1921—1960 פאָרגעקומען 63.852 יידישע חתונות, די צאָל פון געמישטע חתונות פאַרן זעלבן פּרעיאָד איז 3.974, וואָס עס באַטרעפט 6,2%. אין 1921 איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות געווען 3,4, און אין 1960 — 8,5. ס׳איז, אַלזאָ, צו זען, אַז דער פּראָצענט געמישטע חתונות וואַקסט אין קאַנאַדע.

אומעטום, אין אַלע לענדער, קומען פאָר ביי יידן געמישטע חתונות. מיר ברענגען אַ רשימה פון אַ ריי לענדער.

לאָנדאָן — 12%; שאָטלאַנד (גלעזגאָ) — 20%; האָלאַנד — 32%; סקאַנדינאַווישע לענדער — 60%; שווייץ — 40%.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז קריסטלעכע בחורים האָבן ווייניקער חתונה מיט יידישע מיידלעך ווי יידישע בחורים מיט קריסטלעכע מיידלעך. דאָ ברענגען מיר פאָלגנדיקע טאַבעלע, וואָס באַשטעטיקט עס:

אין דייטשלאַנד	צו מיידלעך	צו יינגלעך
1901—1905	8,8	1,6
1906—1910	11,3	9,6
1911—1915	18,9	13,6
1916—1920	17,2	14,2
1921—1925	20,6	13,0

1926—1930	25,7	16,6
1931	26,6	16,9
1932	27,5	17,8
1933	35,5	8,5
1934	18,1	5,2
1935	11,4	1,2
1936	2,1	

אין 1934 הייבט אָן פאַלן דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות. דאָס באַשטעטיקט אונדזער טעזע, אַז מיט דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע פון די יידן פאַלט דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות.

אין מיטלאַלטער זענען געווען פיל געמישטע חתונות. אויך די קריסטן, ווי פריער דערמאָנט, האָבן זיך זייער שטאַרק קעגנגעשטעלט. א. שטראַוס, אין זיין „געשיכטע פון די יידן אין מצרים און אין סיריע, שרייבט, אַז צווישן די גולי ספרד, וואָס זענען געקומען קיין מצרים, זענען געווען פיל פון געמישטע חתונות.

קאָנסטאַנטינוס (247—333), דער ערשטער רוימישער קיסר, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָט פאַרבאָטן געמישטע חתונות. שפּעטער האָבן די קריסטלעכע גייסטלעכע גוזר געווען, אַז די קריסטן, וואָס וועלן חתונה האָבן מיט יידן, זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון זייערע קהילות, ביז דער באַטרעפנדיקער קריסט וועט נישט מבטל מאַכן זיין פאַרבינדונג.

דאָס זעלביקע האָבן געטאָן די יידישע רבנים.

צום סוף פון מיטלאַלטער, ווען דער סאָציאַלער מצב פון די יידן איז געווען אַ שלעכטער, האָבן אויפגעהערט די געמישטע חתונות. אין 16טן און אין 17טן י״ה זענען קיין געמישטע חתונות כמעט נישט געווען.

די שטרענגע געזעצן קעגן געמישטע חתונות — אַ מיטל קעגן אַסימי־לאַציע.

ד״ר ש. רופּין (הסוציולוגיה של היהודים, ערשטער באַנד) שרייבט, אַז אויך די מערהייט יידן, וואָס זענען ווייט פון יידישן גלויבן און יידישער

קולטור, זענען קעגן געמישטע חתונות, ווייל דאָס וואָלט זיי אין גאַנצן דערוווייטערט פון יידן, און דעם ריס ווילן זיי נישט מאַכן.

שאַטאָבריאַן, דער בראַזיליאַנישער שרייבער, שטרייכט אונטער, אַז וואָס מער יידישע בחורים און מיידלעך ס'וועלן חתונה האָבן מיט בראַזיליאַנער, אַלץ קלענער וועט ווערן דער תהום צווישן ייד און נישט־ייד און בראַזיל וועט ווערן איין בראַזיליאַניש פאָלק (מיתה בנשיקה — מ. מ.).

די רעפאָרם־רבנים שטעלן זיך נישט קעגן געמישטע חתונות, אויב די יידישע עלטערן קענען דערציען די קינדער זייערע אין יידישן גייסט. אָרטאָדאָקסישע רבנים, אויף אַ צוזאַמענפאָר, אין 1849, טרעטן אַרויס קעגן געמישטע חתונות, ווייל דאָס איז אַן אומגליק פאַרן יידישן פאָלק.

ביזן 18טן י"ה זענען חתונות פאָרגעקומען נאָר רעליגיעזע. נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789, ווערט אינעם יאָר 1792 איינגעפירט אַ געזעץ וועגן ציווילע חתונות. אין 1806 פירט נאַפּאָלעאָן דורך אַ געזעץ, אַז רבנים טאָרן נישט דורכפירן קיין חופה וקדושין, ביז דאָס פּאָרל האָט נישט געהאַט קיין ציווילע חתונה.

מ. סטעריאַן

ברוך שפּינאָזאַ

ברוך שפּינאָזאַ איז געווען אַ קאָנטראַווערסאַלע פּערזענלעכקייט: איי־ניקע שטעמפּלען אים אַלס אַן אַטעיסט, אַנדערע לויבן אים אַלס דורכגע־דרונגען מיט גאָטהייט. עס איז דאָ אַ בוך וועגן אים — „דער פאַרפלוכטער און דער געבענטשטער". שפּינאָזאַ איז אַ פילאָסאָף און מיר פרעגן, וואָס איז פילאָסאָפיע, און אין וואָס באַשטייט דער ביישטייער פון יידן צו דער פילאָ־סאָפיע.

וואָס זענען שפּינאָזאָס גרונטפּרינציפּן וועגן גאָט, וועלט און מענטש. אין וואָס ווערט ער מייסטנס מיספאַרשטאַנען און ווי אַזוי דאַרף ער, לויט אונדזער מיינונג, פאַרשטאַנען ווערן; וואָס איז זיין באַדייטונג אין דער קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט און וואָס איז זיין השפּעה אויף די ווייטערדיקע דורות?

אָט דאָס זענען די פראַגן, וואָס מיר וועלן פּרובירן צו פאַרענטפערן מיט דער הילף פון שפּינאָזאָן און מיט דער הילף פון אונדזער לערער קאָנסטאַנטין ברונער, דער אייניקל פון אויבעררבינער אין אַלטאָנאַ, רבי עקיבא ווערטהיימער. ק. ברונער — אַ דענקער פון דער זעלבער מדרגה ווי ב. שפּינאָזאַ, האָט דערמעגלעכט אונדזער דור ווי געהעריק שפּינאָזאָן צו באַנעמען.

קודם כל, וואָס באַדייט דאָס גריכישע וואָרט פילאָסאָפיע? פילאָס הייסט ליבהאָבער, סאָפיע — חכמה. אַ פילאָסאָף איז דעריבער — אַזוי ווי אין העברעיש אַ תלמיד חכם.

פילאָסאָפיע איז נישט בלויז לאָגישע ספּעקולאַציע. איר פאָרעם איז לאָגיש — עס איז נישט קיין דיאַלעקטישע האַרשפּאַלטעריי, נאָר אַן אויס־

דרוק פון שאַפנדיקן גייסט אינעם מענטשלעכן באַוווסטזיין. זי איז שייכותדיק מיט דער פּאָעזיע, מיט דער קונסט איבערהויפּט און מיט דער מיסטיק. דער קערן און דער רעזולטאַט פון דער פילאָסאָפיע זענען לויט שפּינאָזאַ און ברונער די מיסטישע ליבע צו גאָט, וואָס מיינט ליבע צו מענטשן, און די פילאָסאָפיע איז דער וועג צו דעם. די גאָטעסליבע איז לויט שפּינאָזאַן מענטשנליבע. דער רעזולטאַט פון דער פילאָסאָפיע איז דעריבער עטיק.

פילאָסאָפיע איז דער געדאַנקען־סיסטעם, אויפגעבויט אַלס היעראַרכיע פון דער אינערלעכער און קאָנסעקווענטער באַרבינדונג פון אידעען. אין דער פילאָסאָפישער לערע זענען רעפּרעזענטירט אַלע אידעען, פון דער העכסטער, ביז צו די פונעם טעגלעכן לעבן און צוריק צו דעם אורקוואַל פון אַלע אידעען, די פילאָסאָפיע איז יעקבס לייטער פון דער שטופנווייז געבויטער אָרדענונג, פון די געדאַנקען אַרויף און אַראָפּ, פון דעם אחד און שמע ישראל, ביז צו די פאַרשיידנקייטן, און פון דעם ווידער צו דעם איינעם, אַזוי אַז דאָס פילאָסאָפישע דענקען פאַרבינדט די ערד מיטן הימל. פילאָסאָפיע איז דאָס מיטל צו זעלבסטדערציונג דורך דערוועקונג און אַקטי־ווירונג פון אַלע געדאַנקען, וואָס זענען אינערהאַלב דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין, צו אַ פולער אויסבילדונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכ־קייט. פילאָסאָפיע איז די רעוואָלאַציע פון די אייביקע געדאַנקען ביי די גרויסע דענקער, וואָס בילדן אַן ענגע געמיינשאַפט איבער אַלע רוימען און צייטן און וואָס אַרבעטן צום אויפבוי פונעם געדאַנקען־סיסטעם פון דער מענטשהייט.

שפּינאָזאַ דערקלערט, אַז ער האָט צו פאַרדאַנקען דער מי פון זיינע פאָרגענגער אין דער אויסאַרבעט פון דער אייגנטלעכער עטיק. די געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע איז די פעסטשטעלונג פון דער השפּעה און די אויס־ווירקונג פון די קלאָרע און דייטלעכע אידעען פון די דענקער אויף די דורות. די פילאָסאָפיע באַטראַכט דעם מענטשן און זיין אינערלעכע און אויסער־לעכע וועלט פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט ווי דעם געוויינלעכן, זי באַטראַכט אים פון שטאַנדפּונקט פון שכל און אינספּירירטער אינטויציע. אַלזאָ, צוזאַ־מענגענומען דאָס אויבנגעזאָגטע, קומען מיר צום אויספיר, אַז: די פילאָ־סאָפיע באַווירקט דאָס לייטערן און קלאָר מאַכן, קודם כל דאָס אָרדענען פון

אַלע געדאַנקען, צום תופס זיין דאָס עיקרדיקע אין דעם באַוווסטזיין, און דאָס אַקטועלע דענקען קומט צו זעלבסטדערקענונג פון זיין אידענטיטעט מיט דער גאַנצער נאַטור און אַזוי אַרום ווערט דער מענטש פולשטענדיק באַרויקט. פילאָסאָפיש דענקען באַטייט: דער אַלץ קלאָרער פאַרווירקלעכ־טער צוריקקער פון דעם מענטשן צו איינהייט, פון וועלכער ער שיידט זיך אויס דורך זיין אינדיווידואַליזירונג. דאָס עטישע האַנדלען אין לעבן, אין דער מענטשנליבע — איז דער באַוויז און דער שטעמפּל פונעם אמת.

אַריינקוקנדיק אין דער מערבדיקער קולטור פון דער מענטשהייט, מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז צוויי פעלקער האָבן געשפּילט דערביי די גרעסטע ראָל אין איר פאָרמירונג — די גריכן און די יידן. אויף די צוויי ריזיקע זיילן שטייט די געביידע פון אונדזער מערבדיקער קולטור.

כמעט אויף אַלע וויכטיקע געביטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט האָבן די גריכן געשאַפן דויערנדיקע מייסטערווערק, וואָס רופן אַרויס אונדזער באַוואונדערונג: מאָלעריי, פּלאַסטיק, מוזיק, אַרכיטעקטור, פּאָעזיע, דראַמע, רעטאָריק, געשיכטע־שרייבונג, אין דער וויסנשאַפט פון אַסטראָנאָמיע, פיזיק, געאָמעטריע, געאָגראַפיע, לאָגיק און גראַמאַטיק. די, און דער עיקר זיי, האָבן די פילאָסאָפיע באַגרינדעט. פון אַלעם דעם געפינען מיר וויניק ביי די יידן, קוים אַן אָנהייב, ווי למשל, פּאָעזיע אין תנ״ך, מוזיק אין בית־המקדש, אגדות אין תלמוד. פון פילאָסאָפיע געפינען מיר ביי יידן גאָרנישט. אָבער די מיסטישע, נישט ספּעקולאַטיווע יידן, האָבן אַרויסגעבראַכט די נביאות — און די עטיק — דעם רעזולטאַט פון דער פילאָסאָפיע, הגם זיי ווייזן נישט דעם וועג צום ציל. די עטיק איז ביי אונדז יידן פאַרגעשטעלט אין דער פאָרעם פון אַ מצוה. מיט רעכט רופט אָן דערפאַר ניטשע די יידן „דאָס עטישע זשעני צווישן די פעלקער". גריכנלאַנד ליובט שטאַרק די שיינקייט פון יידנטום — דאָס גוטסקייט. דאָס „ואהבת" און „שמע", דער־קלערט שפּינאָזאַ, אַז דאָס מיינט לרעך כמוך.

פון די יידן האָט די מערבדיקע קולטור איבערגענומען דעם אידעאַל און די אָנווענדונג פון גוטסקייט און מענטשנליבע, פון די גריכן — דעם אידעאַל און די ווערק פון שיינקייט, מאָס און פאָרעם, די פילאָסאָפיע און די וויסנשאַפט. און דאָך דערשיינט דווקא אינעם יידנטום איינער, וואָס

פאַרענדיקט, נאָך פלאַטאָס אידעענלערע, די סיסטעם פון פילאָסאָפיע, און דאָס איז — שפינאָזאַ. אַזוי ווי אין אונדזערע צייטן ווערט די וויסנשאַפט אָוועקגעשטעלט דורך איינשטיינען, נאָך ניוטאָן, אויף אַ בעסערן יסוד.

שפינאָזאַ האָט געלעבט פון 1632 ביז 1677, אין אַ צייט פון רעליגיעזע מלחמות. מיר דערמאָנען זיך אין דעם 30יאָריקן קריג, 48—1618. ער האָט געלעבט אין אַ צייט פון גרויסע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע רעוואָלוציעס. נאָך אַ לאַנגער הערשאַפט פון סכאָלאַסטיק — אַ געמיש פון טעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע, איז דעמאָלט צו באַמערקן אַן אויפשוואונג פון עכטער פילאָסאָפישער ספעקולאַציע, ווייל אין דער שפּיץ שטייען דאַן דזש. ברונאָ, פּאַסקאַל און דעקאַרט. מיר האָבן בדעה זיך אַריינ־צוטראַכטן אין די באַזונדערע פאַרהעלטענישן פון יענער צייט, און דאַן וועלן אונדז קלאָר ווערן מאַנכע עפּיזאָדן אין שפינאָזאָס לעבן, דער עיקר דאָס אַריינלייגן אים אין חרם.

שפינאָזאַ שטאַמט פון אַ מאַראַנען־פאַמיליע, וואָס איז אַנטלאָפן פון שפּאַניע קיין פּאָרטוגאַל און פון דאָרטן צו די נידערלאַנדן. דאָרטן האָט די משפחה אָנגעהויבן אָפן צו פּראַקטיצירן דעם יידישן גלויבן. שפינאָזאָס זיידע און זיין פאָטער זענען געווען אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער סינאַ־גאָגע. אין דער העברעישער שול אין אַמסטערדאַם, אין וועלכער דער יונגער שפינאָזאַ האָט געלערנט תנ״ך און תלמוד, האָט ער זיך באַקאַנט מיט חסדי קרעסקאַס און רמב״ם און מיט די קאָמענטאַטאָרן פון תנ״ך, צווישן זיי אבן עזרא. איינער פון זיינע לערער איז געווען מנשה בן ישראל, וואָס האָט דעמאָלט פאַרהאַנדלט מיט אָליווער קראָמוועל וועגן ווידער אַריינלאָזן די יידן קיין ענגלאַנד. זיין צווייטער לערער איז געווען שאול לוי מאָרטייראַ.

שוין גאָר יונג צייכנט זיך אויס שפינאָזאַ אַלס אויסערגעוויינלעך באַ־גאַבטער תלמיד; אַלס גרינטלעכער קענער פון תנ״ך. עס זענען פאַר אים נישט געווען פאַרבאָרגן די ווידערשפּרוכן אין תנ״ך אויף וועלכע אבן עזרא האָט נאָך פריער אָנגעוויזן ברמז. אָבער שפינאָזאַ האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגונג צו שטערן דעם רעליגיעזן גלויבן פון אַנדערע. ער האָט געוואָלט פירן אַ רויק לעבן און פאָרזעצן זיין שטודיום פון פילאָסאָפיע און

וויסנשאַפט. צווישן אַנדערע, האָט ער געלייענט די ווערק פון קאָפּערניקוס, קעפּלער, גאַליליי, האַרוויי, וויגענס און דעקאַרט. שפּינאָזאַ האָט געלערנט אויך לאַטיין און די שפּראַך האָט אים געגעבן אַ צוטריט צו דער קלאַסישער ליטעראַטור און פילאָסאָפיע. אויסער דעם האָט ער פאַרשטאַנען פּאָרטוגע־זיש, שפּאַניש, איטאַליעניש, דייטש און פלאַמיש.

שוין אין עלטער פון 15 יאָר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אומפאַר־שטענדלעכע שטעלן אין תנ״ך, ער האָט געשטעלט זיינע לערער פראַגן, וואָס האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין פאַרלעגנהייט. „דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אַליין צו פאָרשן דעם תנ״ך, מיט זיך אַליין זיך מתיעץ צו זיין און נישט זשאַלעווען קיין מי אויסצוגעפינען דעם אמת. ס׳איז אַ צייכן פון אַ זעלטע־נעם כוח און גרויסקייט פון גייסט, אַז אַ 20יאָריקער זאָל פאַסן אַ באַשלוס פון אַזאַ באַדייטונג״, — שרייבט זיין ערשטער ביאָגראַף לוקאַס. לאָמיר הערן, וואָס ער האָט ווייטער צו דערציילן וועגן דעם יונגן שפּינאָזאַ: „זיין לערער מאָרטייראַ האָט באַוווּנדערט די לעבנספּירונג און דעם זשעני פון זיין שילער. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן, אַז אַ יונגער מאַן מיט אַזאַ שאַרפ־זין זאָל זיין אַזוי באַשיידן. כדי צו קענען אים געניי, האָט ער אים געשטעלט אויף פאַרשיידענע אופנים צו פּראָבע, און ער איז זיך מודה געווען, אַז ער האָט נישט געקענט געפינען קיין באַדויערנסווערטיקס, נישט אין זיינע זיטן, נישט אין דער שיינקייט פון זיין גייסט. אויך דאָס לויב פון מאָרטייראַ האָט נישט דערוועקט אין אים קיין פּוסטע גאווה. די ליבשאַפט צום אמת איז געווען די ליידנשאַפט, וואָס האָט אים אין גאַנצן באַהערשט, אַז ער האָט מיט קיינעם נישט געהאַט קיין מגע־משא״.

ווען שפּינאָזאַ איז געווען 22 יאָר אַלט, איז זיין פאָטער געשטאָרבן. ביז דאַן איז זיין קעגנערשאַפט צום אָרטאָדאָקסישן יידנטום נישט געווען אַזוי עפנטלעך. שפּעטער איז ער געווען פאַרוויקלט אין אַ פּראָצעס מיט זיין שטיפשוועסטער וועגן דער ירושה. דעם פּראָצעס האָט מען אויסגע־נוצט קעגן אים, צוליב זיין נישט איינשטימיקייט מיט דער אָרטאָדאָקסיע. אויף דעם אופן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין דער עפנטלעכקייט זיינע הערע־טישע אָנשויונגען. ער האָט דעם פּראָצעס געוווּנען, אָבער ער האָט פאַר־ציכטעט אויף דעם גאַנצן געלט און זיך איבערגעלאָזן בלויז אַ בעט.

די פירער פון דער יידישער קהילה האָבן געשטרעבט זיך אַרויסצו־ווייזן פאַר די קריסטלעכע האַלענדער אַלס אַ האָמאָגענע רעליגיעזע גרופּע. זיי האָבן אָבער בשום אופן נישט געוואָלט דורך אַן אַטעיסט אין זייער מיט פאַרשטאַרקן די טעאָלאָגישע יוירונגען אין פאָלק. די יידן, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל מסירת נפש טריי זיך געהאַלטן אין זייערע רעליגיעזע דאָגמעס, האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו האָבן אין זייערע רייען איינעם, וואָס צווייפלט און וואַרפט אָפּ דאָס, וואָס זיי האַלטן פאַר זייער טייערסטן. קענען מיר, דעריבער, פאַרשטיין זייער ברענענדיקן האַס צו שפּינאָזאַן. חוץ דעם האָבן די יידן געפילט, אַז טאָלערירן צווישן זיך די אידעען פון אַטעיזם און די קריטיק פון רעליגיעזן גלויבן וועט פירן דערצו, אַז די דאַן הערשנדיקע אַטמאָספער פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ אין האָלאַנד וועט ליידן, און דאָס גלייכגעוויכט צווישן די רעליגיעזע סעקטעס וועט געענדערט ווערן נישט צו זייער גונסטן. פאַר יעדן פרייז האָבן זיי געוואָלט אויסמיידן אַן אויפ־ברויז, וואָס זאָל פירן צו אַ סקאַנדאַל. זיי האָבן פאַרגעשלאָגן שפּינאָזאַן אַ געהאַלט פון טויזנט גילדן, אויב ער וועט נישט אַרויסגיין עפנטלעך מיט זיינע אידעען און נאָר פון צייט צו צייט באַזוכן די סינאַגאָגע. שפּינאָזאַ האָט דעם פאַרשלאָג קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן און מען האָט אים דעריבער אַריינגעלייגט אין חרם. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 22 יאָר.

היינט, נאָך 300 יאָר, האָבן מיר די ריכטיקע דיסטאַנץ און די מעגלעכ־קייט צו אורטיילן, אָן פאַראורטיילן און ליידנשאַפטן, די דעמאָלטיקע לאַגע פון די יידן און אויך די פערזענלעכקייט און דאָס ווערק פון שפּינאָזאַן. אונדז איז באַוווסט, אַז דוד בן גוריון האָט זיך באַמיט אָפּצושאַפן דעם חרם, אָבער אים איז דאָס נישט געלונגען. מיר פאַרשטייען איצט, וואָס עס איז דאַן פאַרגעקומען אין די הערצער פון די רעליגיעזע פאַנאַטיקער, אַז זיי האָבן אַפילו געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף שפּינאָזאָס לעבן, דער אַטענטאַט איז אָבער נישט געלונגען. ווען ער איז אַ געוויסן אָוונט געגאַנגען אַהיים, האָט ער געזען, ווי צו אים דערנענטערט זיך אַ מאַן מיט אַ מעסער אין האַנט. שפּינאָזאַ האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, און דאָס מעסער האָט נאָר דורכגעשטאָכן דעם מאַנטל. דעם מאַנטל האָט ער געהאַלטן ביי זיך אַלס אַן אָנדענק פון בלינדן פאַנאַטיזם. שפּינאָזאַ, וואָס איז נאָך פריער געווען ווייט

פון רעליגיעזן לעבן פון די יידן, האָט זיך איצט אין גאַנצן פון זיי דער־ווייטערט. ער האָט געוווינט אין אַ פאָרשטאָט פון אַמסטערדאַם, זיך באַ־שעפטיקט מיט זיינע פילאָסאָפישע און וויסנשאַפטלעכע שטודיעס אין מאַטעמאַטיק, פיזיק און אָפטיק. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מיטגליד פון דער יידישער קהילה, איז אָבער נישט איבערגעגאַנגען צו די קריסטן. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געלעבט אויסערהאַלב פון יעדן רעליגיעזן פאַרבאַנד. דעם יידישן נאָמען ברוך האָט ער געענדערט אויף דעם גליך באַדייטנדיקן נאָמען בענעדיקט. אין איינקלאַנג מיט דער יידי־שער טראַדיציע האָט ער גלייכצייטיק מיט זיין שטודירן זיך אויך געלערנט אַ מלאכה — שלייפן גלעזער פאַר מיקראָסקאָפן און טעלעסקאָפן. אויף דעם אופן האָט ער זיך געשאַפן פרנסה. ביי טאָג האָט ער געאַרבעט, ביינאַכט האָט ער שטודירט.

דעם גרעסטן טייל פון מעת־לעת האָט ער פאַרבראַכט אַליין אין זיין צימער וועלכן ער האָט זעלטן ווען פאַרלאָזן. שפינאָזאַ, וואָס האָט געזאָלט ווערן דער לערער פון דער מענטשהייט, האָט זיך אָבער געמוזט צוריקציען פון אַלע ערדישע און צייטלעכע פאַרבינדונגען, און ער האָט געמוזט לעבן נאָר פאַר איין זאַך — צו דערגרונטעווען זיך צום אמת. ער האָט זיך באַ־פרייט פון אַלע צעשטרייענדיקע ענינים, וואָס וואָלטן אים געשטערט צו דערגרייכן זיין ציל.

ביז צום סוף פון זיין לעבן האָט ער אָפגעהיט זיין איינזאַמע אומאָפ־הענגיקייט, אַפילו זיך אָפגעזאָגט פון אַ פּראָפעסאָרן־שטעלע אין היידלס־בערג. ער האָט רעדוצירט זיינע באַדערפעניש ביז צו אַ מינימום און האָט נישט אָנגענומען קיין געלט־מתנות פון זיינע נאָענטע. ווען סימאָן דע ווריס האָט אים געוואָלט מאַכן פאַרן יורש פון זיין פאַרמעגן, איז שפינאָזאַ באַ־שטאַנען אויף דעם, אַז ער זאָל עס געבן זיין אייגענעם ברודער. סימאָן דע ווריס איז נאָכגעקומען שפינאָזאַס פאַרלאַנג, מיטן באַדינג, אַז ער זאָל באַקומען 500 גולדן יערלעך. שפינאָזאַ אָבער האָט גענומען נאָר 300.

אין זיין באַציונג צום הויז־אייגנטימער איז ער געווען פריינטלעך און חבריש. אָפט האָט ער זיך פאַרווײַלט מיט זיינע הויזלייט. מיט זיינע פריינט און תלמידי חכמים, וואָס האָבן געזוכט זיין באַקאַנטשאַפט, איז ער געווען

צוגעלאָזן און ליבלעך. די מילדקייט, הומאַניטעט, פריילעכקייט אין זיין גאַנצן וועזן, מיט זיין גייסטרייכער באַהאַנדלונג פון ענינים, מיט זיין אופן פון פירן געשפּרעכן, האָט ער געמאַכט אַן אומבאַשרייבלעכן איינדרוק אויף די מיטשמועסער. זיין הומאָר איז געווען פריינטלעך, אָן קיין שום סאַרקאַזם, און ער איז געווען העכסט ליבנסווערדיק. אין לעבן פון שפּינאָזאַן, שרייבט קונאָ פישער, איז נישט געווען קיין איין פאַל, וואָס זאָל שטיין אין סתירה מיט זיין כאַראַקטער.

אין עלטער פון 28 יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין רעגנסבורג, נעבן ליידן, און דאָרט און אין פאָרבורג, אַ פאָרשטאָט פון האַאַג, האָט ער גע־שריבן זיינע צוויי ערשטע ווערק: „פון גאָט, דעם מענטש, און זיין גליק־זעליקייט", וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען „עטיק", און „פון דער פאַרפול־קאָמונג פון אינטעלעקט" (דאָס ערשטע ווערק איז געשריבן אין האָלענדיש און אַלע איבעריקע אין לאַטיין). דאָס ערשטע ווערק הייבט זיך אָן מיט גאָט, דאָס צווייטע, וואָס נאָר אַ פראַגמענט איז פון אים געבליבן — מיטן מענטש. דעם צווייטן יאָר שרייבט ער, ווי אַ געלעגנהייטשריפט, „די פּרינציפּן פון דער קאַרטעזיאַנישער פילאָסאָפיע", באַגרינדעט לויט דעם געאָמעטרישן מעטאָד, און אויך זיין אָפּהאַנדלונג „מעטאַפיזישע געדאַנקען".

איצט הייבט ער אָן צו אַרבעטן אויף זיין לעבנסווערק „די עטיק". די דאָזיקע אַרבעט איז געווען געפּלאַנט לויטן מוסטער פון ערשטן ווערק, אין דריי טיילן. ער האָט פאַרענדיקט נאָר דעם ערשטן טייל, און אין די ווייטערדיקע פינף יאָר שרייבט ער דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַק־טאַט". ער האָט מיט דעם ווערק געוואָלט אויפקלערן די באַציונג פון דער מלוכה צו רעליגיע. די סיבה דערפון איז געווען די דערמאָרדונג פון דעם גאָווערנער דע וויט, וואָס איז געווען אַ פריינט און באַשיצער פון שפּינאָזאַן, וועלכער האָט באַקומען אַ דאַנק אים אַ פּענסיע.

אין משך פון פינף יאָר זענען דערשינען אַנאָנים פינף אויפלאַגעס פון „טעאָלאָגישן טראַקטאַט". צווישן 1670—80 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן 50 פאַרבאָטן פון די קירכע־אויטאָריטעטן צו לייענען דאָס בוך, ווייל עס פאַרשפּרייט אַטעיזם און עס צעשטערט דעם גאָטעסדינסט און די רעליגיע פון גרונט־אויס.

אַזוי איז שפּינאָזאַ באַרימט געוואָרן. איין קריטיקער האָט אָנגערופן שפּינאָזאַן „די פאַרקערפּערונג פון טייוול״, אַן אַנדערער — „דער געפּער־לעכער אַטעיסט פון אונדזער צייט״.

אין זיין פילאָסאָפישן הויפּט־ווערק, אין דער „עטיק״, טיילט שפּינאָזאַ פולשטענדיק אָפּ, צום ערשטן מאָל, די פילאָסאָפיע פון דער טעאָלאָגיע. אין טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט באַפרייט ער די מלוכה פון דער הערשאַפט פון טעאָלאָגיע און טעאָלאָגן. אויף אַ קלאָרן און פאַרשטענדלעכן אופן באַ־האַנדלט ער די טראַדיציאָנעלע אָנשווינגען וועגן אַנטפּלעקונגען, וווּנדער און דעם תנ״ך און ער באַווייזט, אַז די אין תנ״ך אַנטהאַלטענע רעליגיע פאַרלאַנגט נישט קיין גלויבן אין דאָגמעס אָדער מופתים און נישט די אויספירונג פון זינלאָזע צערעמאָניעס, נאָר די אָנערקענונג און פּראַקטי־צירונג פון מצוות־מעשיות און פון די געבאָטן פון צדק און מענטשנליבע. רעליגיע און פילאָסאָפיע זענען צוויי פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן: די רעלי־גיע פאַרלאַנגט בלינדע געהאָרכזאַמקייט, די פילאָסאָפיע איז דערקענטעניש פונעם אמת.

שפּינאָזאַ לייגט אין טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט דעם גרונט־יסוד פאַר דער ראַציאָנעלער ביבל־קריטיק און ביבל־פאַרשונג, וואָס האָט זינט דעמאָלט, ביז היינט, דערמעגלעכט אַ בעסערע פאַרשטענדעניש פונעם תנ״ך. ער דערקלערט די ביכער פונעם תנ״ך אַלס דאָקומענטן, געשריבן פון מענטשן אין אַ געוויסער צייט, וואָס דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט: ווען, ווי, פון וועמען און צו וועלכן צוועק זיי זענען געשריבן געוואָרן. ער אונטערשרייכט: נאָר אין הינזיכט פון עטישער לערע זענען די נביאים געווען אינספּירירט, אָבער פון פילאָסאָפישן און וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט זענען זייערע אָנשווינגען געווען פּראָדוקטן פון זייער צייט און זענען פאַר אונדז נישט בינדנדיק. פולע פרייהייט אין וויסנשאַפטלעכער און פילאָסאָפישער שפּעקולאַציע, איז אין איינקלאַנג מיט די וויכטיקסטע פּאָסטולאַטן פונעם תנ״ך.

שפּינאָזאַ אונטערזוכט דאָס רעכט פון דער מלוכה און ער שטעלט פעסט, אַז די רעגולירונג פון אַלע קירכלעכע ענינים געהערט צו דער מלוכה און נישט צו די גייסטלעכע.

ער באַווייזט, אַז ס׳איז צום גרעסטן שאָדן פונעם שטאַט, ווען ער לאָזט איבער די לייטונג פון רעליגיעזע פראַגן אין די הענט פון דער היעראַרכיע. פון שטאַט פאַרלאַנגט ער אַבסאָלוטע פרייהייט פון רעדן און דענקען, אַן וועלכע עס איז נישט מעגלעך די אַנטוויקלונג פון דעם שטאַט. דאָס איז דער אייגנטלעכער צוועק פון זיין בוך.

די פרייהייט פון דענקען איז אַ וואזנטלעכער ענין אין דער עקזיסטענץ פונעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט. שפינאָזאַ ווערט פאַררעכנט אַלס דער באַגרינדער פון דער אידעע וועגן טאָלעראַנץ. אויב מען האָט ביז דעמאָלט געמיינט, אַז נאָר די רעליגיע קען שטיצן אַ מלוכה באַזירט אויף רעכט און מאָראַל, באַווייזט שפינאָזאַ דורכן געטלעכן געזעץ, וואָס איז איינגעקריצט אין דעם באַוווּסטזיין פון יעדן איינעם, אַז יעדער איינער פאַרשטענדיקער מענטש איז פעיק אויפן גרונד פון זיינע אינטעלעקטועלע באַמיונגען צו דערגרייכן אין ד ע ם לעבן די גליקזעליקייט, וואָס איז באַגרינדעט פון שכל.

בנוגע דער מלוכה שרייבט ער, אַז זי דאַרף אַרויסגעבן נאָר אַזעלכע געזעצן, וואָס זענען שייכותדיק אין דער באַציונג פון בין אדם לחבירו, זי דאַרף זיך אָבער נישט אַריינמישן אין ענינים פון גלויבן. „דער ערשטער צוועק פונעם שטאַט איז נישט צו באַהערשן אָדער צו האַלטן דעם מענטשן אין מורא, נאָר צו באַפרייען אים פון פחד, כדי ער זאָל קאָנען לעבן אין דער גרעסטמעגלעכער זיכערקייט, דאָס מיינט, אַז ער זאָל קאָנען ווי אַמ־בעסטן אויסניצן זיין נאַטירלעכן רעכט צו עקזיסטירן.

שפינאָזאַ שטעלט פעסט, אַז עס איז נישט דער צוועק פון דעם שטאַט, צו פאַרוואַנדלען די מענטשן פון דענקנדיקע באַשעפענישן אין חיות אָדער אויטאָמאַטן, נאָר זיי צו דערציען, אַז גייסט און קערפער זאָלן אַנטוויקלען אומגעשטערט זייערע כוחות און מענטשן זאָלן מאַכן אַ געברויך פון זייער פרייען שכל און זאָלן פאַרמיידן זיך צו באַקעמפן מיט האַס, צאָרן און צביעות, און נישט האָבן קיין קנאה־שנאה איינער צום אַנדערן. דער צוועק פון דעם שטאַט איז, דעריבער, די פרייהייט (קאַפּ. 20). די דעמאָקראַטיע ווערט אָנגעוויזן אַלס די בעסטע פאָרעם פונעם שטאַט, ווייל זי אַנטשפרעכט צום בעסטן דער מענטשלעכער נאַטור און זי איז אין איינקלאַנג מיט דער פרייהייט פונעם מענטש.

נאָכן פאַרענדיקן דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט טרעט שפּינאָזאַ צו אויסצואַרבעטן זיין פילאָסאָפיש הויפּט־ווערק די „עטיק״ און אַרבעט איבער דעם 5 יאָר. נאָך דעם ווי ער האָט געגעבן דאָס בוך דרוקן, האָט ער עס צוריקגעצויגן, ווייל ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער דרוקט אַ בוך וועגן גאָט אין וועלכן ער באַווייזט, אַז קיין גאָט איז נישטאָ. די „עטיק״ איז דערשינען אַנאָנים נאָך זיין טויט, אַרויסגעגעבן פון זיינע פריינט. שפּינאָזאָן האָט נישט געאַרט, אַז מען זאָל וויסן, ווער עס איז דער מחבר פון דעם בוך. קורץ פאַרן טויט האָט ער אויסדריקלעך פאַרלאַנגט, אַז זיין נאָמען זאָל נישט דערשיינען אויף דעם שער־בלאַט פון דער „עטיק״, אָבער ער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז דאָס בוך זאָל ווערן געדרוקט.

איידער מיר טרעטן צו זיך נעענטער צו באַקענען מיט דער „עטיק״, ווילן מיר אין קורצן דערמאָנען די אַנדערע שריפטן פון שפּינאָזאָן. נאָכן פאַרענדיקן די „עטיק״ שרייבט ער אַ פּאָליטישן טראַקטאַט פון וועלכן ס׳איז געבליבן בלויז אַ פראַגמענט ווייל דער טויט האָט ביי אים אַרויס־געריסן די פעדער פון האַנט. אין פּאָליטישן טראַקטאַט ווערט באַוויזן, אַז אַ שטאַט מוז זיין אַזוי אָרגאַניזירט, אַז עס זאָל נישט מעגלעך זיין, ער זאָל דעגענערירט ווערן אין אַ טיראַניע, און דער פרידן און די פרייהייט פון די בירגער זאָלן נישט אַנגערירט ווערן. דער פאַקט, אַז דער דענקער שפּי־נאָזאַ האָט זיך אַזוי פיל באַשעפטיקט מיט דער טעאָריע פונעם שטאַט איז לייכט צו פאַרשטיין, ווען מיר געדענקען די טראַגעדיע פון אונדזער צייט — היטלער־סטאַלין, וואָס זענען געווען די סיבה פון אומגליק און פאַרניכטונג פון מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן.

שפּינאָזאַ האָט אויך אָנגעשריבן אַ העברעישע גראַמאַטיק און אַ קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן רעגנבויגן. אַן איבערזעצונג פון תנ״ך האָט ער פאַרברענט קורץ פאַר זיין טויט. וויכטיק צו פאַרשטיין די „עטיק״, איז אויך זיין ב־יוו־אויסטויש, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך זיין טויט. די „עטיק״, דער „פּאָליטישער טראַקטאַט״, די „פאַרפולקאָמונג פונעם שכל״ און די בריוו זענען דאַן דערשינען.

אין דער „עטיק״ איז קריסטאַליזירט אַן אַרומפאַסנדיקע פילאָסאָפישע

סיסטעם, די אידעען פון זיין ערשטער אָפּהאַנדלונג „פון גאָט״, פון דער „פאַרפולקאָמונג פון אינטעלעקט״ און פון זיינע „מעטאַפיזישע געדאַנקען״. כדי עס זאָל אונדז ווערן פאַרשטענדלעך די שווערע שפּראַך פון דער „עטיק״, מוזן מיר שפּינאָזאָן אַריינפּאַסן אין דער פילאָסאָפישער טראַדיציע פון זיינע פאַרגייער, קודם כל אין דער געדאַנקען־וועלט פון דעקאַרט. דער מקור, פון וואַנען שפּינאָזאַ איז אַרויסגעגאַנגען, איז, חוץ דעם יידנטום, אויך דער אידעען־קרייז פון דעקאַרט און פון דער סכאָלאַסטיק; מיר מוזן אויך צוריקגיין ביז צו דעם אָנהייב פון פילאָסאָפיע אין גריכנלאַנד, צו די פאַרסאָקראַטיקער, צו די עלעאַטן, וואָס וויזן אָן דאָס זיין און צו די דענקער, וואָס באַטאָנען דאָס ווערן, ווי, למשל, העראַקליט, אַז אַלץ פליסט פאַנטא ריי, דאַן קומען מיר איבער סאָקראַטעס צו פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, שפּעטער צו די סטאָיקער און עפּיקער, ווייל שפּינאָזאַ באַנוצט סטאָישע געדאַנקען, ווי, למשל, פון סענעקאַ און מאַרק אַורעל; ער ווייזט אויך עפּיקורישע רעזאָנאַנסן. דער עיקר, שפּינאָזאַ באַנוצט סווערען פּלאַטאָס אידעענלערע און ער גייט אין דעם זין ווייטער. ער ווייזט אָן, אַז די זאַכן, וואָס מיר נעמען אויף, זענען נישט בלויז שאָטנבילדער פון די אידעען, נאָר ער אידענטיפיצירט אונדזער וועלט פון זאַכן מיט דער סאַמע וועלט פון די אידעען.

נאָכפאָלגנדיק דעקאַרטן, באַנוצט שפּינאָזאַ די שפּראַך פון דער מיטל־אַלטערלעכער סכאָלאַסטיק, וואָס איז אַן אומגליקלעכע צונויפפאָרונג פון טעאָלאָגיע און פילאָסאָפישער ספּעקולאַציע. זיין טערמינאָלאָגיע איז סובסטאַנץ, אַטריבוט און מאָדוס, אויסדרוקן, וועלכע זענען היינט פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעך. זיין עפּאָכע איז די צייט פון אָנהייב פון דער וויסנשאַפט. קאָפּערניקוס, קעפּלער און גאַליליי און דער יאָרהונדערט פון מאַטעמאַטיק. דעקאַרט דערפינדט די אַנאַליטישע געאָמעטריע, לייבניץ און ניוטאָן, אומאָפּהענגיק איינער פון אַנדערן, — דעם קאַלקולוס. דער יאָרהונדערט איז אַן עפּאָכע פון נאַטורפאַרשונג. שפּינאָזאַ באַשעפטיקט זיך מיט פיזיקאַלישע און כעמישע עקספּערימענטן און אין היגזיכט פון מאַטעמאַטיק איז ער, פונקט ווי דעקאַרט, אַ קינד פון זיין צייט. דאָס מיינט פון ראַציאָנאַליזם.

די עפּאָכע באַקומט איר שטעמפּל פון דער בליענדיקער וויסנשאַפט, מאַ־טעמאַטיק און לאָגיק.

מיט דעקאַרטן הערט אויף די אומפּרודוקטיווע און זינלאָזע דיסקוסיע פון די סכאָלאַסטיקער, ווי, למשל: צי זענען די מלאכים זכרים צי נקבות, וויפל מלאכים קענען שטיין אויפן שפּיץ פון אַ נאָדל, וואָס איז די באַציונג פון די 3 כוחות אין דער טריניטעט. אין דער געשיכטע פון דענקען הייבט זיך אָן עפּעס גאָר נייעס, ווייל דאָס אַלגעמיינע דענקען איז געוואָרן פאַר־דאָרבן, ווייל דעקאַרט נעמען אַלס אויסגאַנג־פּונקט אין באַוווסטזיין אַ קלאָרע און אומפּאַסנדיקע אידעע, פון וועלכער מען זאָל קענען קומען צו באַשטימטע אויספירן ווייל אַלע געוויינלעכע געדאַנקען זענען טעותדיקע, צווייפלט ער אין אַלץ. ער זוכט זיכערקייט, באַשטימטקייט. ס'איז באַקאַנט זיין „קאָגיטאָ, ערגאָ סום" — איך דענק, איז אַ סימן, אַז איך עקזיסטיר. דאָס איז אָבער נישט קיין לאָגישער שלוס, נאָר אַן אָנהייב פון דענקען. באַוווסט איז אויך זיין געאָמעטרישער מעטאָד, אין וואָס שפּינאָזאַ פאָלגט אים נאָך, ווייל זי איז אַ געוויסע פאָרעם פון דעם אמת. די „עטיק" איז געשריבן ווי עוקלידס געאָמעטריע, כדי אונטערצושטרייכן דעם אָביעק־טיוון, וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער פונעם ווערק.

שפּינאָזאַ באַנוצט, ווי געזאָגט, די פילאָסאָפישע שפּראַך פון דעקאַרט און די סכאָלאַסטיקער פאַר אים, אָבער אין זיין גייסט מיט זיין גענויעם אינהאַלט, פריי פון רעליגיעזע פאָראורטיילן. די ראָל, וואָס די רעליגיע האָט דאַן געשפּילט אין אַלגעמיינעם באַוווסטזיין פון די מענטשן, קענען מיר היינט קוים זיך פאָרשטעלן, דעם תנ"ך האָט מען באַטראַכט אַלס וואָרט פון גאָט. אין שפּאַניע און איטאַליע הערשט די אינקוויזיציע. אינעם יאָר 1600 זענען דזשאָרדאַנאָ ברונאָ און וואַניני פאַרברענט געוואָרן פאַר זייערע פרייע מיינונגען; קאַמפּאַנעלאַן האָט מען געהאַלטן 24 יאָר אין תפיסה, מען האָט אים 12 מאָל געפּייניקט, איין מאָל 40 שעה נאָך אַנאַנד, נישט רעדנדיק שוין פון די ליידן פון גאַלילייִ, וואָס האָט געמוזט צוריקציען זיינע וויסנ־שאַפטלעכע דערקענטעניש. ס'איז געוואָרן אַ קאַמף צווישן דעם גלויבן און דעם שכל, וואָס האָט צעטיילט די מענטשן אין צוויי לאַגערן. די אינטער־טעריטאָריעלע גרופּע פון וויסנשאַפטלער און פילאָסאָפן האָט זיך באַמיט

צו באַפרייען די מענטשן פון מורא און אָבערגלויבן. מ׳האָט דערפונדן דעם מיקראָסקאָפּ, טעלעסקאָפּ, טערמאָמעטער, באַראָמעטער, דאָס דעצימיל־סיסטעם האָט מען איינגעפירט און דער קאַלענדאַר איז געוואָרן רעפאָר־מירט. אויך דאָס קרוינווערק שפּינאָזאָס איז, ווי דערמאָנט, געשריבן אין דער פאָרעם פון עווקלידס געאָמעטריע באַזירט אויף אַכט וויכטיקע דעפיניציעס און אויף זעלבסטפאַרשטענדלעכע אַקסיאָמעס אָדער פּאָסטו־לאַטן. אויפן סמך פון די דעפיניציעס און אַקסיאָמעס ווערט דאַן יעדע פּראָפּאָזיציע לאָגיש באַוויזן.

וואָס דעקאַרט האָט געשטרעבט צו דערגרייכן, איז שפּינאָזאַן טאַקע געלונגען. ער איז דער פולקאָמער דעקאַרט. שפּינאָזאַ גייט אַרויס טאַטזאַכ־לעך פון דער צענטראַלער אידעע אין מענטשלעכן באַוווּסטזיין, פון וועל־כער עס לאָזן זיך אָן מי אָפּטיילן אַלע אַנדערע געדאַנקען. אויב מיר ווילן באַנעמען די הויפּט־אידעע פון אַבסאָלוטער אומענדלעכקייט און אייביקייט, וואָס איז איינגעבאַרן אינעם מענטשלעכן באַוווּסטזיין, מוזן מיר קודם כל פעסטשטעלן אין וואָס שפּינאָזאָ ווערט מייסטנס מיספאַרשטאַנען און פאַרוואָס ער ווערט מיט אומרעכט אָנגערופן פּאַנטעיסט. אין אַלגעמיין גלייבט מען, אַפילו אַזאַ דענקער ווי בערטראַנט ראַסעל, אַז שפּינאָזאַ אידענטיפיצירט גאָט מיט דער וועלט. די וועלט איז אָבער, לויט שפּינאָזאַן, נאָר איין אַטרי־בוט פון דער נאַטור און די נאַטור באַשטייט, לויט שפּינאָזאַן, פון אַלע אַטריבוטן, וואָס זענען פון דעם זעלבן תמצית ווי אונדזער וועלט און יעדער אַטריבוט איז אַזוי אַרום דער צענטער.

שפּינאָזאַ גייט אַרויס פון דער אייביק שאַפנדיקער נאַטור, וואָס קאָעק־זיסטירט אין אומענדלעכע אַטריבוטן אָדער וועלטן, אַזוי ווי פּלאַטאָס צענטראַלער געדאַנק איז דער געדאַנק פון דער אידעע פון די אידעען, וועלכע שפּינאָזאַ רופט אָן סובסטאַנץ. דאָס שאַפן הערט קיין מאָל נישט אויף, נאָר גייט דויערנדיק פאָרויס, און אַזוי ווערט דאָס אַלצדינג דער־האַלטן אין דער עקזיסטענץ. המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית.

אַזוי ווי דער מענטש איז איין פאָרעם פון זיין אַטריבוט פון דער סובסטאַנץ, אַזוי זענען די אַנדערע זאַכן: די חיות, די פלאַנצן, און דאָס נישט אָרגאַנישע (שטיינער און מעטאַלן) פאָרמען פון זייערע אַטריבוטן,

מיט זייערע ספּעציפישע אינערלעכע און אויסערלעכע וועלטן אָדער אַטרי־בוטן, פון וועלכע מיר קאָנען גאָר קיין פאָרשטעלונג זיך נישט שאַפן. עס עקזיסטירט דערפאַר, לויט שפּינאָזאַן, נישט נאָר אונדזער אַטריבוט, נאָר אַטריבוטן אָן אַ צאָל. אַזוי פאַרטיפט שפּינאָזאַ אונדזער פלאַכע באַטראַכטונג פון די זאַכן אין דער פאָרשטעלונג, דעם אַטריבוט פון אונדזער וועלט צו דער אומענדלעך־פאַכיקער אינערלעכקייט פון אַלע אופנים פון דער לעבנ־דיקער נאַטור, דער דענקער באַנעמט די זאַכן פון אונדזער אַטריבוט אַזוי ווי, למשל, דער פּאָעט אָדער מאָלער זעט זיי: פונעם שטאַנדפּונקט פון אייביקייט, נישט בלויז לויט די חושים פון אונדזער עקזיסטענץ, אויף אַזוי פיל אויף וויפל זיי ברענגען אונדז נוצן אָדער שאָדן.

אַזוי ווי קאָפּערניקוס רעוואָלוציאָניזירט דעם געאָצענטרישן שטאַנד־פּונקט, באַווייזנדיק, אַז די ערד איז נישט דער צענטער פון דער וועלט, נאָר די ערד געהערט צו אונדזער זונסיסטעם, וואָס איז בלויז איינע צווישן אומצאָליקע, פּונקט אַזוי איז שפּינאָזאָס לערע, אַז אונדזער וועלט אָדער אונדזער אַטריבוט פון דער סובסטאַנץ, איז נישט די סובסטאַנץ זעלבסט און נישט איר איינציקער אַטריבוט, נאָר איינס פון אַלע מעגלעכע אַטרי־בוטן. די איין און איינציקע מאַכט פון דער נאַטור ווירקט אויף אומצאָליקע אופנים, וועלטן אָדער אַטריבוטן.

חוץ דער מאַכט, וואָס שאַפט אַבסאָלוט אומענדלעך און אייביק, דורך וועמענס קראַפט אַלצדינג ווערט דויערנדיק דערהאַלטן אין דער עקזיס־טענץ, געהערט יעדע זאַך, פאַר זיך אַליין באַטראַכט, צו דער געשאַפענער נאַטור. יעדע זאַך ווערט געשאַפן און אַזוי אויך דער מענטש. דער מענטש, אַלס אַ קערפּער, איז מיט אַלע זאַכן אין דער רעלאַטיווער איינהייט פון באַוועגונג, פון וועלכער ער איז אַ באַשטימטע פאָרעם אָדער מאָדוס. לויטן באַוווסטזיין איז דער מענטש אַ באַשטימטער מאָדוס פונעם דענקען, וואָס איז די אינערלעכקייט פון אַלע זאַכן, און דאָס איז דער אַטריבוט פונעם דענקען. דער מענטש איז דערמיט אַ פאָרעם פון די צוויי אופנים פון אונ־דזער אַטריבוט אָדער פון אונדזער וועלט, פון דער באַוועגונג און פון איר אינערלעכקייט. דאָס מיינט פונעם דענקען.

דאָס ערשטע וואָס מיר לערנען פון שפּינאָזאַן וועגן דעם מענטשן איז,

אויף אַ געוויסן אופן, דאָס גערדאַכטע אָדער געשאַפענע פון דער אומענד־לעך דענקנדיקער אָדער שאַפנדיקער מאַכט. דער מענטש איז די פון איר עקזיסטענץ באַוווסטע זאַך אָדער באַשעפעניש, אַזוי ווי לויט שפּינאָזאַ זענען אַלע זאַכן פאָרמען פון דער זיך דענקנדיקער באַוועגונג אין אומצאָ־ליקע גראַדן; די נאַטור איז אומענדלעך־פאַכיק אין איר סטרוקטור. באַוווסטזיין איז איינגעבוירן נישט נאָר אינעם מענטשן, נאָר, לויט שפּינאָזאַן, האָט אַלצדינג אַ נשמה. פאַר שפּינאָזאַן זענען דער באַוווסטזיין און די זאַכן נישט צוויי סובסטאַנצן, נאָר די צוויי אופנים פון אונדזער אַטריבוט אָדער וועלט. דאָס מענטשלעכע דענקען באַצייכנט ברונער אַלס אונדזער פּראַק־טישן שכל צו פּרעזערווירן אונדזער קיום; דערמיט באַנעמען מיר אָבער נישט די זאַכן זעלבסט. שפּינאָזאַ און ברונער ברענגען אונדז די לאַנג געזוכטע אויפקלערונג וועגן דעם מענטשלעכן שכל. ער איז, ווי דערמאָנט, בלויז פּראַקטישער פאַרשטאַנד. כל עמל האדם לפיהו וגם הנפש לא תמלא (קהלת ו—ז). די פאָרשטעלונג אָדער דער פּראַקטישער פאַרשטאַנד איז, לויט שפּינאָזאַן און ברונערן, נאָך נישט דאָס גאַנצע דענקען, ס׳איז רעלאַ־טיוו.

אַז מיר באַטראַכטן דעם מענטשן, זעען מיר, אַז דער מענטש איז פאַר־גענגלעך, אַזוי ווי אַלע געוויינלעכע ווערטן פונעם לעבן זענען בלויז רעלאַטיוו, און סוף־כל־סוף נעגאַטיוו. מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו.

דער פּאָעט וואַלטער פאָן דער פאָגעלווייד, וואָס האָט געלעבט אַרום 1200סטן יאָר פון אונדזער צייטרעכענונג, זינגט אין זיין עלטער:

„אוי ווי, וווהין זענען פאַרשוווּנדן אַלע מיינע יאָרן,
איז מיין לעבן געווען אַ חלום אָדער איז עס אמת ?”

די גריכן באַצייכענען דאָס מענטשלעכע לעבן אַלס אַ חלום פון אַ שאָטן. ס׳איז אוממעגלעך דאָס לעבן פעסטצוהאַלטן. עס פאַרגייט און פאַר־שווינדט. דאָס לעבן פונעם מענטשן איז, לויט שפּינאָזאַן, אימאַגינאַציע. די פאָרשטעלונג פון זיין פאַראייניצעלונג איז דאָך אַ פאָרשטעלונג און איז קרוב צו איינבילדונג. אַלצדינג פאַרגייט. — דאָס איז דער נעגאַטיווער אַספּעקט פון אונדזער אַטריבוט פון באַוועגונג. אָבער — אַלע זאַכן זענען

מיט אַנאַנד פֿאַרבונדן און גייען שטענדיק אין אַן אַנדערן איבער, אַזוי אַז מען קען וועגן זיי נאָר איינס זאָגן — די באַוועגונג. די באַוועגונג איז איינע און זי פֿאַרבינדט אַלע זאַכן צו איינהייט; דער פּאָזיטיווער אַספּעקט פֿון אונדזער אַטריבוט פֿון באַוועגונג איז דער, אַז יעדע איינצלנע זאַך איז נישט בלויז אַ טייל פֿון דער באַוועגונג, נאָר די גאַנצע באַוועגונג אויף אַ געוויסן אופֿן.

דער מענטש, אַ פּאָרעם פֿון אַטריבוט פֿון דער זיך דענקנדיקער באַוועגונג, האָט די דערפֿאַרונג פֿון דער אייביקער שאַפֿונג — אַלס פֿאָרשטעלונג פֿון זיין עקזיסטענץ צווישן זאַכן. די מענטשלעכע נשמה אָדער דאָס באַוווסטזיין איז נישט עפּעס פֿאַרשיידנס פֿון קערפּער, נאָר דאָס באַוווסטזיין פֿון באַוועגטן קערפּער וואָס דערגרייכט, ווי אויבן דערמאָנט, דורך דער אומענדלעכקייט פֿון אַלע זאַכן. און דאָס איז די אידעע פֿון קערפּער. אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין קערפּער, ווערט געפֿילט און באַוווסט, דער קערפּער איז פֿאַרבונדן מיט אַלע זאַכן און אַזוי איז דאָס באַוווסטזיין אַ קייט פֿון פֿאָרשטעלונגען פֿונעם אייגענעם קערפּער צווישן זאַכן, לויט דער דויערנדיקער באַוועגונג פֿונעם קערפּער.

דער אָנהייב פֿון מענטשלעכן דענקען איז פֿאָרשטעלונג, אָדער דער פּראַקטישער שכל פֿון פּרעזערווירן זיין קיום. צום מענטשלעכן באַוווסטזיין געהערט אָבער אויך דאָס באַגרייפֿלעכע דענקען אָדער די אידעע פֿונעם באַוווסטזיין און די אידעע פֿונעם קערפּער. לויט זיין יצירה איז דער מענטש גרויס. חוץ דעם מאַטעריאַליזם וויל אויך זיין אידעאַליזם אָנערקענט ווערן און זיך פֿריי אַנטוויקלען. דאָס קען געשען אומגעשטערט, אויב דאָס באַוווסטזיין פֿון אַ מענטש איז נישט פֿיקסירט בלויז אין דער פֿאָרשטעלונג פֿונעם קערפּער אַלס אַ טייל צווישן זאַכן, נאָר אַז עס איז אים קלאָר אויך די אידעע פֿון קערפּער מיט די אידעען פֿונעם באַוווסטזיין אין איינהייט מיט די אידעען פֿון די זאַכן. דער פֿאַקט, אַז אין דער אידעע פֿון מענטשלעכן קערפּער און באַוווסטזיין איז איינגעבוירן די ציטלאָזע קענטעניש פֿון אַלע גראַדן פֿון דער באַוועגונג און פֿון דענקען אויף אונדזער אופֿן, פֿון די באַגריפֿן און פֿאָרשטעלונגען — דאָס איז די גרונדלאַגע פֿון פּסיכאָלאָגיע און וויסנשאַפֿט. ווייל די פֿאָרשטעלונגען ווערן פּראָדוצירט אין די באַגריפֿן,

וואָס זענען די אַטריבוטן אָדער די מאָדיפיקאַציע פון דער שאַפנדיקער אידעע, דערפאַר געפינט זיך דאָס מענטשלעכע באַוווסטזיין אין דווערנדי־קער באַנייונג. אַלע אַטריבוטן פון דער אַליין שאַפנדיקער אידעע זענען אַנטהאַלטן אין יעדן אַטריבוט אויף זיין אופן, ווי אין אונדזער אַטריבוט, אויפן אופן פון די באַגריפן — נישט צו דערקענען די אַנדערע אַטריבוטן, נאָר צו דעם פּראַקטיש פּרעזערווירן פון מענטשנס קיום. דאָס מענטשלעכע ווילן, — דאָס מיינט, דער גאַנצער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז נישט פריי.

אין קעגנזאַץ צו דער פאָרשטעלונג פון דער אינדיווידועלער מענטש־לעכער עקזיסטענץ צווישן זאַכן, באַצייכנט שפּינאָזאַ די דערקענטעניש פון דער איינהייט פון דער אידעע פון מענטשלעכן באַוווסטזיין און קערפּער מיט אַלע אַטריבוטן פון דער נאַטור, אַלס דעם אמת אָדער גאָט. באַנעמט דאָס מענטשלעכע באַוווסטזיין זיין גאַנצע טיפקייט, דאַן דערגרייכט דער מענטש זיין ראַל, און איז אין אידענטיטעט מיט דער אַבסאָלוט אומענדלעך און אייביק שאַפנדיקער מאַכט, פריי. שפּינאָזאָס דערקענטעניש־טעאָריע איז דערפאַר כולל, חוץ דער פאָרשטעלונג פון פּראַקטישן פאַרשטאַנד, דאָס וויסנשאַפטלעכע דענקען פונעם שכל אין די באַגריפן פונעם באַוווסטזיין, ווייל די פאָרשטעלונגען ווערן דאַך אין זיי פּראָדוצירט אָדער דעראינערט. חוץ דער פאָרשטעלונג און דעם שכל, באַטאָנט שפּינאָזאַ אויך די אינטואי־ציע, דאָס באַנעמען פון תמצית פון די זאַכן.

די אינטואיציע איז ביי שפּינאָזאַן דאָס תופס זיין דאָס עיקרדיקע אין דעם באַוווסטזיין. עס איז דער פּראָצעס פון אָרדענען און לייטערן דעם באַוווסטזיין פון די פיקטיווע אידעען און אַזוי אַרום קומט דאָס אַקטועלע דענקען צו זעלבסטדערקענונג פון זיין אידענטיטעט מיט דער גאַנצער נאַטור. די אידעע פון באַוווסטזיין איבערצייגט דעם מענטשן, אַז ער איז נישט בלויז אין דער נאַטור, נאָר די גאַנצע נאַטור זעלבסט אויף אַ געוויסן און באַשטימטן אופן.

אַזוי ווערט דער מענטש פולשטענדיק באַווירקט און האָט ניט קיין מורא פאַרן טויט. אין דער פאָרשטעלונג באַציט דער מענטש אַלע זיינע דערפאַרונגען בלויז אויף זיך אַלס אַ טייל, — אָבער דאָס וואָס עס איז

פּראַקטיש ריכטיק איז, פון שטאַנדפּונקט פון דענקען, די סיבה פון טעות, און פון דעם קומען אַרויס די עמאָציעס פון מענטשלעכעליידן. מאַכט דער מענטש געברויך פון שכל און פון דער אינטואיציע, דאַן קערט ער צוריק אַלץ קלאָרער צו דער איינהייט מיט דער נאַטור אָדער גאָט, פון וואָס ער שיידט זיך אויס דורך דער פאַרשטעלונג פון זיך אַלס אַ יחיד. אינטואיציע באַדייט — דער אַלץ קלאָרער באַנומענער אונטערשייד צווישן דער בולט פּראַקטיש גילטיקער פאַרשטעלונג פון זיך אַלס אַ יחיד, און פון דער אידעע, סיי פון קערפּער, סיי פון באַוווסטזיין, אין זייער איינהייט מיט דער נאַטור.

אינעם מענטשלעכן באַוווסטזיין איז פאַראַן, חוץ דעם פּראַקטישן פאַרשטאַנד, לויט שפּינאָזאַן און ברונער, אויך גייסט, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין קונסט, פילאָסאָפיע און מיסטישער ליבע צו מענטשן. אויב אָבער דער גאַנצער פּראַקטישער פאַרשטאַנד פון אַ מענטשן איז נישט באַגרינדעט אויף זיין גייסטיקן פונדאַמענט, דאַן ווערט דער פאַרשטאַנד, וואָס איז בלויז אַ רעלאַטיווער מיטל צו פּרעזערווירן אונדזער קיום, אָבערגלויביק אַבסאָלוט. די פאַרשטעלונג פונעם עגאָ צווישן די זאַכן ווערט דאַן אומגעהייער איבערטריבן, דער מענטש ווערט פול מיט פּוסטער גאווה און ער ווערט צעפּרעסן פון די ליידנשאַפטן. דער אָבערגלויבן מאַניפעסטירט זיך, לויט ברונער, אַלס אומפּרוכטבאַרע מעטאַפיזיק. וואָס איז באַזירט בלויז אויף לאָגיק און נישט אויף גייסט. דער אָבערגלויבן דערשיינט אויך אַלס רעליגיע. דאָס מיינט בלינדער גלויבן אין אַ מאַכט, וואָס באַלוינט און באַשטראָפט דעם מענטשן. דער אָבערגלויבן ווייזט זיך אויך אין דער מאָראַל, וואָס פאָדערט פון אַנדערע מענטשן גוטע מידות און פאַרנאַכלעסיקט דעריבער זיין אייגענע דערציונג. ברונער ווייזט אָן, אַז אין מענטשלעכן באַוווסטזיין זענען פאַראַן דריי ספערן אָדער פאַקולטעטן פון דענקען: דער פּראַקטישער פאַרשטאַנד, גייסט און אָבערגלויבן, און דערמיט גיט ער אונדז דעם שליסל צו באַנעמען ווי געהעריק שפּינאָזאַן. איצט פאַרשטייען מיר אויך אין וועלכן פּרט אַלע מענטשן זענען גלייך איינער צום אַנדערן. דאָס מיינט אין פּראַקטישן פאַרשטאַנד, — צו פּרעזערווירן דעם קיום, און אין וועלכן פּרט זיי זענען פאַרשיידן —

אין דער אומגלייכער גייסטיקער אַקטיוויטעט און אָנטייל פון יעדן איינעם אין וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור און פילאָסאָפיע. אין דער מאָס, אין וועלכער די מענטשן זענען זענען אָבערגלויבעריש, זענען זיי קעגן איינאַנדער איינגעשמעלט, ולהיפך, דער רוח הקודש, דער גייסט, פאַראייניקט זיי אַזוי, אַז זיי לעבן מיטאַנאַנדער אין פריינדשאַפט.

דער ערשטער טייל פון דער „עטיק" הייסט: „וועגן גאָט", וואָס ביי שפינאָזאַן מיינט עס נ אַ ט ו ר. דער צווייטער טייל האָט דעם טיטל: „וועגן דער נאַטור און אָפשטאַם פונעם מענטשלעכן באַוווּסטזיין". שפינאָזאָס אַנאַליטישע פּסיכאָלאָגיע, אין דריטן טייל פון דער „עטיק", איז די דער־קלערונג פון די עמאָציעס און ליידנשאַפטן. דאָ ווערט באַהאַנדלט די מאַכט פון די ליידנשאַפטן א י ב ע ר דעם מענטשן. אין פערטן טייל ווערט באַשריבן דער נישט־פרייער און דער פרייער מענטש. אין פינפטן טייל ווערט געוויזן, ווי אַזוי די ליידנשאַפטן קענען אומגעוואַנדלט ווערן אין מידות טובות.

די וויסנשאַפט און די פּראַקטיצירונג פון מידות טובות באַדייטן: די מאַכט פון מענטשן אין דער נאַטור. די וויסנשאפט דערמעגלעכט דאָס בעסערע פּראַקטישע לעבן פון מענטשן, דאָס אויסאיבן פון מידות טובות ברענגען אים אַ גייסטיקע באַפרידיקונג, ולהיפך, באַהערשט ווערן פון ליידנשאַפטן, ווי, למשל: האַס, כעס, קינאה, — איז אַ צייכן פון שוואַכקייט. אין דער פאָרשטעלונג איז דער עגאָיזם אַ בלינדער, ווייל ער איז באַגרע־נעצט בלויז אויפן יחיד. די טוגנט אָדער מידות טובות לייטעט שפינאָזאַ אָפּ אויך פון עגאָיזם, אָבער פון אויפגעקלערטן שטרעבן לטובת הכלל. די פאַראייניקונג פון גלייך דענקנדיקע מענטשן אין פריינטשאַפט ווערט אָנגע־וויזן פון שפינאָזאַן אַלס דאָס בעסטע פאַר דעם מענטשן.

דער פּרינציפּ פון עטיק איז דערפאַר דער ווי געהעריק באַנומענער עגאָיזם; די טוגנט איז דער פולקאָמער עגאָיזם. די עטישע טעטיקייט פונעם מענטשן איז די האַרמאָניע מיט דעם אין אים איינגעבאָרענעם שטרעבן צו פּרעזערווירן זיין קיום. דער יחיד, לויט דער פאָרשטעלונג, איז נאָך נישט דער גאַנצער מענטש. לא טוב היות האדם לבדו — עס איז נישט גוט, אַז דער מענטש זאָל זיין אַליין. וואָס מער איינער איז טעטיק

פאַר אַנדערע, אַלץ גרעסער איז דאָס באַוווסטזיין פון זיין ווערט, ווייל דער מענטש לעבט באמת אין דער מענטשהייט און ער לעבט זיך אויס אין דער טעטיקייט פאַר אַנדערע מענטשן. דער מענטש האָט באמת נאָר דאַן זיך ליב, ווען ער ליבט דעם נאָענטסטן. אויף דעם אופן פאַר־בינדט שפינאָזאַ דעם מענטשן מיט זיין נאַטור פון גרונד אויס און באַווייזט אים זיין ווערט. דער רוב מענטשן בלייבט שטיין ביי דער פאָרשטעלונג פון זיך אַלס אַ טייל, אָבער די זאָרג פאַר דעם עגאָ איז נאָר די ערשטע טרעפּ פון איך־באַוווסטזיין און נאָר די זעלבסט־פּרעזערווירונג, לויט די געבאָטן פון שכל, פּירט צו טוגנט אָדער מידות טובות. די מענטשן־ליבע איז דער באַווייז, אַז דער מענטש איז באַפרייט פון זיין איזאָלירונג פון מענטשן און זאַכן, לויט דער פאָרשטעלונג.

די פילאָסאָפיע האָט פּראָדוצירט די וויסנשאַפטן, און זי וואַכט איבער זיי, זיי זאָלן נישט פאַראומרייניקט און פאַרמישט ווערן מיט אָבערגלויבן, און וויסנשאַפט זאָל נישט געמיסברויכט ווערן. די פילאָסאָפיע הערשט סווערען אין איר מלוכה פון די קלאָרע אידעען. די פּראַקטישע קענטע־נישן פון דער וויסנשאַפט ווערן פאַרגרעסערט און פאַרטיפט, נישט אַזוי דאָס גייסטיקע דענקען, וואָס קען נישט פאַרמערט און נישט פאַרמינערט ווערן. מיר זענען היינט נישט רייכער אין הינזיכט פון דעם אמתדיקן וויסן ווי, למשל, סאָקראַטעס און פּלאַטאָ בשעתם, משה רבנו אָדער שפינאָזאַ אין זייער צייט, נאָר אין עמפּירישער פּראַקטיק. מיר קענען היינט, בעסער ווי פריער, די פונקציע פון האַרצן און דעם לעבער און די קאָמפּאָזיציע פון בלוט. אונדזערע קענטענישן אויפן געביט פון אַסטראָנאָמיע און פיזיק זענען גרעסערע — אונדזערע עטישע ווערטן זענען אָבער געבליבן אומ־פאַרענדערט די זעלבע.

מיר וועלן ערשט לאָזן שפינאָזאַן זעלבסט רעדן, ווייל די באַרירונג מיט זיין גייסט איז אַליין פרוכטבאַר און פון אַנטשיידנדיקער באַדייטונג פאַר יעדן.

ס׳וועט גרינג זיין צו באַנעמען דורך די אויספירן וואָס ווערן דאָ ווייטער געמאַכט, די לערע איז אַ גוטע.

„זי לערנט אונדז, אַז דאָס וואָס מיר טוען איז עס נאָר דורך גאָטס

כוונה, און אַז מיר האָבן אַ חלק אין דער געטלעכער נאַטור, און אַז אַלץ מער איז אונדזער חלק, וואָס מער פּערפעקט, שלימותדיק ס'זענען די מעשים, די טואונגען אונדזערע, און וואָס מער מיר פּאַרשטייען גאָט. וואָרעם נישט נאָר גיט אונדז אָט די לערע אַ פולשטענדיק באַרואיקטן געמיט, נאָר זי האָט אויך די מעלה, וואָס זי ווייזט אונדז אין וואָס עס באַשטייט אונדזער העכסט גליק, אָדער אונדזער גייסטיק גליק, און דאָס איז נאָר אין דער דערקענטעניש פון גאָט, דורך וועלכן מיר ווערן געפירט צו טאָן נאָר דאָס, וואָס ליבע און חסד הייסן. דערפון קאָנען מיר קלאָר פאַרשטיין, ווי ווייט אַוועק פון אַן אמתער אָפּשאַצונג פון טוגנט, פון גוטע מידות, ס'זענען יענע אַלע, וואָס דערוואַרטן פון גאָט די העכסטע באַלוינונג אינעם זכות פון זייער טוגנט, פון זייערע גוטע מעשים, ווי דאָס וואָלט געווען די שווערסטע קנעכטשאַפט, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אַריבערטראָגן, גלייך ווי טוגנט, גוטע מידות און דינען גאָט וואָלט שוין אין זיך אַליין נישט געווען דאָס גליק און די העכסטע פרייהייט.

זי לערנט אונדז, ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך אויפפירן בנוגע דעם, וואָס דער גורל טראָגט אונדז אונטער, אָדער בנוגע דעם, איבער וועלכן מיר האָבן קיין שליטה נישט, דאָס הייסט, בנוגע די זאַכן, וואָס דרינגען נישט אַרויס פון אונדזער נאַטור, און דאָס איז: גרייט צו זיין און מיט אַ רואיק געמיט איבערצוטראָגן דעם גורל מיט זיינע ביידערליי פּנימער, זעענדיק, אַז אַלץ דרינגט אַרויס מיט דער זעלבער נויטווענדיקייט, ווי ס'דרינגט אַרויס פון דער עסענץ פון אַ דרייעק, אַז ס'זאָלן זיינע דריי ווינקלען זיין גלייך צו די צוויי רעכטע ווינקלען.

די דאָזיקע לערע הייבט אויף אויף אַ העכערער מדרגה דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן, אויף וויפל זי לערנט אונדז קיינעם נישט צו האַסן און נישט פאַראַכטן, פון קיינעם נישט אָפּשפּאָטן, אויף קיינעם נישט טראָגן קיין כעס און קיינעם נישט מקנא זיין. ווייטער זאָגט אונדז די לערע, אַז איטלעכער דאַרף צופרידן זיין מיט דעם זייניקן און בייהילפיק זיין איינער דעם אַנדערן, נישט אויס ווייבערישן רחמנות און נישט אויס פּאַרטייאיש־לויט דער פאָדערונג פון צייט און אומשטענדן.

האָס קאָן קיין מאָל נישט גוט זיין (דעם מענטשן, וואָס מיר האַסן,

שטרעבן מיר צו צעשטערן. דאָס הייסט, מיר שטרעבן צו עפּעס, וואָס איז שלעכט. דעריבער קאָן האַס קיין מאָל נישט גוט זיין).

ס'דאַרף אָבער נאָטירט ווערן, אַז דאָ און אינעם ווייטערדיקן פּאַרשטיי קייט אָדער אָבערגלויבן, נאָר בלויז דורך דיקטאַט פונעם שכל, דאָס הייסט, איך אונטער האַס נאָר דעם האַס צו מענטשן.

קנאה, אָפּשפּאָטונג, פאַראַכטונג, כעס, נקמה און די אַנדערע עמאָציעס וואָס געהערן צו האַס, אָדער קומען אויף פון האַס, זענען שלעכט.

אַלץ דאָס, וואָס מיר באַגערן מחמת דעם, וואָס מיר זענען מיט האַס אַפעקטירט, איז געמיין, און אין אַ מדינה איז עס אומגערעכט.

דער וואָס לעבט לויט דער אָנפירונג פונעם שכל, שטרעבט, אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, דעם צווייטן פאַר זיין האַס, כעס, גרינגשעצונג א.א.וו. צוריקצאָלן מיט ליבשאַפט אָדער מיט איידלקייט.

דער וואָס זוכט זיך נוקם צו זיין פאַר באַליידיקונגען מיט האַס, פאַר־ביטערט ער זיך אַליין דאָס לעבן. און פאַרקערט, ווער עס באַמיט זיך צו באַזיגן האַס דורך ליבשאַפט, דער קעמפט זיין שלאַכט מיט פרייד און זיכערקייט".

(מאַנגל אין פּלאַץ דערלויבט אונדז נישט צו ברענגען ווייטערדיקע אויסצוגן).

שפּינאָזאַ איז היינט נישט פאַרעלטערט, נאָר ער ווירקט דווקא איצט אין באַוווסטזיין פון מענטשן, וואָס זוכן דעם אמת אָדער זיך אַליין צו דערקענען. ווייל ער איז געווען דער מבשר פון אייביקייט, האָט ער אומ־צאָליקע מענטשן אינספּירירט צו אַ פול לעבן. די „עטיק" איז דער צענטער פון דער וועלט־ליטעראַטור און זי פאַרלאַנגט אַ לעבנסלענגלעכע שטודיע. ס'איז אוממעגלעך צו זאָגן, איך קען עס אין גאַנצן, ווייל עס רעפּרעזענ־טירט אַלס אַ געניאַל ווערק דאָס אומענדלעכע לעבן. הפוך בה והפוך בה דכולא בה. אַזאַ ווערק האָט גאָר קיין שייכות נישט מיט צייט, נאָר עס איז באַשטימט פאַר אַלע דורות.

היינע שרייבט: „די פילאָסאָפן נאָך שפּינאָזאַן האָבן געזען דורך די ברילן, וואָס שפּינאָזאַ האָט געשליפן". לייבניצעס לערע וועגן די מאָנאַדן און דער אידענטיטעט־פילאָסאָפיע פון פיכטען, שעלינג און העגעל אין דעם

וואָס זיי פאַרפּולקאָמען קאַנטן, איז אָן שפּינאָזאָס לערע נישט דענקבאַר. העגעל שרייבט: „שפּינאָזאַ איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, ענטוועדער שפּינאָזאַ אָדער קיין פילאָסאָפיע". די דייטשישע קלאַסיקער פון 18טן יאָרהונדערט — לעסינג, הערדער און געטע, ווי אויך די ראָמאַנטיקער פון נייַנצנטן יאָרהונדערט זענען שטאַרק באַאיינפלוסט פון שפּינאָזאַן. לעסינג איז געווען אַ שפּינאָזיסט און ער דערקלערט: „נישטאָ קיין אַנדערע פילאָסאָפיע, ווי די פון שפּינאָזאַן". וואָס געטע האָט צו פאַרדאַנקען שפּינאָזאַן איז באַקאַנט. היינע שרייבט דעריבער: „שפּינאָזאָס לערע האָט זיך באַפרייט פון דער מאַטעמאַטישער פאָרעם און פלאַטערט אַרום אונדז אַלס געטעס ליד. די האַרמאָנישע פערזן נעמען אַרום דיין האַרץ, ווי אַ צערטלעכע געליבטע, בשעת דאָס וואָרט אומאַרעמט דיך, קושט דיך דער געדאַנק". געטע זאָגט פון איין זאַץ אין דער „עטיק" (V, 24), אַז ער איז דער גרעסטער אין דער גאַנצער ליטעראַטור. שלייערמאַכער שרייבט וועגן „דעם הייליקן, פאַרשטויסענעם שפּינאָזאַן. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דערהויבענעם וועלטגייסט. דער אוניווערס איז געווען זיין אַנהייב און ענדע, זיין איינציקע און אייביקע ליבע, און דערפאַר שטייט ער פאַר אונדז, אַליין אָן אומדערגרייכבאַרער מייסטער אין זיין קונסט. „יאַקאָבי, אַ קעגנער פון שפּינאָזאַן אויסערט זיך, ווי פאָלגנדיק: „זיי מיר געבענטשט, גרויסער, אָ הייליקער בענעדיקטוס, הגם דו האָסט געקענט פילאָסאָפירן און אין דיינע רייד טועה זיין בנוגע דער נאַטור פון העכסטן וועזן, זיין אמת איז געווען אין דיין נשמה און די ליבשאַפט צו אים איז געווען דיין לעבן".

היינע שרייבט: „די פילאָסאָפיע פון דעקאַרטן האָט בשום אופן נישט אַרויסגעבראַכט די פון שפּינאָזאַן, נאָר בלויז באַגינסטיקט איר דערשיינען... די מאַטעמאַטישע פאָרעם גיט שפּינאָזאַן אַ רויען פנים, דאָס אָבער איז ווי די האַרטע שאָלעכץ פון דעם מאַנדל, וועמענס קערן איז אויף אַזוי פיל געשמאַקפולער.

דער גייסט פון די נביאים האָט אפשר נאָך גערוט אויף זייער שפּעטערדיקן אייניקל. ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז שפּינאָזאָס לעבן איז געווען פריי פון יעדן טאַדל און ריין, אָן אַ פלעק, ווי דאָס לעבן פון זיין געטלעכן

פעטער ישו הנוצרי, אַזוי ווי ער, האָט שפּינאָזאַ געליטן פאַר זיין לערע. אַזוי ווי ער, האָט שפּינאָזאַ געטראָגן אַ קרוין פון דערנער. איבעראַל, ווו אַ גרויסער גייסט זאָגט אַרויס זיינע געדאַנקען, איז גאָלגאָטאַ. בלויז מיס־פאַרשטענדעניש און בייזער ווילן האָבן געקענט זיין לערע באַצייכענען אַלס „אַטעיסטיש". קיינער האָט זיך נישט, ווען עס זאָל נישט זיין, דערהויבענער אויסגעשפּראָכן איבער דער גאָטהייט, ווי שפּינאָזאַ. „דער פּאַנטעיזם איז די פאַרבאָרגענע רעליגיע פון דייטשלאַנד".

ליכטענבערג שרייבט: „שפּינאָזאַ האָט געדאַכט דעם גרעסטן געדאַנק, וואָס איז איבערהויפּט געקומען אין קאָפּ פון אַ מענטשן. אַז די וועלט וועט נאָך שטיין אומצאָליקע יאָרן, דאַן וועט שפּינאָזאַיזם זיין די אוניווער־סאַלע רעליגיע". הערדער באַהויפּטעט: „די ליבע איז דער העכסטער שכל. אויב מיר וועלן נישט גלייבן דעם הייליקן יאָהאַנעס, מעגן מיר גלייבן שפּינאָזאַן, וואָס איז בלי ספק געטלעכער פון אים".

שפּינאָזאַס גרויסער איינפלוס אויף די ענגלישע דענקער און דיכ־טער איז באַקאַנט. מיר דערמאָנען דאָ בלויז די נעמען פון וואָרדסוואָרד, קאָלערידזש, שעלי, בייראָן, דזשאָרדזש עליאָט (וואָס האָט איבערגעזעצט די „עטיק") און מעטיו אַרנאָלד. סאַטאַיאַנאַ דערקלערט: „שפּינאָזאַ האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון מיין פילאָסאָפיע".

אָן שפּינאָזאַס דירעקטן און אומדירעקטן איינפלוס איז די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע פון פרויד, אַדלער און יונג נישט דענקבאַר.

איינשטיין איז געווען אויף אַ לעקציע־טור אין צפון־אַמעריקע, האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אַ ניו־יאָרקער רבין בזה הלשון: „גלייבט איר אין גאָט?" איינשטיינס ענטפער איז געווען: „איך גלייב אין שפּינאָזאַס גאָט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער האַרמאָניע פון אַלע באַשעפענישן".

שפּינאָזאַ פאַרענדיקט זיין גרויס ווערק מיט די ווערטער:

„גייסטיק גליק איז נישט דער לוין פאַר טוגנט, פאַר גוטע מידות, נאָר איז די טוגנט אַליין. מיר זענען צו איר זוכה נישט דערפאַר, וואָס מיר קאָנטראָלירן אונדזערע גלוסטענישן, נאָר פאַרקערט גאָר, דערפאַר וואָס מיר זענען צו איר זוכה זענען מיר ביכולת צו קאָנטראָלירן אונדזערע גלוסטענישן.

דערפון ווערט קלאָר, אויף וויפל דער חכם איז שטאַרקער און אויף ווי ווייט ער שטייגט אַריבער דעם אומוויסנדיקן, וועלכער ווערט בלויז דורך זיינע גלוסטונגען אָנגעטריבן, וואָרעם נישט נאָר ווערט דער אומוויסנדיקער אויף פאַרשידנערליי אופנים געשטויסן אַהין און צוריק דורך אויסערלעכע סיבות, ק״ן מאָל נישט געפינענדיק קיין אמתע צופרידנקייט אינעם געמיט, לעבט ער דערצו נאָך אַזוי ווי ער וואָלט נישט געוווּסט גאָרנישט וועגן זיך אַליין און וועגן גאָט און וועגן זאַכן, און אַזוי גיך ווי ער הערט אויף צו לײדן, הערט ער אויך אויף צו זיין.

אַנטקעגן, ווידער, דער חכם, אויף וויפל ער ווערט באַטראַכט ווי אַזאַ, ווערט זיין געמיט כמעט קיין מאָל נישט אויפגערודערט, נאָר זייענדיק זיך באַוווּסט אויף זיך אַליין, און וועגן גאָט און וועגן זאַכן, דורך אַן אייביקער נויטווענדיקייט, הערט ער קיין מאָל נישט אויף צו זיין, נאָר געניסט כסדר פון אַן אמתער צופרידנקייט אינעם געמיט.

אויב דער וועג, וואָס פירט אַהין, ווהין איך האָב אָנגעוויזן, זעט אויס צו זיין אַן אומגעהייער שווערער, קאָן מען אים אָבער דאָך אויסגעפינען. און אוודאי מוז שווער זיין דאָס, וואָס ווערט אַזוי זעלטן געפונען. וואָרעם, ווי וואָלט עס מעגלעך געווען, ווען דאָס גליק וואָלט געווען גרייט גלייך צו דער האַנט און מ׳וואָלט עס געקענט געפינען אָן גרויסער אָנשטרענגונג, אַז ס׳זאָל פון אַלעמען פאַרזען ווערן?

אָבער אַלץ דאָס, וואָס איז דערהויבן, איז פונקט אַזוי שווער, ווי זעלטן.

מ. מענאַכאָווסקי

ברוכוב האדם והעסקן הציבורי

(פרק מספרו „בער באָראָכאָוו זיין לעבן און זיין שאַפן")

מאמר זה עומד בסימן הרושם, שעשה עלי ברוכוב כשפגשתיו בוועידה העולמית הרביעית של תנועת „פועלי ציון" בקרקוב בשנת 1913 ושבעת המכתבים, שכתב ברוכוב אל ש. ניגר.

אף־על־פי שהיה ברוכוב טרוד תמיד, לא נמנע מלכתוב מכתבים ארוכים, ויש מהם שהשתרעו על 10—12 דפים מודפסים. באותם המכתבים לא זו בלבד ששיתף את חבריו בענייניו הפרטיים, אלא נגע גם בבעיות מדעיות. ביחוד כתב מאמרים שלמים על פילולוגיה, ספרות אידית, בקורת ספרים, מסות וכדומה.

במכתבו מה־14 לדצמבר 1912, שבו כתריסר דפים ושפורסם ב„איווא בלעטער", הוא דן בבעיה של דקדוק מדעי וחקר הפולקלור. באותו המכתב הוא מדגיש, שיש להתחיל מיד בפיתוח הספרות היפה, בקורת ראויה לשמה, חקר פילולוגי ופובליציסטיקה לאומית כאחת. ש. ניגר מספר, שבמקרה הזכיר במכתבו אל ברוכוב את תורת פרויד בפסיכואנליזה. בתשובה על כך קיבל ממנו מכתב ארוך ובו מחקר שלם על פסיכופתולוגיה והבעיות הרפואיות הכרוכות בה. „במכתב אחד של ברוכוב" — אומר ש. ניגר — „יש יותר בקיאות וחריפות מאשר בעשרה מאמרים של מומחים".

במכתבו מה־12 לאוקטובר כותב ברוכוב: — „„על שולחני מונחים ארבעים מכתבים שעדיין לא עניתי עליהם, והמו"לים מצפים לפרי עטי וממתינים בקוצר רוח".

ברוכוב חי חיי דוחק קשים. באחד ממכתביו הוא כותב: — „אירע

מאורע, שלפי המנהג מברכים עליו ,מזל טוב׳. אצלי הדבר לא היה למזל כלל. אדרבא, המאורע גרם לי יסורים אין קץ: אשתי ילדה לי בת, והלידה עלתה לה במכאובים ובמחלות ממושכות, שגזלו את כל זמני רגע אחר רגע. עכשיו רווח לה קצת ואני יכול לחזור לעבודתי״.

שנה אחר כך, וזה היה ארבע שנים לפני פטירתו המוקדמת, היתה לכותב הטורים הללו הזדמנות להמצא עם ברוכוב במלון אחד כמעט שבוע שלם. זה היה בקיץ 1913. בקרקוב נתקיימה אז הוועידה העולמית הרביעית של פועלי ציון, ואני הייתי ציר לוועידה זו. יחד אתי באו מרוסיה יצחק לב וחבר אחד מלודז שכינויו היה „עמנואל״. גם חברי הועד המרכזי, ביניהם ברוכוב שנמצאו בווינה, באו אל הוועידה. המשלחת הרוסית השתכנה במלון אחד כדי להתיעץ ביניהם במקרה הצורך.

באותה ועידה ראיתי את ברוכוב במלוא שעור קומתו הרוחנית, פשטותו וידידותו כלפי כל חבר; חבר ומורה כאחד. ברוכוב איש המעלה, חוקר מפורסם בתחומי מדע שונים, ובאותו זמן גם איש מעשה, שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן כל צרכו.

וכשם שהיה רבגוני, מלא וגדוש ברוחניות, כך היה ריק מכול בגשמיות. פעם אחת נכנסתי לחדרו ומצאתיו מכבס את צווארון הגומי שלו. „יש לקמץ בהוצאות ולא לבזבז יותר מדי. יפה לו הכיבוס לצווארון של גומי, שהלכלוך מקלקל אותו, שכן זה מאריך את חייו״. הרהרתי בדבר ואמרתי לעצמי: גאון כזה, ודחקו גדול כל כך שזקוק הוא לכבס את לבניו במו ידיו.

אולם עניותו הגדולה לא מנעה אותו מלסייע לחבר בשעת דחקו.

במכתבו מה־11 למרס 1913 הוא כותב: — „עניין חשוב יש לי אליכם. זה זמן רב שד״ר נתן בירנבוים נמצא במצב ירוד מאד. הוא היה כאן לפני שבועות אחדים, ואנחנו דברנו הרבה על כך. הוא זקוק לתמיכה מידית וגם לפרנסה קבועה״. כך הוא ממשיך לכתוב שני דפים מלאים, כיצד לסדר את פרנסתו של ד״ר בירנבוים והוא מסיים:

„... האמינו לי שאני מעריך את זמנכם ולא הייתי מרשה לעצמי להעמיס עליהם דאגות נוספות, אולם יודעני שהדבר איכפת לכם מאד מאד. אין אני מפקפק בדבר, שלא תחסכו כוחות בהשתדלותכם לגאול את ד״ר נתן בירנבוים ממצוקתו המחניקה את כוחו הרוחני. ישנן פעולות, שהכל

כדאי להן, שהעושה אותן אינו מרגיש באיבוד זמנו וכוחותיו. ונראה לי של,פנקס׳ יש ערך כזה; שלפעולתו של ד״ר בירנבוים, למאבקו ומחשבותיו יש ערך אוביקטיבי בשביל כולנו, אע״פ שאם ננתח את מחשבותיו אחת לאחת, נמצא שאין אנחנו מסכימים אתו״.

ולא רק נאה דורש היה ברוכוב אלא גם נאה מקיים. לא רק מאחרים דרש, שלא לחסוך כוחות ועמל בשעה שחבר זקוק לסיוע, אלא גם הוא עצמו היה נכון להעמיס על עצמו את דאגת הזולת. לא מצב רוחו ולא שעת דחקו הקשה מנעו אותו מלמלא חובת חבר למי שהשעה דחוקה לו.

במכתב שכתב כחודש אחר כך, בסוף אפריל, שבו הוא דן בשורה של בעיות בדקדוק השפה, בסופרים ובעבודתם, ובעבודתו המדעית, הוא חוזר אל ענינו של נ. בירנבוים, וכך הוא כותב:

„הואיל ולא הייתי בקו הבריאות (רשלנות אחזתני, ולילות נדודים, וגם תלישתי מרוסיה מפריעה לי) לא יכולתי לעסוק בדבר. עכשו כבר הבראתי ואשתדל לסדר את הענין. אולם אני צריך להקדים את סידור ענייני עם המו״לים, שהוזנחו לגמרי במשך הזמן. מיד לאחר מכן אשתדל להשתמש בקשרים שיש לי לטובתו של ד״ר נ. בירנבוים״. והוא ממשיך בתאור מצב רוחו של בירנבוים שאינו מאפשר לו לעבוד.

כשם שהיה עניו וטוב לב כהלל, כך היה קפדן כשמאי ביחסו לאנשים שלא עמדו על רמה נאותה. היה פולמוסן חריף. כך, למשל, הוא כותב על מתתיהו מיזש הפילולוג: — „מיזש הוא דילטנט מרחם אמו. מפטפט, משעמם ומפגין את בקיאותו. לשם מה הוא מבלבל את המוח בשבעים לשון, בשעה שאין לו מושג נכון אפילו באחת מהן? הוא דפדף בכמה ספרים על שפות זרות, לא קרא, לא שנה ולא שימש; ואינו יכול להתאפק מלהבליט את ידיעותיו שזה עכשו קלט״. ולא קנטור בלבד אתה שומע בוויכוח זה, אלא גם תוכחה ברורה על הדילטנטיות של מיזש. למשל: „הגיונו של מיזש המשונה מסיק: הואיל והבולגרים והרומנים מעמידים את ,הא הידיעה׳ בסוף המשפט, הרי שבולגרית ורומנית אינן שפות סלביות. לפי נוסח כזה אפשר להוכיח כל מיני סברות משונות שאין להן שחר״.

ברוכוב היה חרוץ מאד ובעל מרץ רב כמעין המתגבר. מסוגל היה לשבת

שעות רבות וממושכות אל שולחן־עבודתו ולהתפנות אחר־כך גם לעבודות הציבור.

הזכרנו את השתתפותו בוועידה העולמית הרביעית. לאמיתו של דבר הוא היה ראשה של הוועידה ובכל זאת מצא לו פנאי גם לעבודה מדעית אפילו בשעת הוועידה.

ערב אחד, אחרי יום שלם של ויכוחים, אחרי שהשתתף בכל הדיונים, נכנס אל חדר אחד במלון, במקום שישבה חבורה של צירים לוועידה, והראה לנו טלגרמה מווילנא, מן המו״לים של ה„יידישע וועלט״, שמבקשים ממנו לכתוב במשך ימים אחדים מאמר מקיף על אוגוסט בבל. ואע״פ שלא היתה הספריה שלו מצויה לו אותה שעה גמר את המאמר עוד באותו לילה. כשחזר כותב הטורים הללו אל עירו מצא את המאמר המודפס ב„אידישע וועלט״.

על חריצותו של ברוכוב למרות מצבו הקשה יעידו הקטעים הללו מתוך מכתב שלו מווינה, מתאריך י״ב ניסן תרעג, 1913: „סלח לי ידידי היקר שאני משהה את תשובתי. בגלל שורה ארוכה של קשיים, שעברו עלי לפני עבודתי האחרונה ואחריה, אני נמצא במצב של רשלנות. העמסתי על עצמי יותר מדי בשבועות האחרונים, ועכשו עיף אני, ואיני יכול להתחיל בשום דבר. הכל משעמם אותי; אפילו כתיבת מכתבים. (אעפ״כ משתרע מכתב זה על יותר מחמשה דפים — מ.מ.), לפני שהחילותי את עבודתי הביבליו־גרפית היו לנו כאן קשיים גדולים במשפחה עד שעלה לנו להחזיר את הפעוטה שלנו לאיתנה. עכשו היא כבר בריאה ועליזה, והיא משביעה אותנו נחת תחת היסורים... מיד לאחר ששלחתי לכם את עבודתי הביבליו־גרפית התחלתי לכתוב מאמר על השפה האידית בשביל האנציקלופדיה בפטרבורג (הכוונה לאנציקלופדיה היהודית בשפה הרוסית), מאמר גדוש ששלחתי אליהם לפני שלשה שבועות. מאמר זה עיף אותי קצת משום שהוצרכתי לכתוב באופן מרוכז וקצר על ההיסטוריה של השפה, על מבטאיה השונים, ועל דקדוקה. בשבועות האחרונים הייתי עיף מאד. שנתי נדדה ומידת חומי עלתה. כן נאבקתי הרבה עם מחשבות נוגות״.

הזכרנו כמה הרבה ברוכוב לכתוב ב„פנקס״. הוא גם כן השתדל למצוא משתתפים אחרים. הוא מסר לניגר את הכתובות של חכמי ישראל שבדורו

כמו ליטבק, מדם, רובינשטין, יצחק שיפר, מקס רוזנפלד, פליקס פלק, ל. שוסהים (המו"ל של ה„אידישן אַרבעטער").

ברוכוב לעולם אינו פוסק מתלמודו. אין דעתו נוחה מן המשוררים שאין ידיעותיהם מספיקות, והוא שמח על הדור הצעיר שכנראה מתעניין ללמוד משהו. כשנודע לו שמתוספים פילולוגים לאידיש הוא מלא שמחה. הוא מביע את שמחתו על צ׳מרינסקי וקלמנוביץ העוסקים בפילולוגיה. הוא כותב: „זכות גדולה היא זו לשפה שלנו". הוא מחפש אחרי כוחות חדשים להעשיר את תחום המחקר הפילולוגי, ושואל את ניגר על ה. איזנשטט, שהכין הרצאה רצינית מדעית פילולוגית בשביל הוועידה לאידיש בצ׳רנוביץ, והוא מזכיר שלא נתנו לאיזנשטט לקרוא את הרצאתו, משום שהנאספים רצו בהצהרות ובוויכוחים ולא בחקירה רצינית.

אין כברוכוב שונא דילטנטיות.

כשהוא כותב על מאמרו של בעל־דמיון ב„פנקס", שבו הוא מבקר את ספרו של פינס „די יידישע ליטעראטור געשיכטע", הוא אומר: „ראוי הוא פינס למלקות, שעבודתו נעשתה על רגל אחת ובלי אחריות". אין דעתו נוחה מזה שבעל־דמיון מטפל בפינס בכפפות של משי והוא כותב: „מאמרו של בעל־דמיון מפורט לפרטי פרטים. מכל מקום יש לראות בעליל שבעל־דמיון טרח, חרש וזרע ואילו פינס טייל לו בגן הספרות להנאתו".

ברוכוב היה בעל רגש מוסרי עמוק, ואין כמותו שונא את נטולי המוסר.

במאמרו יוצא בעל־דמיון להגן על כבודם של שני סופרים שפינס לא הזכירם. על כך מעיר ברוכוב: „יפה עשה בעל־דמיון, שיצא להגן על כבודו של זמושץ וראוי הוא פינס לעונש על שלא הזכירו, אבל על לרנר אין להגן. האיש הזה הוא משומד ומלשין. אע"פ שישנם משומדים כמו חבולסון שהביאו גם תועלת לעמם, ואף היו כאלה שיצאו להם מוניטין כגדולי דורם, כמו: היינה, ברנה, הרשל, ריקרדו, מרקס ושונאני, שהמיר את דתו לפני שנים מספר, מכל מקום אין לרנר דומה להם. הוא מלשין שרק מתוך תאוה החריב את התיאטרון האידי, הוא קינא בגולדפדן על שהצליח בענין שהוא לא הצליח, והלך והלשין לפני הממשלה הרוסית. לכן אני אומר שהוא אינו ראוי שה„פנקס׳ יגן על כבודו".

והרי כמה פרטים מהביוגרפיה שלו מתוך דבריו שלו עצמו:

ז א מ ל ב ו ך

„נולדתי בזלטנש פלך פולטבה ב״ז בתמוז, תרמא. חונכתי לחיבת־ציון בבית של דוברי רוסית. בקרתי בגמנסיה והתחלתי ללמוד אידית גם בדיבור וגם בכתב בגיל 26״. בשנת 7—1906 ערך את ה„פראלעטארישער געדאַנק״ ואת ה„פאָלקס צייטונג״ במונטריאל. בשנת 1911 הוציא את הספר „די אידישע עמיגראַציע־פּאָליטיק״ וכן את הספר „קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ שנכתב רוסית ותורגם לאידית.

אלה שהכירו אותו בילדותו מספרים שכשרונותיו נתגלו עוד בהיותו בן ארבע, ומשנה לשנה התבלטה גאונותו הנשגבה יותר ויותר.

אע״פ שהיה ברוכוב איש המדע, לא הקדיש את חייו למדרש בלבד, אלא עסק גם במעשה. הוא נדד מעיר לעיר ומארץ לארץ, הרצה באספות פומביות ועשה כל מיני פעולות שהוטלו עליו או שקיבל על עצמו. אפילו כשהיה חבוש בבית־הסוהר, סדר שם מעין אוניברסיטה עממית והרביץ תורה לפשוטי העם. היו שם אסירים פוליטיים מאוקראינה והוא השפיע עליהם עד כדי כך, שראו את עצמם כתלמידיו.

בשנת 1905 הצטרף ברוכוב לתנועת פועלי־ציון ופעל בה כראש ומנהיג עד דצמבר 1917.

במלחמת העולם יצא ברוכוב לאמריקה וגם כאן מצא לו כר נרחב למרצו בעיסוק בצרכי ציבור. הודות להשפעתו נתלקטה שם חבורה של חכמים לשם הכנת דקדוק מדעי לאידית.

חייו של ברוכוב היו קצרים מאד אבל עשירים לאין ערוך בפעילות בכל תחומי החיים של עם ישראל.

באַגריסונגען

ליבער חבר מענאַכאָווסקי,

דעם 15טן יאַנואַר 1964

ס'האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן צו קריגן אייער קורץ בריוול, פון וועלכן כ'האָב אַרויסגעהערט זייער אַ מונטערן טאָן.

איך בין זייער דאַנקבאַר פאַר דער איינלאַדונג אָנטיילצונעמען אין דעם זאַמלבוך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן לכבוד אייער יובילײ. קיין אַרטיקעלע קען איך נישט שרייבן. ערשט מיט אַ וואָך צוריק בין איך צוריקגעקומען פון אַ גאַנץ שווערער אָפּעראַציע. נאָך פיר וואָכן זיין אין שפּיטאָל און אַ וואָך אין דער היים — האָב איך זיך געמוזט צוריקנעמען צו דער אַרבעט, און גאָט איז מיין עדות, אַז ס'קומט מיר אָן גאַנץ שווער. בעט איך אייך אָננעמען מיין גוטע כוונה מיט אַ כאילו. ס'וואָלט מיר באמת פאַרשאַפט פיל עכטע פרייד זיך ממשדיק צו באַטייליקן אין דער שריפט.

מירביידע געהערן צו זייער אַ געקליבענער געזעלשאַפט פון מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו ווידמען אַפילו מער פון דער קלאַסישער צאָל פון ארבעים שנה, — 40 יאָר צו דער אַרבעט פאַר דער יידישער שול —— ממילא פאַר דער יידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

איך האָב זיך אַלע מאָל געפילט זייער נאָענט צו אייך און האָב שטאַרק אָפּגע־שאַצט אייער דערציערישע אַרבעט. אַוודאי זענען מיר נישט אַלע מאָל געגאַנגען אויפן זעלבן וועג, אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? ס'איז לעולם טאָקע דאָ נאָר איין וועג צו דעם יידישן רענעסאַנס, אָבער אַ סך סטעזשקעס פירן צו דעם וועג. מיר האָבן אויף דעם זייער אַ געזונטע מסורה: „אלה ואלה דברי אלהים חיים”, און דערביי דער נייטיקער באַדינג: „ובלבד שיכוונו את לבם לשמים”.

וויל איך ענדיקן מיינע פאַר ווערטער מיט אַ קליינעם וואַריאַנט, וואָס איך מאַך אויף אַ טראַדיציאָנעלער ברכה: „אשרי זקנתנו שלא ביישה את ילדותנו”.

גיט איבער מיינע האַרציקסטע גרוסן אייער פרוי, אייערע קינדער און אייניקלעך.

אייער בלב ונפש **שלמה ווייסמאַן**

טייערער חבר משה מענאַכאָווסקי,

דעם 2טן פעברואַר 1964

עס איז אַ פרייד און אַ פאַרגעניגן אייך צו באַגריסן, ווי איינעם פון די גאָר חשובע דערציערס פון אונדזערע קינדער און ווי אַ זייער פאַרדינסטפולן פאַר־שפּרייטער פון דער יידישער קולטור.

עס שטייט געשריבן: „ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, — אלו מלמדי תינוקות״. און איר שטייט דאָך אייער גאַנץ לעבן אין די סאַמע פאָדערשטע שורות פון די דאָזיקע „מצדיקי הרבים״.

מיר האָבן טאַקע געאַרבעט די אַלע יאָרן אויפן געביט פון יידישער דערציונג אין פאַרשיידענע ווינקלען פונעם יידישן לעבן, און אפשר אויך פון פאַרשיידענע קוק־ווינקלען, אָבער בעצם האָבן מיר דאָך געהאַט איין איינציקן ציל פאַרן אויג: די ווידעראויפלעבונג און די ווייטערדיקע פאַרזעצונג פון אונדזער יידיש קולטור־לעבן דורך די תינוקות של בית רבן. און ביידע האָבן מיר דאָך דורך די צענד־ליקער יאָרן טיף איבערגעלעבט סיי דעם צער און ווייטיק, וואָס די דאָזיקע אַרבעט טראָגט מיט זיך, און סיי די פרייד וואָס זי פאַרשאַפט.

ווינטש איך אייך האַרציק, אַז דער זכות פון אייער לאַנגער דערציערישער אַרבעט בפרט, און פון אייער קולטור־אַרבעט בכלל, זאָל אייך ביישטיין, אַז איר זאָלט נאָך אויף לאַנגע און געזונטע יאָרן קענען זיין ווירקזאַם און פרוכטבאַר אויף די דאָזיקע געביטן.

און אַ באַזונדערע באַגריסונג צו אייך און צו אייער ליבער פרוי, צו אייער פאָרן קיין ארץ־ישראל. זאָל די אוירא דארץ־ישראל אייך ביידן שטאַרקן אין אייער פערזענלעך לעבן און אייך מוטיקן און באַגייסטערן צו ווייטערדיקע געבענטשטע טעטיקייטן אין אונדזער יידיש לעבן.

אייער **שמשון דונסקי**

ליבער חבר מענאַכאָווסקי,

פאַריז, דעם 30סטן דעצעמבער 1963

מיינע ליבע משה מענאַכאָווסקי און פרוי סטערע,

אָט לייען איך אין תל־אביבער „פאָלקסבלאַט״, אַז ס׳איז אייך געוואָרן זיבעציק יאָר, הלוואי נאָך אויף לאַנגע יאָרן פון געזונט און שעפערישקייט. און ס׳האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ לאַנג־פאַרגעסענע בענקשאַפט צו אייך, צו יענעם שיינעם יונגן דור, וועלכן איר האָט דערצויגן, געגעבן אים גייסטיקע פליגלען, צו גיין אין לעבן אַריין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ פון שטאָלצע יידן. ס׳רוב זענען אויסגעקוילעט געוואָרן, פאַרשוווּנדן אין גרויסן כאַאָס; אָבער די ווייניקע פון אייערע תלמידים, וואָס זענען לעבן־געבליבן, טראָגן ווייטער אייערע אידייען. איך בין איינער פון זיי. און אין אַלע מיינע טואונגען געדענק איך אין אייך, אין דער גרויסער נשמה־יתירה, וואָס איר האָט אין מיר איינגעפלאַנצט.

שיק איך איבער אייך און אייער ליבער פרוי, און אייערע קינדער, די וואַרעמ־סטע, האַרציקסטע גרוסן, צו אייער ווערן אַ בן־שבעים. הלוואי אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

אייער תלמיד **ב. שלעווין** און משפחה